STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02478

DOS EYGN LAND

Celia Robin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאס אייגן לאנד

יום העצמאות

פון

צפּורה ראַבּין

ניו-יאָרק

1951

Copyright, 1951
by
Celia Robin

שער־בלאַט געצייכנט פון
שאול ראַסקין

200

אין אָנדענק מיינע ליבע עלטערן

מיין פאָטער שמאי בן צבי האקמאן ז״ל

מיין מוטער שיינע שרה בת צבי זעליג ז״ל

[מיין זיידע צבי זעליג ליגט אויפן הר הזתים, ירושלים, ישראל]

אַ מתנה מיינע קינדער

●

איך לאָז ניט איבער קיין גאָלד און זילבער, —
בלויז שורות געשריבן, אויף מיינע וועגן געקליבן;
און ניט גאַר גרינג קומט אַ מענטשן אָן אַלצדינג,
אַלץ, וואָס האָט אַ ווערט צו פאַרוואַנדלען אין וואָרט,
אַלץ, וואָס מיט דיר איז געשען — אין שורה אַלץ זען...
דאָס געבורט פון ישראל לאָזט זיך ניט פאַרגעסן,
די ווייען, דאָס פאַרגאָסן בלוט — ניין עס פאַרגעסט זיך ניט!
ניין, קינדערלעך, עס קומט ניט אָן גרינג
צו דערציילן אַלצדינג...
איך זיץ, טראַכט, טראַכט, דורכגעשוועבט
ווי אַ חלום אין נאַכט:
וואו קען זיך שאַפן אַזאַ וואָרט,
אַז וואָס געזען, וואָס געהערט,
יעדע זילבע, יעדעס ריר
פון יעדן מענטש וואָס דערשיינט פאַר דיר —
אַלץ מאָלן צו קענען זען פון דעם וואָס „נעכטן" איז געשען?!
ניין, קינדער, צו שוואַך איז די פען אין מיי האַנט
צו מאָלן דאָס געבורט פון מיין לאַנד...
אָן אייגן היים פון פאַר צוויי טויזנט יאָרן
איז אַזוי וואונדערלעך צוריק געבוירן געוואָרן!
זאָל דער לעזער אַליין די שורות דורכגיין,
דערפילן דעם אָפקלאַנג אויף באַרג און אויף טאָל,
ווי אויסגעקעמפט געוואָרן איז מדינת ישראל!

פאָרוואָרט

וואָס מאַכסטו, ליבע חברה? אַ גאַסט, כ׳לעבן... זיץ. שוין לאַנג זיך ניט געזען. מסתמא האָסטו וואָס צו דערציילן. וואָס, ניין? דו ווילסט אַז איך זאָל דיר עפּעס דערציילן? נו, גוט! נאָר וואַרט, מיר וועלן אַפריער נעמען עפּעס אין מויל אַריין. טרינקען אַ טעפּעלע קאַווע, עפּעס צובייסן, זיך בכלל אַביסל אָרומפרעגן, וועלן מיר שוין שמועסן... יע, דו ווייסט דאָך שוין מסתמא וועגן וואָס מיין וויניקייט שרייבט, און האָפט עס זאָל „אַרויסגיין אין גאַס". עס איז דאָ מאַ־טעריאַל גענוג. עס האָט זיך אָנגעזאַמלט... איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, אפשר איז עס אַ סוד, אַז איך גיב נאָר אַ בלעטער דאָס, וואָס איך האָב אָנגעשריבן בלויז וועגן „מיינע מיידלעך", דאָס וואָס זיי האָבן מיר אָנגעדערציילט, און כאָטש עס איז זייער פאַרקירצט געוואָרן, ווי מיין שטייגער איז אין שרייבן, — גלויב איך זיך אַליין ניט, אַז דאָס איז אַרויס פון מיין פען. מחמת פון איין בלעטל ביז דער צווייטער. טראָץ דעם וואָס עס איז אַ סך איבערגעהיפּט געוואָרן, אויסגעלאָזט געוואָרן, איז זייער פיל אַריין אין שורה...

גלויב מיר, ליבע חברה, אַז דיין איצטיקער וויזיט צו מיר דאָ איז מיר זייער חשוב. דו ווייסט דאָך, אַז אַ שרייבער דאַרף האָבן אַ לייענער; נאָך דעם ווי עס אַרבעט זיך אויס דער שרייבן, דאַרף מען לייענער, דערפאַר טאַקע בין איך דאַנקבאַר אַז מען קומט צו מיר און איך האָב ווער וועמען דאָס אַלץ צו דערציילן. ווי איינער זאָגט: נאַ, זע, דאָס איז מיין סחורה!

וואָס זאָגסטו, האַ? עס געפעלט דיר? נאָר וואַרט. דו האָסט נאָך ניט געמישט מיינע בלעטלעך... אָבער טרינק דערוויל די קאַווע עס זאָל ניט קאַלט ווערן. איך וועל צוגרייטן וואָס עס וועט מיר אַריינקומען אין האַנט אַריין...

מיין בוך פאַנגט זיך אָן מיט „יום העצמאות" — דאָס איז דער נאָמען פון בוך. מחמת ביז דעם גרויסן יום־טוב זיינען זייער טרויע־

ריקע וואָכן, חדשים, יאָרן אַריבער. דעריבער וויל איך טאַקע אָנהויבן דערציילן פון אינמיטן, פון די יום־טוב טעג, וועט עס במילא אַריינציען וואָרום און פאַר וואָס דער בוך טראָגט דעם נאָמען.

אָט אַזוי, מיין פריינט, איז עס. איך נעם זיך אָן מיט מוט, און זאָל מיך פירן דער גייסט, וואָס האָט מיר געהאָלפן איבערלעבן מיט זיי דאָרט, אין ישראל די ווייען און שטורעמס פון וועלכע בלויז אַ טייל ווערט אַריינגעוועבט אין די שורות — אַ טייל פון דעם, וואָס מיינע אויגן האָבן געזען און מיינע אויערן האָבן געהערט.

איך האָף, ליבע חברה, אַז מיין בוך וועט פאַרשפרייט ווערן אויף אַ סך לעזער־טישן — דאָס וועט זיין מיין מאָראַלישע באַלוינונג.

צפורה ראבין

קאַפּיטל 1

אין מיין לאַנד

אַ גרויסער יום־טוב ווערט געפייערט אין ישראל און ביי יידן אין דער גאַרער וועלט. נעמלעך — חג יום העצמאות — דער יום־טוב פון זעלבסטשטענדיקייט.

מדינת ישראל, ווי קליין דאָס לאַנד זאָל ניט זיין, האָט זיך שוין דערוואָרבן אַ נאָמען ביי דער גאַנצער וועלט. אַ חבר איז ישראל געוואָרן ביי די „פאַראייניקטע פעלקער"־ליגע זינט עס איז אַנטשטאַנען. די יידישע מדינה שרייבט פאַר זיך נייע געשיכטע. מדינת ישראל איז אויסגעקעמפט געוואָרן נאָך צוויי טויזנט יאָר גלות. די געשעעניש איז פון גרויס וויכטיקייט, וואָס ניט אַלץ איז נאָך באַוואוסט צום גאַנצן יידישן פאָלק, און מען קען עס ניט אָוועקמאַכן גלאַט אַזוי מיט אַ מאַך פון דער האַנט. גרויס און דערהויבן איז יום־העצמאות אין ישראל. ווי מען גיט איבער, איז געלייגט געוואָרן צוויי קרוינען אויף דוד המלכ׳ס קבר: איין קרוין צום אָנדענק פון דוד׳ס ממשלה, די צווייטע קרוין — פון איצטיקער ישראל ממשלה. די קומענדיקע דורות וועלן זיכער שטאָלצירן מיט דעם אויפטו אויף דעם געביט פון נצח ישראל לא ישקר. דאָס יידישע פאָלק קען ניט אונטערגיין, למרות אַלע יידישע שונאים. אַ לאַנד פון וועלכער דאָס פאָלק זינגט אין די צייטן ווען עס דוכט זיך, אַז אָט־אָט קומט אַ סוף און דער ים שליגגט דיך איין — אַזאַ לאַנד קען ניט אונטערגיין...

די הייסע זון וואַרעמט דייגע געדאַנקען. דאָס לעבן באַקומט אַ זין, בפרט אין ישראל... ווערטער קענען ניט דערציילן דאָס, וואָס דאָס אויג זעט און דאָס האַרץ פילט.

עס צעשטורעמען זיך כוואַליעס געדאַנקען אַזוי, אַז עס איז ניט מעגלעך אַרויסצוקומען אין דעטאַלן וואָס אַזוינס הייסט דאָס אויפקום פון ישראל. גרויל?! קרעמאַטאָריע?! — אַפילו דאָס קען ניט פאַר־האַלטן דעם שטראָם פון אַ פאָלק וואָס גלויבט. אויך אין דער צייט ווען עס איז גרויזאַם אומגעבראַכט געוואָרן אַ דריטל פון דיין פאָלק, געפינט זיך אַ ייד וואָס היט אָפּ אַ שופר פון אַ שול ערגעץ פון אַ שטעטל וואָס איז פאַרניכטעט געוואָרן. דער שופר האָט מסתמא גע־

וואַנדערט און געוואַגלט אין דעם יידנס אָרעמע „לאכעס״ צווישן לאַ־גערן און נאָענט צו קרעמאַטאָריעס, געלעגן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, זיך געטוליעט צו דעם יידנס האָרץ, צו דער נשמה, ביז דער נס איז געשען, דער ייד איז ניצול געוואָרן. און צוזאַמען מיטן שופר, נאָך אַלע וואַגלענישן, דערגרייכט ער די טויערן פון ישראל דווקא צום חג יום העצמאות... און דער שופר האָט זיך געלאָזט הערן: יידן, מדינת ישראל הויבט אָן דאָס דריטע יאָר פון אַ זעלבסטשטענדיקע עקזיסטענץ, למרות אַלע שונאים וואָס לויערן אַרום ישראל. מיר פייערן חג יום העצמאות!

עס דערציילן די „שארית הפליטה״ אַז עס שטייט זיי פאַר די אויגן די גאַזקאַמערן, זיי זעען ווי עס קייקלען זיך רויכן, די פייערצונגען ציען זיך צו די הימלען, עס הענגען אין חלל די געשרייען און פאַר־צווייפלונג־אויסרופן פון די, וואָס מען וואַרפט אַריין לעבעדיקע אין די קאַלכאויוונס אַריין, —

און פּלוצלונג קומט אַרויס אַ שופר, אַ זוכר פון שטעטל, וואָס קיי־נער ווייס ניט ווער איז אָט דער, מיט וועמען דער נס האָט פּאַסירט און וואָס איז זוכה געווען צו קומען קיין ישראל און רופן, וועקן, —

שטיי אויף, מיין פאָלק, דיין גלות איז צו ענדע. עס ווערט גע־פייערט די גרויסע שמחה פון דיין באַפרייאונג; און אויב דאָס איז נאָך ניט „שופר של משיח״, איז עס, אָבער, זיכער, „אתחלתא דגאולה״. דאָס יידישע פאָלק קומט אַהיים צוריק קיין ציון. דער אָפּקלאַנג פון דער באַפרייאונג פון יידישן פאָלק קלינגט אָפּ אין דער גאַנצער וועלט. און בפרט איז גרויס די שמחה פון אונדזער יום העצמאות, ווייל מיר האָבן באַזיגט די שונאים וואָס האָבן אונדז באַפאַלן גלייך נאָך דעם וואָס מדינת ישראל איז פּראָקלאַמירט געוואָרן, מיינענדיק אַז זיי קע־נען שטעכן, ברעכן, פאַרניכטן די יידן און ווערן די זיגער, די פירער איבער ישראל... מיר האָבן די שונאים באַזיגט, ווייל „שומר ישראל ד׳״ שלאָפט ניט. זיין אויג קערט ער ניט אַוועק פון זיינע קינדער וואָס ער האָט זיי צוגעזאָגט ארץ־ישראל. בלויז די יידן פון יענעם זייט „איי־זערנעם פאָרהאַנג״ קענען ניט אָנטייל נעמען אין דעם גרויסן יום־טוב פון זיג איבער די שונאים (אגב, ווער ווייס צי זיי לעבן נאָך דאָרטן „באשר הם שם״).

עס צעוויקלען זיך זכרונות פון ערשטן חג יום העצמאות, ווען מיין וויניגקייט איז געווען אין ישראל, געהאַט די גרויסע זכיה צו זיין אָנוועזנד אין כנסת דווקא דעם טאָג, וואָס, צום אָוונט נאָך די טאָג־פאַרהאַנדלונגען, האָט מען נאָך אַ שעה הפסקה געלאָזט וויסן, אַז

דער עולם זאָל זיך צוריק פאַרזאמלען ווייל עס וועט דערעפנט ווערן דער ערשטער חג יום העצמאות.

זיינט איר ווער פון אייך, מיינע ווירדיקע לייענער, געווען אין אַ פּאַרלאַמענט? איך בין עס צום ערשטן מאָל. מיר, די געסט, זיצן אויבן אויף דער גאַלעריע. אונטן, אין גרויסן זאַל, געדרייט אַ בייגל אין אַ בייגל, שטייען ברייטע טישן מיט אַרומגעבעטע שטולן אויף וועלכע עס זיצן די מיניסטאָרן פון כנסת. יעדער מיט זיין „פּאָרטפעל". עס איז שווער פון אויבן צו זען אַלץ וואָס אונטן טוט זיך. אָבער פיל ווינציק זעט מען יע. איבערהויפּט דעם קליין טישל, דעם „סטענדער" וואו עס זיצט דער ווירדיקער פאָרזיצער.

איך וועל זיך באַמיען איבערגעבן יענע בילד אַזוי גוט ווי מיין קליינער טאַלאַנט וועט עס מיר דינען. אָט איז דער ליבער חשוב׳ער פאָרזיצער, שפּרינצאַק, דאָס קליין מענטשעלע מיטן ליבן שמייכל, מיט זיין גרויסן טאַלאַנט און וואַרעמע האַרץ און נשמה. אָבער, אַנטשולדיקט מיר, ניט דער „קליין" מענטשעלע, נאָר דער „קליין־געוויקסיקער" גרויסער מענטש. טאָלעראַנץ און ווירדע ליגן אין זיין יעדע באַוועגונג. ער דאַרף נאָר אַ הויב טאָן זיין האַנט, דאַרף ער שוין מיטן העמערל קיין קלאַפּ ניט געבן אין טיש. דער צייכן איז גענוג עס זאָל ווערן שטיל אַז מען זאָל קענען הערן דאָס פאַלן פון אַ נאָדל.

עס איז פאַרנאַכט. די זון רוקט זיך אַרונטער אין ים אַריין. די מיליאָנען פאַרבן פון האָריזאָנט שיינען אַריין אין שויב דאָ פון אַנטקעגן פון ים. עס דוכט זיך, אַז אין דער שטילקייט, אָט־דאָ, וואו אַ צוויי טויזנט־קעפּיקער עולם וואַרט מיט שטילע אָטעמס אויף די ערשטע ווערטער פון ווירדיקן פאַרזיצער, אַז אַ שירה פון גאַנצן אַרום ווערט געטראָגן פון די ווינטן גלייך צו דעם פאַרנאַכט־מייעסטעטישן בלויען הימל. עס טראָגט דיך אַוועק ערגעץ אין וועלטן וואָס דו וואָלסט וועלן אַז זיי זאָלן אַזוי אייביק, אייביק פאַרבלייבן, אָבער עס וועקט דיך אויף פון דיין חלום:

„רבתי," הויבט אָן שפּרינצאַק אין זיין ווייכער שטימע (אין עברית, נאַטירלעך), „רבתי," זאָגט ער נאָך אַמאָל, „איידער מיר עפענען חג יום־העצמאות, צום ערשטן מאָל אין אַ צוויי־טויזנט־יאָריקער געשיכטע פון גלות אַז מיר זיינען צוריק אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך, מוזן מיר, דאַרפן מיר רופן אונדזערע געפאַלענע זין צום יום־טוב. מיר מוזן צאָלן אונדזער חוב". אַ קלאַפּ פון האַמערל האָט געגעבן דעם צייכן און אַלע ווי איינער האָבן זיך אויפגעשטעלט.

אונדזערע געפאַלענע קרבנות האָבן אויסגעקעמפט פאַר אונז... דו פילסט ווי אַ קנויל טרערן קייקלט זיך ביי דעם מענטשן אין האַלדז.

עס שטיקן ווערטער אָבער עס קומט גאָר ניט אַרויס... אגב איז שפּרינצאַק אויך אַ טאַטע פון אַ געראַטענעם אין שלאַכט געפאַלענעם זון. יעדער חבר אָדער חברה פון כנסת האָט באַצאָלט מיט אַ קרבן אין מדינת ישראל.

און אונדזער ווירדיקער שפּרינצאַק הויבט אָן שילדערן איינצלנע פאַלן אין קאַמף, וואו אונדזערע קרבנות האָבן געקעמפט ביזן לעצטן טראָפּן בלוט. ווי אין ירושלים איז מען געשטאַנען אַריבער אַכט מאָנאַטן אין קאַמף אָן שפּייז און אָן וואַסער. אויפן וועג פון תל־אביב קיין ירושלים ליגן נאָך עד־היום די צעבראָכענע טאַנקען, וואָס די בראַווע העלדן האָבן פאַרהאַלטן ביי די שונאים און ניט דערלאָזן זיי אַריינדרינגען אין די שטעט, קיין ירושלים אָדער קיין תל-אביב. „און קיינער ווייס ניט און וועט קיין מאָל ניט וויסן”, שרייט אויס שפּרינצאַק מיט אַ וויינענדיקן קול, „וויפיל פון אונדזערע קינדער זיינען אויף דעם וועג אומגעקומען”. דו הערסט אַ כליפּען פון גאַנצן עולם. עס דאַכט זיך אַז באַלד וועלן דאָ איינפאַלן די ווענט. מענער, שטאַרקע, שטאָלצע, זאָלן אַזוי וויינען און כליפּען איז אַ זעלטנקייט.

דאָס, מיינע ליבע, איז פאַרבליבן אין זכרון אַן אומפאַרגעסלעך בילד. די גאַנצע הזכרה געדויערט אַ 15־20 מינוט, אָבער עס דוכט זיך אַז דו שטייסט שוין דאָ אַן אייביקייט. דער שוואַכער קלאַפּ פון האַמער, אַ צייכן זיך זעצן, שטילט נאָך אַזוי גיך ניט איין דעם פאַרטרויערטן עולם, און שפּרינצאַק אַליין ווישט דעם שווייס צוזאַמען מיט זיינע טרערן.

דער עולם זיצט שוין. עס ווערט שטילער און שטילער. ווידער אַמאָל אַ קלאַפּ. דאָס מאָל שוין שטאַרקער, און דו דערזעעסט פאַר זיך דעם שמייכלענדיקן שפּרינצאַק׳ס פּנים מיט זיינע לאַכנדיקע אויגן, פּונקט ווי די זון וואָלט זיך אַרויסגעשפּאַרט פון אַ פאַרוואָלקנט הימל. איצט רופט אויס אַ ווייך קול. גייען מיר איבער פון אבל ליום טוב. איצט עפענען מיר חג יום־העצמאות. פון איצט אָן פייערן מיר אונדזער גרויסן יום־טוב פון באַפרייאונג. אָבער מיט דעם אונטערשייד וואָס ווען די יידן זיינען אַרויס פון מצרים האָבן זיי זיך געשראָקן, מחמת די מצריים האָבן זיי נאָכגעיאָגט, — איז איצט, מיינע ליבע חברים און חברות די מעשה פאַרקערט: די יידן האָבן אַרויסגעטריבן די מצריים ביז זיי זיינען פאַריאָגט געוואָרן און האָבן קיין רעכט מער צו קומען קיין ישראל אונדז ווידער צו באַלעסטיקן. — לפכך, יידן אין דער גאַנצער וועלט, פייערט דעם יום העצמאות.

זיין רעדע האָט געדויערט אייניקע מינוט, אָבער דאָס איז געווען אַ מאָמענט, וואָלט איך זאָגן, אַז לא כל האדם זוכה לזה. דאָס איבער־

צולעבן און פילן קען נאָר דער, וואָס איז אנוועזנד געווען. — דערביי רעכנט אויס שפּרינצאַק דעם גאַנצן „מאַרשרוט" פון יום־טוב, פון היינט, און מאָרגן דעם גאַנצן טאָג, וואָס און וואו עס וועט זיך יום־טובן. דערמיט שליסט זיך די כנסת־זיצונג.

דער גרויסער עולם רירט זיך פון אָרט. דו זעסט ווי חברים פון כנסת רירן זיך דאָ אונטן. אָט גייט דער פּריים־מיניסטער דוד בן גוריון, דער גרויסער פירער פון כנסת; דו זעסט ווי מען טראָגט דעם פּרעמיער פּשוט אויף די הענט. דאָ בלייבט דער גאַנצער עולם שטיין, מחמת בן גוריון בלייבט שטיין אין טיר מיט אַ האַרציקן „יהי רצון" צו דער עפענונג פון ערשטן יום העצמאות. אויך שפּרינצאַק האָט געמאַכט אַזאַ „יהי רצון", אָבער עס האָט ניט געמאַכט אַזאַ טיפן איינדרוק ווי איצט, ביים פאַרלאָזן די כנסת. איצט האָט פּשוט אַ דונער־געטאָן דער אַפּלאָז אויך פון דרויסן, פון די פילע טויזנטער הענט, מיט אַן „הדד בן גוריון!" עס האָט ממש פאַרהילכט די לופט.

אַ גרויסער עולם, מיט בן גוריון בראש, גייט אַריין אונטן אין זאַל צו געדעקטע טישן. אין דרויסן צינדן זיך אָן טויזנטער לאָמפּן־ליכט. עס לייכט ווי פינקלענדיקע שטערן אין הימל.

אגב, איז אין ישראל ניטאָ קיין בין־השמשות. פאַרגייט די זון — איז גלייך נאַכט. אָבער די אָוונטן זיינען ניט קיין פינצטערע. אַפילו ווען די לבנה שיינט ניט, איז די נאַכט ניט פינצטער. ווייל דער הימל איז בלוי און די שטערן פינקלען. עס איז, ווי עס זינגט זיך אין ליד — יפים הלילות בכנען צוננים הם ובהירים, וגם שמים בהירים — שיין זיינען די נעכט אין ישראל, קאַלטלעך אָבער ליכטיק, די הימלען זיינען בלוי און ליכטיק...

אָבער, איך בין, זעט אויס, אָפּגעפאָרן פון וועג. — וואָלט שלום־עליכם געזאָגט. — נעמלעך, איך דערצייל דאָך ווי מיר גייען אַרויס פון כנסת יענעם אָוונט.

עס שטייען אויטאָס מיט פאָנען אויסגעצירט. אגב, די ספּעציעלע פאָן פון אַזאַ יום־טוב איז ווערט געווען צו זען. דו שטייסט אין מיטן עולם ווי איינגעפּאַסט. דו קענסט זיך פון אָרט ניט רירן. אָבער מיין גוטער שיקזאַל היט מיך איך זאָל ניט פאַרלאָרן גיין. גיב איך אַ דריי מיין קאָפּ, ערשט אַיך געפין זיך צווישן חשוב׳ע חברות. נעמלעך: בעבה אידלסאָן, די הויפּט־פירערין פון מועצת הפועלות, אַ חברה אין כנסת; אַ חברה פון מעקסיקא, אליעזר קאַפּלאַנ׳ס אַ שוועסטער וואָס איז געקומען קיין ישראל לייגן אַ ווינקלשטיין פאַר אַ קינדער־שול אין רחובות; דבורה רויטבארד, די סעקרעטאַרין פון די פּיאָנערן פרויען אין אַמעריקע; חברה פּרינץ, די פּרעזידענטין פון דער פרויען־ליג

פאַר ישראל אין אַמעריקע, און נאָך חברות. מיט די אַלע איז מיין ווייניגקייט באַקאַנט. מען אַרבעט צוזאַמען פאַר איין צוועק. איך דערפיל זיך היימיש. וואָס עס וועט באַשלאָסן ווערן צו טאָן, איז מיין ווייניגקייט אַריינגערעכנט. איך געפין זיך צווישן היימישע מענטשן.

אַזוי האָט מען זיך לאַנגזאַם געריירט און מען איז געגאַנגען ביז גאָט האָט געהאָלפן מען איז צוגעקומען צו אַ גוטן רעסטאָראַן (און וועלכער רעסטאָראַן איז דען אַ שלעכטער אין ישראל?!) דווקא אויף ירקון גאַס ביים ים. — אָט איז אַ מקום מנוחה, — באַמערקט אַ חברה — דאָ וועט מען אגב געבן עפּעס עסן.

זיצט מען שוין ביי אַ פיין-געדעקטן טיש. די טעמע? ראשית־כל עסן. דאַן קומט בנין הארץ. אַלע שמועסן אין ישראל פירן צו איין ציל — בויען דאָס לאַנד. עס ווערט דערביי אויסגערעכנט, וואָס עס איז שוין געטאָן געוואָרן און וואָס עס דאַרף נאָך געטאָן ווערן אין ישראל. איבערהויפּט איצט, ווען די ישראל־טויערן זיינען אָפן פאַר קבוץ גליות.

מיר, חברות, וואָס אַרבעטן אין די בתי חלוצות, בתי עולות, ווייסן דאָס אַז עס איז ניטאָ געגוג פלאַץ פאַר די נייע עולות. מען דאַרף נייע בתי חלוצות צו באַזאָרגן צייטווייליק מיט דאָס נויטיקסטע וואָס אַ מענטש דאַרף האָבן פאַר די נייע עולים. ווי, אַ דאַך איבערן קאָפּ און אַ בעט וואו דאָס קאָפּ צו לייגן. ביז דער גוטער מזל שפּילט צו אַז אַ מיידל הויבט אָן אַרבעטן און קען זיך אויסבעסערן דאָס לעבן; אָדער, אויב די מיידל האָט חתונה, איז שוין גאָר גוט. אַזוי גייט אָן דער שמועס ביי חברות אין דער נאַכט פון גרויסן פייערונג פון יום־טוב. דווקא ווייס מיין ווייניגקייט אויך פון דערפאַרונג אַלס „מאַמע" צו די עלנטע מיידלעך אין „מיין" בית החלוצות, וואָס עס פעלט נאָך צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די. וואָס דער שיקזאַל האָט מציל געווען און געבראַכט אַהער קיין ישראל. צום סוף דריקן מיר אַלע אויס די האָפנונג אַז דער יום־טוב זאָל קיינמאָל ניט פאַרגיין. עס זאָל געפייערט ווערן יעדן יאָר, און זאָל פאַרגרעסערט און פאַרבעסערט ווערן, און עליה זאָל זיך מערן און מערן — פון איין יאָר פון יום העצמאות ביזן צווייטן.

נאָר קומענדיק אַהיים שפּעט ביינאַכט און איבערגייענדיק אין מחשבה די פאַסירונגען פון טאָג, האָט אָן אומעט אַרומגעכאַפּט דעם געמיט. איז טאַקע פאַרווירקלעכט געוואָרן הערצל׳ס חלום?! און עס שטייט אויף פאַר די אויגן דער געשטאַלט פון דר. הערצל:

דר. הערצל — נאָך גאָר אַ יונגער מאַן. אַ ייד פון אַסימילאַטאָרישע עלטערן... דאָ זעט מען, אַז ווי ווינציק ייד, האָט ערגעץ אין זיין האַרץ

אַ יידיש פייערל געטליעט און ניט געלאָזט רוען. געשטויסן פון שיק־זאָל איז הרצל געוואָרן אַ פובליציסט, אַ שרייבער אין אַ ווינער צײ־טונג. ער קומט קיין פּאַריז ביי׳וואוינען דעם דאַמאָלסטיקן דרייפוס־משפט. הרצל זעט ווי מען רייסט אַרונטער ביי דרייפוס׳ן דעם ייד די פראַנצויזישע ערן־בענדער פון זיינע אַקסלען, גיט זיך אַ טרייסל עפּעס ביי דעם ייד הערצל אין זיין נשמה. זיין האַרץ טוט אַציטער. די יידישע האַרץ האָט עס אַנגעריכט. מען האָט אַנגערירט דעם יידנ׳ס כבוד. און האַרצרייסנדיק פילט דער מענטש הרצל, אַזוי ווי ער וואָלט געביסן געוואָרן פון אַ בייזן הונט. עס לאָזט אים ניט רוען.... און ער שרייבט אָן זיין באַרימטע „אַלט־ניי־לאַנד״. און איידער ער גיט עס צום דרוק, לייענט ער עס פאַר זיין בעסטן פריינט. האָט זיין פריינט אויסהערנדיק הרצל׳ען אים אַ טאַפּ געטאָן זיין שטערן, וואָס האָט זיך געקנייטשט פון אויפרעגונג: דער פריינט מיינט אַז הרצל איז געווירט פון זינען רח״ל, און דער פריינט הייסט הרצל׳ען דעם מאַנוסקריפט גלייך צו פאַרניכטן מחמת מען קען נאָך הרצל׳ען ח״ו פאַרשפּאַרן אין אַ משוגעים־הויז פאַר אַזאַ פאַמפלעט... הרצל קען זיך קיין רו ניט געפינען. עס שטורעמען זיינע געדאנקען: יידן דאַרפן אַ לאַנד וואו מען זאָל זיי ניט קענען באַליידיקן, וואו מען זאָל זיי ניט קענען אַזוי גרינג וויי־טאָן... און, לויט דער געשיכטע הרצל, ווייסן מיר, איז געשאַפן געוואָרן דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזל אין 1897...

עס שאַפט זיך אַ לעבעדיקע ציוניסטישע באַוועגונג אין אַ סך טיילן פון דער וועלט, ווי אויך אין אַמעריקע. עס גייט אַזוי ווייטער און ווייטער. אין אָנפאַנג האָט הרצל געוואָלט האָבן, אַז אין 5 יאָר אַרום זאָל אַ יידנשטאַט געשאַפן ווערן, אָבער גלייך זיך אַנשלאָגנדיק אָן פיל שוועריקייטן האָט ער איינגעזען אַז עס איז אוממעגלעך אָפּצושטויסן אַלע שווערע שטרויכלונג־שטיינער וואָס ליגן אין וועג צו אַ יידנשטאַט. און הרצל האָט אין זיין טאָג־בוך פאַרשריבן אַז 50 יאָר שפּעטער וועלן יידן האָבן אַ אייגן לאַנד...

פון אונדזער באַקאַנטשאַפט מיט היסטאָריע בכלל און ציוניזם בפרט ווייסן מיר, אַז וועון ביי הרצל׳ען איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק פון אַ יידיש לאַנד, האָט ער קיין אַנונג ניט געהאַט פון אַן ארץ־ישראל. דער פאַקט איז, אַז מיט אַ צוויי קאָנגרעסן שפּעטער איז הצרל אַרויס־געקומען מיט דער באַרימטער „אוגאַנדאַ״־אידעיע, וואָס האָט שיער־שיער ניט אויפגעלייזט די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג. אָבער פון דאַן אָן האָט זיך שוין געפלאַסטערט דער וועג קיין ארץ־ישראל. אגב איז אין יענער צייט פאַרגעקומען אַן עפּידעמיע פון פּאָגראָמען אויף די יידן פון רוסלאַנד. דאָס האָט אַ סך סטימולירט דאָס אַנטוויקלונג

פון ציוניזם. עס האָט זיך געשאַפן דער „חלוציות"־באַוועגונג קיין ארץ־שיראל. און ווען מיט דרייסיק יאָר צוריק האָט זיך געגרינדעט די „הסתדרות" וואָס האָט אַזוי העלדיש וואונדערלעך אויסגעקעמפט די מדינת ישראל, איז שוין הרצל דאַמאָלסט ניט געווען. בלויז זיין גייסט איז געווען דערביי. דער גייסט, וואָס וועט לעבן אייביק.

דערפאַר איז איצט, ביי דעם יום־טוב, מיך באַפאַלן אַן אומעט: ניטאָ הרצל'ען צווישן די וואָס פייערן דעם באַפרייאונגס יום־טוב!

און אַז מען שמועסט פון הסתדרות, זאָל דאָ אַריינקומען דאָס, וואָס הסתדרותניקעס דערציילן, אַז דער חלוציות איז דער כוח פון ממשלת ישראל.

עס איז, זיכער, ניט מעגלעך צו געבן געשיכטע אין אייניקע שורות. דאָ איז בלויז אַ קורצער איבערבליק צום יום־טוב. נאַ־טירלעך איז, אַז עס איז שווער פאַרבייגיין אַלץ וואָס געשיכטע האָט שוין אַריינגענומען: ווי חלוצים האָבן געטריקנט זומפּן, ווי עס זיינען געפאַלן מאַלעריע־קרבנות, ווי חלוצים־חלוצות האָבן געהאַקט שטיינער פאַר די כבישים און פאַר אַלץ וואָס ישראל פאַרמאָגט איצט; ווי פּרדסים זיינען געפלאַנצט געוואָרן פון וועלכע די פּרוכט איז איצט דער „שם דבר" אין דער וועלט... יעדער בלומען־גאָרטן וואָס בליט צו טאָג, יעדער בערגל זאַמד וואָס איז אין שטאָט און ישוב פאַרוואַנדלט גע־וואָרן — זיי אַלע קענען דערציילן מער ווי ווערטער קענען שילדערן. און זאָל דאָ צוגעגעבן ווערן, אַז אַלץ איז געטאָן געוואָרן אונטער די שווערסטע אומשטענדן, אונטער דעם אכזרישן ענגלישן מאַנדאַט, וואָס איז געזעסן אין לאַנד, געצאַפּט ווי אַ פּיאַווקע די בלוט פון דאָס הייפעלע יידן וועלכע זיינען געקומען בויען די אַלט־ניי־לאַנד. און קיין זאַך איז ניט אָנגעקומען גרינג דאָס ביסעלע יידן וואָס האָבן זיך אַריינגעשפּאַרט אין לאַנד זינט דעם יאָר 1917, נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע. און אַלע מאַנטיק און דאַנערשטיק זיינען געשאַפן געוואָרן נייע גזרות, מיט „ווייסע" פּאַפּירן, מיט פּאָגראָמען און אָנפאַלן פון אונדזערע ליבע שכנים, די אַראַבער. גאַנץ אָפט מיט דער הילף פון אונדזער באַשיצערין, ענגלאַנד.

און נישט קוקנדיק אויף די אַלע געשעענישן, איז דאָך געקומען דער טאָג פון אנערקענונג, אַז דאָס פאָלק ישראל (וויפל משטיינס געזאָגט עס זיינען דאָ), זיינען אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך. און זאָל מען נאָר איצט מער ניט שטערן אָנגיין מיט דער אַרבעט פון בויען און אויפנעמען די קיבוץ־גליות וואָס שמאַכטן נאָך אין אַ סך צוואָר־פענע ווינקלען פון דער וועלט — איז דער גרעסטער אויפטו פון נאָך צוויי טויזנט יאָר גלות, שוין אנטשטאַנען...

קום, קוק־אַן ישראל און זע ווי, אַרונטערוואַרפנדיק דעם מאַנדאַט האָט זיך עס גלייך ווידער אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פון אויפבוי. ביז די שורות שרייבן זיך האָט ישראל באַוויזן אַריינצונעמען איבער פיר הונדערט טויזנט נייע עולים, פון וועלכע מער ווי דריי הונדערט טויזנט זיינען שוין מער־ווינציקער איינגעאָרדנט געוואָרן, ווער אין שטאָט און ווער אויפן לאַנד. די וואָגלענדיקע פאַנגען אָן אַ נײַ לעבן...

ווי אַזוי עס ווערן איינגעאָרדנט די נייע עולים איז ממש נסים. אמת, עס זיצן נאָך אַרום 90 טויזנט עולים אין די קעמפּס, אָבער נעם אין אַנבאַטראַכט, ליבער לייענער, אַז דאָס ווערט אַלץ געטאָן אין אַ קליין אָרעם לאַנד, וואָס איז געשטאַנען אַזאַ לאַנגע צייט אין מלחמה מיט די שונאים, און, מען קען זאָגן, אָן הילף פון דער דרויסנ־דיקער וועלט. עס געפינען זיך שוין אַ מיליאָן יידן אין ישראל, כן ירבו! מען האָפט צו זען אין ישראל מיליאָנען יידן. דער פּראָצעס פון עליה שטעלט זיך ניט אָפּ...

עס איז גוט צו דערציילן און דורכוועבן געשיכטע מיט אַ קאַפּעטשקע פריילעכקייט. זאָל יידישע געשיכטע רייכער ווערן מיט פאָלקלאָר, — דאָס פאָלק איז דאָך אַן אייביקער קוואַל. אָט הערט:

די תימנ׳ער יידן, דערציילט מען, האָבן זיך ניט געוואָלט רירן פון אָרט צו פאָרן קיין ישראל, מחמת זיי גלויבן, אַז „בימי המשיח" וועלן יידן פליען „על כנפי נשרים" — אויף אָדלער פליגל. האָט מען די רעליגיעזע יידן באַוויזן אַז עס איז איצט משיח־צייט, — אַ באַוויז, אַז מען פליט. האָט מען אַזוי אַרום אַרויסגענומען פון תימן טויזנטער יידן. ווען ניט, וואָלט פון זיי דאָרט זיכער געוואָרן דאָס, וואָס ביי היטלער׳ן איז געוואָרן פון אונדזערע יידן.

און דאָ קומט די „פריילעכקייט": מען ברענגט די יידן מיט עראָפּלאַנען קיין לוד. פון דאָרטן, אַרונטערשטייגנדיק פון עראָפּלאַן, זעצט מען אַריין אין אָטאָמאָבילן און מען צעפירט די מענטשן קיין ירושלים, קיין חיפה, תל אביב און נאָך. קומט אָן אַ גרופּע יידן, וואָס מיינט אַז זיי פליען אויף „כנפי נשרים" און מע זעצט זיי אַריין אין אָטאָמאָבילן, און ווי די אָטאָמאָבילן הויבן אָן פאָרן, ווערט אַ גערודער צווישן די יידן: — וואָס הייסט? מען פליט דאָך ניט! איז עס אַ סימן אַז מען נאַרט זיי אָפּ מיטן גאַנצן „משיחות"....

אַזוי, מיין ליבער לייענער, יום־טובט זיך ביי מיר. אָבער טראָץ דעם וואָס אַלץ איז אַזוי מאַיעסטעטיש איבערגעלעבט געוואָרן, רודערט זיך אין דער נשמה די שטערעניש: אָט וויל מען דורכאויס אָפּרייסן די קאָפּ פון ישראל, מען וויל אינטערנאַציאָנאַליזירן ירושלים — די קרוין פון ישראל. היתכן?! ווי קען געמאָלט זיין ישראל אָן ירושלים

בראש? עס איז באַוואוסט, אַז ירושלים איז אויפן וואָגשאָל, טראָץ דעם וואָס עס קען ניט און וועט ניט געשען... גלייכצייטיק, אָבער, שאַפט זיך אַ ווייטיק: איז ניט גענוג, צום באַדויערן, וואָס אַלט ירושלים איז נאָך ניט אין אונדזערע הענט? די וועג צום הר הצופים, וואו עס געפינט זיך דער אוניווערזיטעט אונדזערער, דער הדסה שפּיטאָל איז פאַר אונדז פאַרמאַכט, צום כתל המערבי קענען מיר ניט צוקומען, און נאָך און נאָך, וואָס מיר האָבן נאָך צו דערגרייכן... אָבער צו די וועגן פון אייביקן באַשיצער אונדזערן איז שווער זיך צו דערטראַכטן, מוזן מיר אָננעמען, אַז עס איז ערשט „אתחלתא דגאולה", און האָפן און וואַרטן צו זען ווי עס וועט ווייטער אויסגעלייזט ווערן דאָס, וואָס באַלאַנגט צו ארץ ישראל. זאָל זיך דערוויל זאַמלען דער קיבוץ־גליות קיין ישראל...

יע, ישראל איז אָנערקענט געוואָרן ביי די פאַראייניקטע פעלקער, ישראל איז אַ חבר ביים פעלקער־פאַרבאַנד — דאָך קען די וועלט ניט שלום־מאַכן מיטן געדאַנק, אַז יידן זיינען אַ פאָלק און מען דאַרף זיי לאָזן צורו... און דאָס אַלץ איז ניט דורכאויס זויבערדיק: דאָס פאַר־קויפן געוווער צו די אַראַבישע לענדער און ניט צו ישראל — דאָס אַליין שמעקט מיט עפּעס וואָס איז ניט אינגאַנצן כשר.

אַראַבער דאַרפן געוווער אום צו זיין צוגעגרייט אין פאַל פון מלחמה, נו? און ישראל? — אָבער גיי זוך יושר, וואָלט מיין טאַטע ז"ל געזאָגט, אַז יושר'דיק מאַרשירט אַן אַרמיי...

אָבער צו מאַכן אַ קורצן חשבון, האָט יעדער דור זיין „המן" און יעדער המן כאַפּט זיין מפּלה און רב יודל, ווי איר קוקט אים אָן, בלייבט לעבן. אין ערשטן יאָר פון ממשלת ישראל האָט זיך געצייגט, אַז מורא פאַר מורא איז די גרעסטע, למשל, פאַר אַראַבער. אמת, עס איז געוועזן אַ שווערער קאַמף וואָס איז באַצאָלט געוואָרן מיט בלוט. מיר צאָלן זייער טייער פאַר יעדן טראָט פאָרויס. מיר קויפן אונדזער זיג פאַר דעם פּרייז פון בלוט. אויך פאַר מדינת ישראל האָבן מיר באַצאָלט דעם פּרייז. עס איז אַ ווייטיקדיקער נצחון, אָבער זייער אַ וואַרעמער. דאָס קליין דוד'ל האָט ווידער אַמאָל באַוויזן צו געווינען דעם זיג איבערן גרויסן גלית. דערפאַר און צוליב דעם טאָקע וואָס אַ שוואַכער פאָלק האָט געהאָט אַזאַ גרויסן נצחון, פייערן מיר חג יום העצמאות!

קאַפּיטל 2

אָקטאָבער 1947.

הייסט עס אַז איך בין שוין ווידער אַמאָל אין ארץ ישראל. צום דריטן מאָל. אפשר וועט עס שוין זיין צום לעצטן מאָל, ווער ווייס? רבות מחשבות בלב איש...

בין איך היינט אַרונטער פון שיף אין חיפה'ער פּאָרט. אַ שווערקייט צעגיסט זיך אין דיין נשמה. עס כאַפּט אַרום אַ מאָדנער געפיל וואָס עס געפינט זיך ניט אַזאַ וואָרט אים אַרויסצוגעבן. אפשר איז דאָס צוליב דעם, וואָס עס ליגט נאָך אין די ביינער די שווערע נסיעה אויף אַ קליין שיפל, וואָס פירט אַ שווערע משא און קרעכצט און סאָפּעט ביי יעדן בייג הין־און־הער. אָט שטעלט זיך די שיף אָפּ און דו ווייסט ניט ווען זי וועט זיך ווידער רירן פון אָרט... פיל מאָל האָט זיך געפילט אַן אומזיכערקייט ביי יעדן מאָל וואָס די שיף האָט געבליבן שטיין אין מיטן ים. עס גיט זיך אַ צאַפּל דאָס האַרץ מיט אַ שטילער תפילה: רבונו של עולם, זאָל די שיף אונדז ניט אויסשפּייען אין מיטן ים... נעכט האָבן זיך ניט רואיק געשלאָפן; אפשר דעם מאַלצייט אָן אַפּעטיט געגעסן. עס איז שווער דעם נעכטן אַרויסטרייבן פון זינען. דאָ איז אַן אַנדער וועלט. עס איז ארץ ישראל. אפשר וועט נאָך אויסקומען אַ סך גרעסערע שוועריקייטן אַרונטערצושלינגען... אָבער דאָס זיינען אַלץ קלייניגקייטן.

חיפה. די אַראַבער. עס פילט זיך אַן אומרואיקייט, און ניט ווילנדיק גיט זיך אַ מיש אַ בלעטל פון „נעכטן". עס גיט זיך אַ שטעל אַ ציפּער פאַר דיינע אויגן — זעקס מיליאָן יידן פעלן דיין יידישער משפּחה! — איך כאַפּ זיך אויף פון מיינע מחשבות. איך בין דאָך אין ארץ ישראל, אין מיין ארץ ישראל. וועמעס דען איז עס? מיין היים, מיין לאַנד. זאָל די גאַנצע וועלט מיר שטיין אַנטקעגן, וועל „איך" זיי אַלעמען מנצח זיין. איך שטיי אַנטקעגן אין זעלבסטפאַרטיידיקונג...

אָט איז הר הכרמל. מאַיעסטעטיש־צויבערדיק קוקט אַרויף דיין היסטאָרישער באַרג. עס קען ניט אויסגעמעקט ווערן פון תנ"ך. אָבער, ווי איך בין פאַר'חלומ'ט, וועקט מען מיך אויף צום פאַקט אַז איך דאַרף דורכגיין די „קאָסטאָם הויז", וואָס איז אונטערן ענגלישן מאַנדאַט. דאָ איז אַזאַ משונה משוגעים־הויז, אַז נאָר דער וואָס גייט דאָ

דורך די קאָסטאָם־פּראָצעדורע אין חיפה, ווייס דעם טעם דערפון. עס איז אַ טומל. אַראַבער העלפן דאָ אַרויס. עס איז אַן „ערבוביה״.

אין לאַנד איז ניט גאַנץ רואיק. מען שמועסט פון שלום מיט די שכנים, דערווייל אָבער טוען די שכנים דאָ אָן כלערליי צרות. וואו ניט וואו געפינט מען אַ טויטן יידישן פעלד־אַרבעטער און קיי־נער ווייס ניט ווי און ווען דאָס מאָרד האָט פּאַסירט. די בעדואינער קומען אַריין אין לאַנד פראַנק און פריי. זיי דאַרפן ניט קיין וויזע... און עס מערן זיך ליימענע שטיבלעך מיט לעכער, אָדערביידלעך, און קיינער שטערט זיי ניט. אָבער דו פאַרגעסט אָן אַלץ ווען נאָר דו הויבסט אויף דיינע אויגן צום ארץ ישראל׳ס בלויען הימל. בלוי און ליכטיק פון וואַנען עס שימערירן גאָלדענע זון־שטראַלן איבער הר הכרמל. דאָ אַנטקעגן ים, ווי נאָר דו קומסט אַרויס פון פּאָרט, אָטעמט זיך פרייער... אָבער, שטיי ניט, גיי ווייטער... זיצט מען שוין אין אויטאָבאָס ווי נאָך געסט אין ארץ ישראל, ווי די מענטשן וואָס זיצן אַנטקעגן דיר. אויך אייניקע פון זיי זיינען מיט דיר אַרונטער פון שיף. מאַנכע קומען פון אַ וויזיט קיין אַמעריקע. שוין ארץ ישראל איינ־וואוינער געקומען אַהיים. מאַמעס מיט יונגע קינדערלעך, אַזעלכע האַרציקע, ליבינקע, מיט בלאָנדע הערעלעך, בלויע אויגעלעך — אַ וועלט מיט חן איז צעגאָסן איבער זיי.

דער אויטאָ טראָגט זיך. דורך דעם פענצטער שוועבט פאַרביי אַ נייע וועלט. ניין יאָר שוין אַז איך בין אויף דעם וועג ניט געפאָרן. דאַכט זיך, אַז דאָ איז דער וועג געווען פעלד און פאַלד. צעשמועס איך זיך מיט מענטשן וואָס לעבן דאָ שוין לאַנג. צייגט מען אָן אויף די אַלע געביידעס וואָס עס איז אויסגעוואַקסן די לעצטע עטלעכע יאָר. וואו ניט וואו זיינען די „משטרה״ — די ענגלישע פּאָליציי־היימען — אויסגעוואַקסן ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן. דאָ איז פאַר דיר איצט אַ נייע וועלט. דו פאַרגעסט זיך אַז דו קומסט איצט פון אַ גרויסער וועלט. דער ים האָט עס מסתמא אַלץ אַרונטערגעשווענקט פאַר דיר. יעדעס ווינקעלע דאָ איז פאַר דיר צויבער. די פעלדער וואָס בליען, דאָס גרין גראָז איז ווי אַ טעפּיך דורכגעוועבט מיט ווילדע בלימעלעך. אָט איז עס און אָט פאַרשווינדט עס. און וואו דער אויטאָבוס שטעלט זיך אָפּ אויף אַ פּאָר מינוט, כאַפּט אויף דאָס אויג עפּעס, וואָס דיר דוכט זיך אַז דו זעסט עס צום ערשטן מאָל. וואו דו קערסט זיך — אַלץ פּנים חדשות. פאָרט מען אַלץ ווייטער, ביז מען קומט קיין תל אביב.

דוכט זיך אַז איך בין ערשט נעכטן אַוועק פון דאַנען. טראָץ דעם וואָס גאַסן זיינען געדיכטער מיט מענטשן, נייע גאַסן, נייע היי־

זער, וואו ניט וואו אַ גרינער ווינקל. די בוימער ביי די הייזער אַזוי נאַטירלעך, ווי דאָס הויז וואָלט אויסגעוואַקסן צוזאַמען מיט די בוימער. רוטשילד בולווארד — די ברייטע גאַס וואָס ציט זיך פון איין ווינקל תל אביב ביזן צווייטן, איז אַזוי היימיש, ווי איך וואָלט דאָ יעדן טאָג געווען שפּאַצירט. עפּעס פילט זיך דאָ אַזאַ זיכערקייט... דער באָדן האַלט דיך דאָ פעסטער ווי אירגענד וואו דו האָסט אַמאָל געשטעלט אַ פוס. אַלץ איז אַזוי היימיש אַרום. דו קענסט ניט באַגרייפן דעם „עפּעס", וואָס נעמט דיך דאָ אַרום און האַלט דיך געשפּאַנט.

וואו דו שפּאַצירסט, אַרום באַרג, טאָל — אומעטום אַנטוויקלט זיך און וואַקסט און בליט. עס פילט זיך אַפילו ניט וואָס עס איז אומרואיק אין לאַנד. דו נעמסט אַ צייטונג אין האַנט, ווילט זיך גאָר ניט גלויבן, אַז שונאים לויערן דיר שלעכטס טאָן. און ארץ ישראל זינגט. פאַרשווינדן וועט די גלות־נאַכט צוזאַמען מיט דיינע שונאים. און דו ביזט עס געניגט צו גלויבן, מחמת אַזוי פילט זיך דאָ אויף שריט און טריט. צו זינגען ווען עס ווילט זיך וויינען — דאָס לערנט מען זיך אויס אין ארץ ישראל... אָבער מיט דעם אַלעם איז ארץ ישראל אויף דער וואַך. יעדע נאַכט גייט מען אַרויס אויף שמירה, היטן דעם שונא אויף פילע פראָנטן. און קיינער ווייס ניט ווער עס וועט זיך צו־מאָרגן אומקערן אַ לעבעדיקער. מען דערוויסט זיך שוין פון צייטונג ווער און וואו עס איז געפאַלן אַ קרבן פון שונא׳ס האַנט. פון אַ קויל וואָס דער שונא האָט געצילט און געטראָפן. אַמאָל אויף דעם אָרט, און אַמאָל אויף אַ צווייטן אָרט. אָפט אויף אַ פראָנט וואו ס׳איז געלונגען דעם שונא צו פאַרטרייבן. אָבער אַ קרבן איז אַ טעגלעכע דערשיינונג. און ווער זיינען די שונאים? די אַראַבער וואָס ווערן אָנגעהעצט אויף די ביסל יידן אין ארץ ישראל.

דאָס איז דער מצב אין ארץ ישראל היינט צו טאָג. קומט מען פון אַ לויה פון אַ געפאַלענעם ברודער, אָדער פון אַ קינד, באַגלייט צו זיין אייביקער רו — נעמט מען זיך צו טאָג־טעגלעכן לעבן.. אַ קרעכץ, אַ זיפץ, דו שלינגסט אַרונטער נאָך אַ ביטערע פיל, אָבער דאָס לעבן גייט זיך אָן ווייטער!...

נאָוועמבער 7, 1947.

די שורות שרייב איך אין אַ ניי קליין שטעטל, וואו מיט אייניקע יאָר צוריק זיינען געווען פּרדסים. דאָ איז געוואַקסן די באַרימטע ארץ ישראל פּרוכט. די זון האָט דאָ באַגילדעט די גרינע בוימעלעך מיט די גאָלדענע מאַראַנצן. אָבער דורך דער צווייטער וועלט־מלחמה זיינען די פּרדסים אויסגעטריקנט געוואָרן. מחמת עס איז ניט געווען קיין „עקספּאָרט", זיינען די בעלי־פּרדסים געווען געצוואונגען די בוי־

מער אויסהאַקן און דעם באָדן דאָ אין רמת יצחק (דאָס איז רמת גן ב׳), פאַרוואַנדלט מען איצט אין אַ ישוב. עס בויען זיך הייזער, בתי ספר, און בתי כנסת און אַ גרויסער טעאַטער איז שוין אויך דאָ. די בערג אַרום זיינען כשופדיק. דאָ אַרום, אין פרימאָרגן, אונטערן צודעק פון טוי, דאַכט זיך, אַז ערגעץ ווייט זעט זיך אַ צויבער־וועלט. נאָר ווען די זון רוקט זיך אַרויף העכער און העכער, דער טוי ווערט פאַרשוואונדן, דערזעען זיך בערג אין זייער נאַקעטקייט.

קינדערלעך האָבן דאָ וואו זיך צו שפּילן, וואו צו טאַנצן. די געזאַנג מיט די טענץ פאַרהילכן דעם אַרום. אַן עכאָ טראָגט אַוועק דעם קינדיש זילבער־גלאָקן געזאַנג ערגעץ אַהין, וואו די גאַנצע וועלט טאַנצט מיט. עס מישן זיך צוזאַמען ווילדע בלימעלעך מיט קינדערשע בלאָנדע קעפּעלעך, ווי אויך די פיסעלעך צום ריטם־טאַנץ.

אַזוי הויבט זיך דער טאָג אויף און ציגט דיר וואונדער. עס מאַכט פאַרגעסן אַן אַלץ וואָס עס גייט אָן אין מיין לאַנד, און אין דער וועלט בכלל. און אויב דו, „פינטעלע מענטש״, מיינסט אַז אַלץ וואָס דו זעסט איז ניי? — ניין! ס׳איז דער צויבער פון נאַטור — אַלע פאַרבן גייען מיט, מיט צייט, מיט יאָרן, עס באַגייסטערט דיין אויג און אויגנ־בליקלעך פאַרשווינדט עס. אַזוי אויך רעכן אַריין דעם קאַמף וואָס גייט אָן אין לאַנד. עס דוכט זיך אָפט, אַז עס וועט שוין אַזוי אויך אייביק פאַרבלייבן.

ניין, ברודער, עס מוז זיך בייטן. פונקט ווי דורות ברייטן זיך. צייט און אומשטענדן שטייען ניט אויף איין אָרט. ווען שפּעטער אַמאָל וועלן די שורות געלייענט ווערן, וועט די צייט זיין אין אַ ווייטערע פאַרגאַנגענהייט. ווען ניט די מוטיקע האָפענונג פאַר דער קעגנוואַרט, וואָלט אפשר ניט מעגלעך געווען אָנגיין מיטן היינט און מיטן שווערן קאַמף פאַר פרייהייט. אמת, אַז פאַרלויפיק ווערט עס אַלץ שווערער, אָבער מיט יעדן טאָג פאַסירונגען זעט מען ווי פאַרבאָרגענע כוחות העלפן קעמפן...

לעצטע נאַכט האָט געזעגנט מיט קוילן. אָבער גליקלעכערווייז זיינען קיין לעבנספאַרלוסטן אויף אונדזער זייט ניט געווען און די אָנ־פאַלער איז געלונגען געווען צו פאַרטרייבן.

אין פרימאָרגן גייט אַן אַ טעגלעכע נאָרמאַלע באַוועגונג: מען פאָרט, מען גייט הין־און־הער. דאָס וואָס דו זעסט אַ „שומר״ וואו־ניט־וואו, נאָך מיט אַ ביקס אין האַנט — דאָס איז ארץ ישראל. עס דאַרף זיין אַזוי... וואָלט זיך דוכטן אַז מען פילט די שוועריגקייט פון לעבן אין אַזעלכע אומגעבונגען, אין אָנגעשטרענגטקייט און אומרו־איקייט?! ניין. מען ווערט אַריינגעצויגן אין דער אומגעבונג, אין

דער באַוועגונג, אַזוי, אַז ווען ביינאַכט הערן זיך די כמעט שטענדיקע שיסערייען און באָמבעס־קראַכן, איז עס אַ געוויינטלעכע דערשיינונג. עס שטערט בשום אופן ניט דעם פאַרלאַנג און די מעגלעכקייטן אַרומצוגיין, אַרומפאָרן, הערן, זען, וויסן דורכאויס פון אַלע געשעענישן... חיפה, ירושלים, תל אביב, יפו, „הגנה", „אצל", „לחי" — אַלץ, אַלץ ווילט זיך זען און וויסן אום צו פאַרצייכענען אין ספר הזכרונות. — אַט דו זעסט! — וועסטו זיך אַליין אָנווייזן, — דו אַליין ביזט געווען דערביי, דו האָסט עס אַליין איבערגעלעבט און זיך איינגעלעבט דערמיט. אַלץ איז געוואָרן אַ טייל פון דיר, און דו — אַ טייל פון אַלץ און אַלעמען. צוליב וואָס? כדי זיך צו דערווערבן אַן אייגן ווינקעלע.

אַט לייענסטו די נייס פון דער „יו־ען": דער פאַראייניקטע־פעלקער פאַרבאַנד וועט שטימען פאַר אַ צעטיילונג פון ארץ־ישראל. צי וועט דיר צוגעטיילט ווערן אַ חלק? און וואָס פאַר אַ חלק? אָדער וועט עס בלייבן ווי ס'איז איצט? מיט די אַלע אייביקע שרעק פאַרן מאָרגן, מיטן אייביקן ענגלאַנד־בייטש איבער דיר, אַז דאָ טאָרסטו ניט שטיין, דאָרטן — ניט גיין, דאָס אָדער יענעס איז דיר פאַרבאָטן צו טאָן, קיין ארץ ישראל טאָרסטו ניט אַריינקומען? און פאַר די אַלע „גוטע פריוווילעגיעס" שאַרט זיך איין ענגלאַנד פשוט אַ פאַרמעגן. וועט אַזוי בלייבן די פראַגע אַ ניט־פאַרענטפערטע? אָבער ניט קוקנדיק אויף דעם, למרות הכל, איז וואו דיין אויג טוט זיך אַ דריי דערזעסטו אַ ניי אויפגעבויט פונקט: דאָ אַרבעט מען, מען גראָבט אַראָפּ אַ באַרג אין רמת־גן, — דאָ וועט אויפגעבויט ווערן אַ בית־משותף, אַ שותפות־הויז, מיט גוטע דירות...

נייע אויטאָבוסן זייגן זייער אַ פריילעכע דערשיינונג אין ארץ ישראל. איבעראַל ניי: דו זעסט גאַנצע נייע גאַסן, נייע הייזער, נייע גערטנער, וואו עס בליען פראַכטפולע בלומען. דער גרעסטער נחת־רוח איז צו זען די ליבינקע קינדערלעך אין די קינדער־וועגעלעך אין אַלע גאַסן. קום אַריין אין אַ גן ילדים, אַ קינדערגאָרטן. עס געפינען זיך דאָ 20־30 קינדערלעך. ליכטיקע פּנימלעך וואָס, אַז זיי קוקן אויף דיר מיט זייערע בלויע פינקלענדיקע אויגעלעך, נעמט עס דורך דיין האַרץ. זיי פאַרשטייען וואָס מען לערנט מיט זיי, און מען לערנט זיי גלייך פון דער פריסטער יוגנט אָן. לאַנדווירטשאַפט, מאַמע ערד, איז דער הויפּט־פונדאַמענט פון אויפבוי פון דאָס לאַנד. קינדערלעך טאַנצן אויס אַ טאַנץ ווי מען מעסט אויס די ערד, ווי מען אַקערט, מען גלייכט אויס בייטן, מען זייט, מען באַוואָסערט און מען פלאַנצט־איבער; און צום שלוס — ווי מען נעמט אַראָפּ די אויסגעוואַקסענע גרינצייג, ביז עס ווערט אַ „מחסן", אַ שפייכלער, אָנגעגרייטע שפייז.

די פּרוכט פון אייגענע הענט־אַרבעט. ווי אין פּסוק שטייט געשריבן: „יגיע כפיך כי תאכל, אשריך וטוב לך״ — דורך דיין שווערע אַר־בעט אַז דו וועסט עסן, וועט דיר גוט און וואויל זיין... דאָס איז דער יסוד פון ארץ ישראל. מיט טענץ, מיט געזאַנג ווערט די שווערסטע אַרבעט גרינג אין ארץ ישראל. אַ באַווייז, אַז אויף אַ באַרג פון ווייסן זאַמד איז דאָך אויפגעבויט געוואָרן די איינציקע יידישע שטאָט אין דער וועלט, תל אביב. דאָס איז אַ סימן אַז אַלץ איז מעגלעך. און דאָס האָבן דווקא אויפגעטאָן ניט קיין אַנדערע ווי יידישע הענט, יידישע כוחות און יידישע מוחות.

מיר דאַכט זיך אַז איך בין אַ ביסל צו ווייט פאַרפאָרן אין מיין שילדערונג — איך האָב אָנגעהויבן מיט די ערשטע טענץ פון קינדער און שוין אויפגעבויט אַ שטאָט... יע, מיינע ליבע לייענער, אַלץ הויבט זיך אָן אין דער קינדער־וועלט, אין „גן ילדים״, ביז עס וואַקסט אַריין אין מענטשן־וועלט. דאָס איז אַ כלל אויף דער גאַנצער וועלט און אין ארץ ישראל בפרט. די שורה פאַנגט זיך אָן פון „בראשית״, איז ווי זאָל זיך אָנהויבן אויב ניט פון קינדער־וועלט? צו זען ווי קינדער קומען אַרויס מאַרשירנדיק אין אַ יום טוב מיטן געזאַנג „ארץ מולדת״ — איז צו באַגרייפן אַז דאָס איז דיין לאַנד, דאָ בויט אַ פאָלק זיין צוקונפט!

נאָוועמבער 29, 1947.

אַ שבת אין רעננה.

די „יו־ען״ האַלט אין פאַרהאַנדלען די פראַגע וועגן „חלוקה״ — די צעטיילונג פון ארץ ישראל. אָנגעשטרענגט איז די אַטמאָספערע אין לאַנד. יעדער וואָרט געשפּאַנט אויף די רעזולטאַטן וואָס דער פעל־קער־פאַרבאַנד דאַרף דורכפירן. עס זיצן דאָרטן געוויסע יידישע שונאים. טראָץ דעם וואָס עס זיינען באַקאַנט אַלע פאַקטן וועגן די גערעכטע יידישע פאָדערונגען, דערלאָזט זיי אָבער ניט דער „ערלעכער״ געוויסן צו האַנדלען מיט גערעכטיקייט. פון טאָג צו טאָג ווערט אָפּגעלייגט די אָפּשטימונג וועגן דער צעטיילונג פון פּאַלעסטינע. ניט נויטיק אַריינצוגיין דאָ אין דעטאַלן ווער פאַר וועמען עס האָט געשטימט, אָדער דאַרף שטימען. אַלץ איז פאַרשריבן אין די אַרכיוון...

אין יעדער „מסעדה״, רעסטאָראַן, אין ארץ־ישראל, גייט אָן איין שמועס וועגן איין טעמע — „חלוקה״. אַרום די טישן, וואו מען זעצט זיך עסן, הערסטו דאָס וואָרט „חלוקה״. די צייטונגען קומען אַרויס מיט צענדליקער מאמרים; יעדער מיט זיין השערה, ווי און וואָס עס דאַרף אַרויסקומען, אָדער, עס וועט אַרויסקומען. דיסקוסיעס אויף שריט און טריט. פאַרשטענדלעך איז, אַז פאַרשידענע גרופּעס שטימען

ניט איין איינע מיט די צווייטע, איז די אַטמאָספערע אָנגעפּאַקט מיט „חלוקה" און מיט „חלוקי־דעות"...

ביינאַכט אויפן גלעגער שלאָפט זיך ניט. מחשבה מאַכט חשבונות. אָפּט כאַפּט זי אַ שפּאַציר צווישן אַלע אָנגעהערטע חלוקי דעות און קען זיך באַין אופן ניט צופּאַסן צו קיינעם, ביז —

אָט קומט דער 29טער נאָוועמבער...

בדרך אגב זיינען יענעם פרייטיק אָנגעקומען קיין רעננה 1500 פליטים פון קפריסן, וואָס זיינען מיטן שיף אָנגעקומען קיין חיפה, און פון חיפה האָט מען זיי געבראַכט מיט אויטאָבוסן קיין רעננה, וואו מען האָט צוגעגרייט אַ „מחנה עולים". אָבער, וועגן דעם שפּעטער.

שבת פרי הערט מען דורך ראַדיאָ קול־ישראל, אַז צוויי דריטל פון דער „יו־ען" האָבן געשטימט אַז יידן באַקומען אַ חלק ארץ ישראל. מען האָט זיך קוים דערוואַרט אויף די זונטיק־צייטונגען צו באַקאַנט ווערן מיט די איינצלהייטן. דערווייל איז דער שבת געווען אַ פריי־לעכער.

מיין וויכטיגקייט איז דעם שבת דווקא אויסגעקומען צו זיין אין רעננה. איך פאַרברענג מיט מיינע פריינט די בזערס און די בר־טוב׳ס — חשוב׳ע תשובים אין רעננה. גייט מען שבת פרי אין שול צום דאַווענען, טרעפט מען שוין אַן עדה יידן אין די גאַסן. עס קומען צו אַלץ מער און מער מענטשן. עס זשומעט ווי אין אַ בינשטאָק. איינער גיט איבער דעם צווייטן די גוטע בשורה, וואָס ער האָט נאָר וואָס געהערט אויף דער ראַדיאָ. אַ גרויסע שמחה, פרומע יידן מאַכן די ברכה שהחיונו. פאַרשידענע צדדים מאַכן באַצייטנס חשבונות. עס וואַקסט אויס אַ מדינה „אָט דאָ אויפן האַנט". און איידער וואָס ווען, אַמפּערט מען זיך שוין, און געגנוג...

אין שול ביים דאַווענען פילט זיך אויך די פרייד. יונג און אַלט פילן אַז אַ מאָמענט פון גרויס וויכטיגקייט קומט אָן. (אגב, זעענדיק דערביי די ייִנגעלעך אין די קליינע טליתמ׳לעך ביים טאַטנס זייט, מיט דעם סידור׳ל אין האַנט, פילט זיך ווי אויסצושרייען: עם ישראל חי״).

די זון שפּאַצירט זיך מאַיעסטעטיש אויפן בלויען הימל. אפשר איז די זון היינט אַזוי וואַרעם און שטראַלענד מחמת שמחת ישראל ?!
איבער אַלע זעמדעלעך שלענגלען זיך סטענגעס גאָלד, — די הימלען פרייען זיך אויך מיט מיין גורל...

די לאַנגע וועג פון שול ביז די ברטוב׳ס גייען מיר לאַנגזאַם, איינגעהילט אין שמחה. וואו ניט וואו טאַנצן קינדערלעך די באַרימטע ארץ ישראל הורה, זינגענדיק „עם ישרל אחי״. עס פרייען זיך די גאַסן, עס טאַנצן די הייזער. אגב זיינען דאָ די גאַסן־הייזער אויסגע־

וואַקסן אין די לעצטע עטלעכע יאָר. געשעפטן מיט כל ההצתרכות'ן זעט מען אין רעננה. ווי אויך דער פאַרקער פון באָסעס, וואָס ציען זיך איבערן גאַנצן שרון — פון תל אביב ביז רמתים, הרצליה, כפר סבא, איבער אַלע ישובים אַרום, ביז חיפה — איז פיל פאַרגרעסערט געוואָרן. עס וועט נאָך מסתמא אויסקומען שמועסן מער וועגן דער גרויסער אַנטוויקלונג אין אַזאַ קורצע צייט.

הכלל, איצט איז פריילעך. אין רעננה, ווי אין גאַנץ ארץ ישראל, טעלעפאָנירן פריינט איינע די אַנדערע זיך אָפּצוגעבן מזל טוב...

ביי די ברטוב'ס איז שבת שבת'דיק לכל הדעות. מען מאַכט קידוש. אגב אַ לחיים לכבוד אתחלתא דגאולה. דער היינטיקער שבת איז נאָך מער שבת'דיקער. די זמרות האָבן זיך פריילעכער געזונגען; עס האָט דאָך עפּעס פּאַסירט ביים יידישן פאָלק. אין 1917 האָט פּאַסירט די הכרזת בלפור, — מיט 30 יאָר צוריק. איצט, 30 יאָר שפּעטער — אַ חלוקה אין ארץ ישראל. הגם קיינער ווייס נאָך ניט צו וואָס דאָס וועט פירן... עס ראַנגלען זיך דערביי געפילן: צי וועלן, ח"ו, זיך באַנייען די אומרוען אין לאַנד? און אפשר וועט די חלוקה ברענגען די געוואונשטע גאולת ישראל!...

שבת בייטאָג. אַלע טאַנצן אין גאַס. שפּאַצירט מען צו דער מחנה עולם, זען ווי פרייען זיך די נייע אַריינגעקומענע. אויך דאָ פרייט מען זיך. טראָץ דעם וואָס זיי זיצן נאָך מיט גאָר ווינציק באַקוועמ־לעכקייטן, דאָך פילן די יידן אַז ענדלעך זיינען זיי געקומען אַהיים; יידן האָבן אַ מקום מקלט, אַן אייגן ווינקל...

זאָגט צו מיר אַ יונגער מאַן, וואָס איז נאָר וואָס געקומען פון קפּריסין, אַז ער פילט זיך גליקלעך. אַפילו ווען ער האָט זיך גע־פלאגט אין קפּריסין צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינד, האָט ער זיך ניט מייאש געווען אין לעבן, מחמת ער האָט געוואוסט אַז ער קומט אַהיים. „און איצט", ציינט ער אָן אויף זיין לייוונטענער ביידל, „אַפילו אין אָט דעם געצעלט, איז מיר אויך גוט. באַלד, און מיר וועלן זיך מיט גאָט'ס הילף איינאָרדענען. איך בין אין דער היים און אין דער היים וועל איך פאַרבלייבן. ברויט מיט טיי עסן און זיך פילן פריי אין אייגן לאַנד..."

עס געפינען זיך איצט דאָ אַרום צוויי טויזנט מענטשן — פרויען, קינדערלעך, יונג און אַלט — און אַלע פילן זיך פול מיט לעבן און האָפענונג. די אַטמאָספערע איז אַ פריילעכע. מען טאַנצט־אונטער זינגענדיק ארצה עלינו, — מיר זיינען געקומען אין אייגן לאַנד, — הוא יבנה הגליל? אנחנו נבנה הגליל. און ווער עס האָט ניט געזען דווקא דאָ טאַנצן די הורה, מיט ארץ־ישראל־גייסט, קען קיין באַגריף

ניט האָבן און קען זיך ניט פאָרשטעלן ווי אַזוי ארץ ישראל ווערט געבויט... דער עולם פאַלט אַריין אין אַזאַ עקסטאַז, אַז אָפט דוכט זיך אַז די ביימער טאַנצן, די ערד טאַנצט צוזאַמען מיט די מענטשן, די וועלט אַרום טאַנצט...

לאַנג וועט בלייבן אין זכרון דער שבת פון 29טן נאָוועמבער 1947 אין רעננה.

קאַפּיטל 3

אַ פֿאָלק צעשפּרייט אויף דער גאָרער וועלט אין ווינקלען וואָס איינס ווייס ניט פון צווייטן און איז דורך גזרות־ בלבולים, פּאָגראָמען, עינויים קשים דורך לאַנגע דורות געמאַטערט, געמאָרדעט געוואָרן צווישן פרעמדע פעלקער אין פרעמדע לענדער — אָט דאָס פֿאָלק האָט זיך ענדלעך דורכגעריסן קיין ארץ ישראל און געגרינדעט פֿאַר זיך אַ היים. ציוניסטן פון אַמאָליקער רוסלאַנד, פּוילן, אַמעריקע און פילע אַנדערע לענדער, פון דר. הרצל'ס צייטן אָן, האָבן געהאָלפן ביי־צוקומען די פילע שוועריגקייטן, ביז ענדלעך האָט עס דערגרייכט דעם איצטיקן מצב. איבערהויפּט האָט די לעצטע עפּאָכע פון אונדזער געשיכטע געצייגט, אַז פאַר יידן איז ניטאָ קיין אַנדער אָרט אויסער ארץ ישראל. די פראַגע צי יידן זיינען באַרעכטיקט צו ציון, האָט זיך געפּלאָנטערט אונטער די פיס פון אַלע פעלקער, ווי אויך איצט, ביים פעלקער־פאַרבאַנד. אָבער די וואָגשאָל האָט זיך אַ ריר געטאָן דווקא אין דער זייט פון גערעכטיגקייט — יידן געווינען דאָס רעכט אויף אַ „יודן־שטאַט", ווי הרצל וואָלט עס אָנגערופן. ער, הרצל, האָט דאָך באַהויפּטעט אַז מיט 50 יאָר שפּעטער וועלן יידן האָבן אַ „יודן־שטאַט". איצט האָבן יידן געוואונען אַ חלק ארץ ישראל.

אָבער, ליידער, איז דער יידישער גורל אַזאַ, אַז קיין פולע שמחה קען נאָך ביי יידן ניט זיין. אפילו איצט, ווען עס איז קלאָר אַז אָט־אָט און ישראל קערט זיך אום אין זיין לאַנד, אין זיין היים. דאָס פאָלק האָט געליטן, געהאָפט און געשטרעבט, אָבער, ליידער, נאָך ניט אינ־גאַנצן אויסגעקעמפט. יעדעס רויטע בלימעלע קען דערציילן פון בלוטיקע קאַמפן אין ארץ ישראל. און די איצטיקע שמחה, איז נאָך, לפי דעתי, אויך מיט שרעק געמישט. עס שטייען דאָך אַנטקעגן אונדז אונדזערע „ווירדיקע" שכנים מיט געווער אין די הענט, וואָס די „חשוב'ע" ענגלאַנד באַזאָרגט זיי, די ווילדע אַראַבער, זיי זאָלן קענען מלחמה האַלטן קעגן דעם הייפעלע יידן אין לאַנד. זיי האָבן דאָך די צושטימונג פון דער „מאַנדאַטן־מאַכט", וועלן זיי אויספּרובירן זייער כוח. דער קאַמף פאַרשטאַרקט זיך פון טאָג צו טאָג. זיי ברענגען דער־פער, וועלדער, זיי שיסן, וואַרפן באָמבעס, און דווקא פון ענגלישע עראָפּלאַנען. איבער די גרענעצן קומען די אַראַבער אַריין אין לאַנד גאַנץ פראַנק און פריי, און זיי לאָזן זיך וואוילגיין אויף אונדזער חשבון.

זיי טוען אָן מעשים תעתועים, שיסן, מאָרדן יידן אויף אַלע וועגן — דאָס איז איצט דער מצב אין לאַנד.

אָבער, ווען דו הערסט ווי אַ מאַמע זאָגט: קינדער, וויינט ניט נאָך אייער ברודער; מען דאַרף ניט קלאָגן; דאָס איז אונדזער גורל, עס מוז אַזוי זיין; מיר מוזן מיט אונדזער בלוט די שונאים מנצח זיין — ווען דו הערסט אָט די ווערטער, ווייסטו אַז מיר קענען ניט פאַרלירן. אין דער מאַכט פון אמונה און בטחון ליגט ישראל׳ס גבורה, און מיט דעם וועט זי דורכלעבן די שוואַרצע נאַכט. און ווען די שענסטע יוגנט האָבן שונאים פאַרשלונגען, הערט ישראל סבא ניט אויף צו זינגען... האָפענונגס־לידער ווערן אין לאַנד אַלע טאָג געשאַפן — דאָס איז ישראל׳ס וואפן. עס וועט זיין אַ היים, אַ לאַנד, אַ פאַרלאַמענט, פון דער גאָרער וועלט אנערקענט. און די באָמבעס וואָס פאַלן פון עראָפּלאַנען, אָט דאָ, ניט ווייט פון דאַנען, און דער טרויער איבער דאָס פאַרגאָסענע בלוט, שטאַרקן די כוחות און שאַפן ניי מוט.

ווער נאָך קען באַווייזן אַזאַ גבורה, ווי דאָס הייפּעלע יידן אין ארץ־ישראל האָט באַוויזן!?

די מאָנאַטן דעצעמבער, יאַנואַר, פעברואַר, מאַרטש און ווייטער, האָבן געשאַפן נייע געשיכטע פון קאַמף און מלחמה. וועגן זיינען צו־געמאַכט געוואָרן, אָפּגעשניטן איין שטאָט פון דער צווייטער. עס ווערט דערקלערט „קויפויר״ אַלע ווײַלע, נאָך דעם ווי עס פאַלן אַ סך קרבנות. ס׳איז שווער צו שילדערן דעטאַלן פון דעם ווינטער. אָבער, נאָך אַ סך פאַרהאַנדלונגען ווערט געשלאָסן „הפוגה״ — וואָפנשטילשטאַנד.

— איז עס די שטילקייט פון פאַר אַ שטורעם? — טראָגן זיך אַ סך מענטשן אַרום מיט דער פראַגע. אָבער צייטווייליק איז שטיל. דער־ווייל, אונטערן יאָך פון ענגלישן מאַנדאַט, קען מען קיין פליטים ניט אַריינברענגען אין לאַנד. זיי זיינען פאַררעכנט פאַר „אומלעגאַלע״, און כמעט יעדע שיף וואָס קומט אָן קיין חיפה, שלעפּן די ענגלענדער אַוועק קיין קפריסין. האָט הגנה, די באַשיצער אונדזערע, דווקא געטאָן וואָס מעגלעך צו אַרונטערנעמען די פליטים פון שיפן ערגעץ ביי אַנדערע ברעגן. עס מוז ניט זיין דווקא אַ פּאָרט... אַזוי ברענגט מען אַריין אין לאַנד ווי מעגלעך מער פליטים. די וואָך האָט מען אַריינגענומען 170 פליטים ביי „נהריה״־ברעג. מען האָט זיי פשוט אַרויסגענומען פון דעם וואָלפ׳ס ציין; אַרונטערגענומען די פליטים פון שיף אין מיטן דערנאַכט, צוזאַמען מיטן קאַפּיטאַן און מיט אַלע מאַטראָסן. און ווען די ענגלענדער האָבן באַזוכט די שיף און געטראָפן זי ליידיק, האָבן זיי זיך געוואונדערט. עס איז זיי ניט איינגעפאַלן אַז פישער־שיפלעך קע־נען אַרונטערנעמען מענטשן פון אַ שיף אין מיטן ים. ביז טאָג איז

שוין קיין סימן ניט געווען פון פליטים. אָפּגעטאָן אַ גוטע שטיקל אַרבעט. אין לאַנד איז אַ שמחה, מחמת די וואגלענדיקע וועלן ניט אַוועקגעשלעפּט ווערן קיין קפּריסין. אגב איז גרעסער געוואָר די יידישע משפּחה אין ארץ ישראל, כן ירבו. קיין רעוויזיע האָט ניט געהאָלפן ווייל פליטים דערקענט מען ניט צווישן פאָלק. נאָך מער, דאָס מאָל איז קיינער ניט אַרעסטירט געוואָרן — מ'האָט ניט געפונען קיין באַווייזן. דאָ איז בלויז אייןביישפּיל פון די פילע אויפטואונגען אין לאַנד.

אַ באַוועגונג גייט אָן, מען האָפט ווען עס איז דערלייזט צו ווערן פון די ענגלענדער, וועלכע זיינען איצט כמעט אַזוי חוצפה'דיק ווי די היטלערס, ימח שמם וזכרם. און זיי זיינען דאָס די „שומרי ישראל" — אָט די וואָס שיסן אומשולדיקע קינדער וואו און ווען זיי ווילן נאָר. אָט איז אַ גוטער ביישפּיל: דער אויפרייס אויף דער בן יהודה גאַס אין ירושלים אין פעברואר 1948. ווער וואָלט זיך קענען פאָרשטעלן אַזאַ היטלעריסטישן אַקט מצד די ענגלענדער? דווקא אין ירושלים! דאַכט זיך הגנה היט אָלע גרענעצן, אָבער דאָס איז קעגן די אַראַבער אַז זיי זאָלן זיך ניט דורכשפּאַרן קיין ירושלים אָדער תל אביב. ס'זעט, אָבער, אויס, אַז פּאָר אַ גנב איז ניטאָ קיין שלאָס. און פּלוצלונג אַזאַ אומדערוואַרטעטער חורבן אין ירושלים — אָן אויפרייס אין בן יהודה גאַס מיטן געגנט אַרום. געשעפטן, האָטעלן, פּריוואַט־הייזער צעריסן; אַזוי פיל קרבנות געבראַכט, אויסער געלט־היזק אין די טויזנטער פונטן. אַז מען דערמאָנט זיך ווי עס איז פאָרגעקומען, נעמט דורך אַ שוידער. מענטשלעכע גלידער זיינען געשליידערט געוואָרן אין דער לופטן צוזאַמען מיט די ציגל פון די הייזער און שטיינער פון ברוק. מענטשישע אברים זיינען צוזאַמענגעמישט געוואָרן מיט שטויב און ליים. עס האָבן אויסגעבראָכן פייערן. עס קייקלען זיך פייער־צונגען און שוואַרצער רויך אַרויף צו די הימלען, צוזאַמען מיט די קולות און יללות פון די פאַרוואונדעטע. עס איז ניטאָ קיין פּאַסיקע ווערטער צו שילדערן דעם חורבן. און דאָס איז די חשוב'ע נאָבעלע שטיק אַרבעט דווקא פון די ענגלענדער. זיי האָבן דאָס אָפּגעלייקנט שטיין אוןביין. ווייס איך וואָס?! זיי זיינען נעבעך גאָט די נשמה שולדיק... דאָס זעלבע ווי מיט מאַנאַטן פריער, ווען עס איז אויפגעריסן געוואָרן די פּאַלעסטיין פּאָסט אָפּיס, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַ חורבן, וואָס די צו־שויער קענען נאָך עד היום ניט פאַרגעסן און דער יאָמער און געשריי פון די אומגליקלעכע רינגט זיי נאָך עד היום אין די אויערן.

טויט און חורבן איז דער ציל פון דעם דאָזיקן „שומר ישראל", די ענגלענדער. עס יאָמערן נאָך עד היום די פּאַר'יתומ'טע איבערגע־בליבענע, נאָך זייערע ליבסטע וואָס זיינען אין די חורבנות אומגעקומען.

די נייס וועגן חורבן אין ירושלים צעטראָגט זיך ווי אַ בליץ. דער היזק באַטרעפט אין הונדערטער טויזנטער פונטן. אויסער וואָס עס איז שווער איצט צו באַקומען נייע דרוק-מאַשינען... און די מענטש־לעכע לעבנס ?? ! לצים זאָגן, אַז דאָס איז אַ וואוק פון דעם „ליבן" בעווין, צו באַווייזן אַז דאָס לאַנד דאַרף „שמירה" און אַז זי, ענגלאַנד, דאַרף דאָך באַשיצן ארץ ישראל. דער צווייטער חורבן, פון בן יהודה גאַס, איז מסתמא אויך געמאַכט געוואָרן פאַר דעם זעלבן צוועק, אַז עס זאָל וואָס מער געמאַטערט ווערן דאָס ביסל יידן וואָס ווילן און שטרעבן מיט אַלע כוחות אויפבויען אַן אייגן ווינקל. אָבער ווער קען דאָס זיין אַזוי קלוג צו וויסן „צוליב וואָס" ? אפשר איז דאָס גאָר צוליב דעם, אַז זי, ענגלאַנד, זאָל באַקומען מער חן ביי דער וועלט... און דאָס שלעפּן פּליטים קיין קפריסין איז אפשר אויך צוליב דעם, וואָס בריטאַניע וויל ווייזן איר מאַכט...

אַזוי, מיינע ליבע, זעט עס אויס היינט צו טאָג. וואָס מער חורבן אין לאַנד, וואָס מער אומרו, אַלץ מער קען די „נאָבעלע" ענגלאַנד אָפּוואַרפן יעדע שולד פון זיך... דאָס איז אַזוי ביי יעדער פּאַסירונג. אפשר איז עס גאָר איר לעצטער פּאַרזוך צו שטערן די פּאַרווירקלע־כונג פון אַן אייגן לאַנד פאַר דאָס פּאָלק ישראל ?..

אַ ירושלים׳ער ייד, וואָס זיינע עלטערן און עלטערנס עלטערן זיינען דאָרט געבוירן געוואָרן, זאָגט צו מיר: — עס וועט דער וועלט גאָר ניט העלפן, וואָס זי שפּילט פּאָליטיקע אויפן חשבון פון ארץ ישראל. און ווען די פעלקער פון אַרום ישראל וועלן איינרייסן מיט דער וועלט, וועט זיי אויך גאָר ניט העלפן. מחמת ארץ ישראל איז פאַרן פּאָלק ישראל, און ווען די צייט וועט קומען, וועט קומען גאולת ישראל. אַ סימן האָט איר חנוכה מיטן קריגעלע בוימל... שוין הונ־דערטער יאָרן אַז יידן פייערן יום טוב חנוכה, און איצט, — זאָגט דער ייד ווייטער, — דרייען זיך דאָך אַלע פעלקער אַרום די אַיל וואָס איז אַרום ארץ ישראל... אויך צו דעם וועט קומען אַ לייזונג. צייט וועט שוין דעם יום־טוב אויך באַשטימען...

מען וויל זיך אַלץ פּאַרמעסטן אין כוח מיט ישראל סבא, אָבער געשיכטע דערציילט אונדז פון פעלקער וואָס זיינען אונטערגעגאַנגען און ס׳איז שוין לאַנג פון זיי קיין זוכר ניטאָ. אָבער פּאָלק ישראל, ארץ ישראל און גאָט פון ישראל זיינען שטאַרק. דאָס איז אַ חוט המשולש און דעריבער איז עס שטאַרק... איז, „אשרי המאמין", גוט איז דעם וואָס גלויבט... און דער ייד גלויבט. דאָס זעט מען אין ארץ ישראל. מוז מען קומען צום שלום אַז ענגלאַנד מיט איר גבורה קען דעם יידנס גלויבן ניט מנצח זיין, אַפילו מיט אירע אַלע הפקר׳דיקע טאַטן וואָס

זי דערלויבט זיך. סוף־סוף וועט ענגלאַנד איינזען איר טעות אין חשבון. דערווייל, ווען ענגלישע סאָלדאַטן שיסן פון אַ דזשיפּ, זאָגט אַ ייד — וגם זה יעבור.

וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער ווערן די קלאַנגען אַז עס וועט שוין צו לאַנג ניט נעמען און ענגלאַנד וועט מוזן פאַרלאָזן תל אביב און שורונה, און אפשר טאַקע גאַנץ ארץ ישראל. לאָמיר האָפן אַז ס׳וועט אַזוי זיין.

דערווייל בושעוועט די אכזריות׳דיקע מאַכט. ווּעמען איז ניט באַקאַנט די מעשה פון פאַראורטיילן און הענגען אומשולדיקע יידן אין ארץ ישראל? אָדער די אַקציע פון שמייסן יידן, וואָס איז אַ באַנייאונג פון די שוואַרצע צייטן פון מלך סאבעצקי? נו, שמייסט מען יידן אין ארץ ישראל... אָבער די וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן מיטן אייביקן ישראל, האָבן נאָך גוט ניט אָפּגעשניטן. עס איז באַוואוסט אַז ישראל האָט אַלע זיינע המנ׳ס גובר געווען. דער וועלט איז דאָס גוט באַקאַנט. ניטאָ מער קיין זוכר פון עמלק׳ן, פון בלק׳ן, אמונ׳ען און מאוב׳ן —
און עם ישראל חי!

און המן בן המדתא, און המן היטלער? וואו זיינען זיי, ימח שמם וזכרם? — פאַרגאַנגען ווי אַ רויך...

עס איז מער ווי ווייטיקדיק וואָס אַזאַ גרויסער חלק פון אונדזער פאָלק איז דורך היטלערן אומגעקומען, אָבער דאָס איז גלות אַריינ־גערעכנט. דאָס איז דער גורל פון אונדזער דור. און דאָס לעבן גייט ווייטער אָן. מיר האָפן און שאַפן, למרות די שונאים די איצטיקע אויך זיי וועלן האָבן זייער מפלה...

מיין ווייניגקייט מאַכט חשבון דאָ אין קליין צימערל, אויפן גע־לעגער: עס פאַלן קרבנות, אָבער הגנה גייט אָן מיט איר העלדישער אַרבעט. עס וועט מיט דער צייט זיך איינגעבן פאַרטרייבן די שונאים פון לאַנד... דווקא צוליב אָט די חשבונות שפּאַצירט די פען איבער די געשריבענע שורות...

טייער קאָסט יעדער שפּאַן ערד אין ארץ ישראל. יעדע ביסעלע זאַמד איז אויסגעמישט מיט בלוט און מיט טרערן. ניט איין מאַמע ווייקט אויס איר קישן מיט טרערן איבער דעם מוטיקן קאַמף, אָבער קאַמף שטעלט זיך ניט אָפּ...

אָפּט פאַלט די פען אַרויס פון דער האַנט. די פינגער ווערן פאַר־שטייפט, בלייבן ליגן אויפן שויס: מחשבה זוכט חשבונות פונאַנדער־צוּוויקלען...

ביז... ערגעץ דערלאַנגט אַ שאָס אַ קויל. עס וועקט אויף, אָבער עס שרעקט מער ניט. ווייס מיין ווייניגקייט ניט וואָרום? צי מחמת

מען איז שוין צוגעוואוינט דערצו און עס איז געוואָרן כמעט אַ נאַ־טירלעכע דערשיינונג אַז אין די נעכט שיסט מען? אָדער, אפשר איז עס אַ סגולה צו דערוועקן נייע פרישע ענערגיע צו פאַרשרייבן וואָס עס שווימט אַרום אין דער מחשבה...

און ווידער איז די פען צווישן די גיט־לאַנג־צוריק פאַרשטייפטע פינגער, און ווידער וועבן זיך שורות און עס פילן זיך אויס בלעטער ווי פון זיך אַליין...

עס שטעלט זיך צומאָל אַ פראַגע: צוליב וואָס? וואָס קומט אַרויס פון אויסגיסן נאָך אַביסל פיין? אַלץ איינס פעלן דאָך ווערטער. יעדע שורה איז בלויז אַ טראָפּן אין ים פון דעם, וואָס דיין אויג זעט און דיין האַרץ פילט און וואָס דו לעבסט דורך, — איז וואָס פאַר אַ באַ־גריף קען אַ לייענער זיך שאַפן פון די געשריבענע שורות? אָבער, עפּעס ווילט זיך אַראָפּדערציילן, עס מאָנט פון דיר; אָדער, אפשר פאַרקערט, דו מאָנסט, נאָר דו ווייסט ניט ביי וועמען צו מאָנען... אַזוי אין לאַנגע נעכט קומען בילדער אַנטקעגן. דו וואַנדערסט מיילן, מיילן ווייט. מיט אַמאָל צעטרויערט זיך דער ווינט, קלאַפּט דיר אין שויב און דערפילסט אַ מידקייט. עס צעגיסן זיך פראַגן אָן ענטפערס און פאַרשלעפּערן דיך ווי אַ מידע קינד... זיצנדיק, אין דיין דרימל, גייסטו דורך די דאָזיקע שורות — — —

אין פרימאָרגן קומט אַרויס אַ זון אַ רויטע, אַ קיילעכדיקע, אַן אויסגעוואַשענע נאָכן נעכטיקן רעגן. נאָטור צעגיסט איר מאַיעסטעטישקייט איבערן גאַנצן אַרום. ווילסט ניט געדענקען דאָס נעכטיקע. אפשר וואָלט זיך עס אינגאַנצן פאַרגעסן... קומען אָבער אָן די צייטונגען; זוכסטו ווידער, מיט רויט־פאַרשלאָפענע אויגן, איבער די שורות די רעזולטאַטן פון די ביינאַכטיקע שיסערייען. אָט איז עס: פון יפו האָט מען אַרויסגענומען די יידישע משפחות און זיי צעשיקט וואו נאָר עס איז געווען מעגלעך אויס מורא פאַר זייער לעבן. אויף די פראָנטן זיינען אָנפאַלער פאַרטריבן געוואָרן... מען שמועסט עס וועט אפשר ווידער אַמאָל געלינגען שליסן וואָפנשטילשטאַנד...

אַזוי, מיינע ליבע פריינט, לעבט זיך אין אר״ץ ישראל. אָבער, מען בויט אַ לאַנד, אַ מקום מקלט פאַר אַ וואָגלענדיקן פאָלק.

אַך, ווי ליב עס איז יעדעס קליין ווינקעלע. דו באַוואונדערסט ווי עס וואַקסט, עס בליט, עס אַנטוויקלט זיך פאַר דיינע אויגן: אַ שטוב, אַ גאָרטן, אַן אייזעלע צוגעבונדן צום צאַם, אלול — ווייסינקע היני־דעלעך, ווי פייגעלעך, צעשפּרייט איבערן גראָז, קינדערלעך מיט ראָזע פיסעלעך פּליוסקען זיך אין אַ וואַסערל ביים שטוב... אַלץ אַזוי כשופ׳דיק

אונטערן בלויען הימל, אונטער דער זון וואָס באַפּוצט דאָ אַלץ מיט גאָלדענע סטענגעס...

די לופט איז אָנגעפּילט מיט זילבערנע קול׳עכלעך; די פרייד צעגיסט זיך איבער אַלע גלידער. און דאָס אַלץ אין דעם שווערן מצב אין וועלכן דאָס לאַנד געפינט זיך! דו דערזעסט דעם צוקונפטיקן דור, צעזינגט זיך אין דיין נשמה... אָבער, גיי מאַך אַ רעכענונג, אַז אַט האָט מען ווידער אַמאָל פּראָקלאַמירט :קוירפיור״. נעמלעך, זיץ אין שטוב פאַרשפּאַרט, גיי ניט אַרויס אין גאַס, קענסט ניט פאָרן ערגעץ, פּשוט זיך ניט רירן פון אָרט. אַלץ „רוט״. און דאָס פאָלק, וואָס טוט? — דאָס פאָלק זינגט...

דערציילט מיר אַ חבר וועגן עטלעכע טעג אַזוינע אין רעננה, וואו עס קומען פאָר אַ סך אומרוען. — פאַר די קליינע קינדער, — זאָגט ער — מעג דער מילכמאַן ברענגען מילך, אפשר מיט נאָך עפּעס צום עסן. — פרעג איך: — נו? און וואָס טוען די גרויסע? איז דער ענטפער: — ווייס איך וואָס, אַ געשעפּט אַביסל, עסן? אין אַ שטוב געפינט זיך אַ פּעקל מצה מיט אַ גלאָז טיי, אָדער מען קאָכט אָפּ אַ ביסל זופּ, מיט נישט צי מיט גאָרנישט... אַזוי לעבט מען דורך עט־לעכע טעג...

אפשר מיינט איר, מיינע ליבע, אַז דאָס איז אַ שפּאַס, זאָג איך אייך, אַז מען לעבט אַזוי איבער אַ סך אומרואיקע צייטן. וואו? אין ארץ ישראל. נאָך מער, דווקא אין קוירפיור־צייט פאַלן מער אומשולדיקע קרבנות. אַ קינד באַווייזט זיך, דאכט זיך, אויבן אויף אַ באַלקאָן, גלייך טרעפט אים אַ קויל פון ערגעץ, און — אויס... עס פאַלט טויט. אַ פרוי שטעקט אַרויס איר קאָפּ אין טיר, זי וויל זען אויב דער מילכמאַן קומט מיט די מילך פאַר איר קינד וואָס וויינט ווייל ס׳איז הונגעריק, ווערט די פרוי גלייך דערשאָסן... מעשה בכל יום — כמעט אַלע טאָג אַזעלכע פאַסירונגען... אין ישראל איז מען שוין גוט באַקאַנט מיט דער „שמירה״ פון ענגלישן מאַנדאַט.

אַ סך אַזעלכע מאָמענטן פון די טעג פון „עוצר״ קענען דאָ אויס־גערעכנט ווערן. און עס איז ניט קיין וואונדער וואָס די קלאַנגען, אַז אפשר וועט מען שוין קירצלעך פּטור ווערן פון ענגלאַנד׳ס בייטש, דערפרייען אַזוי.

די ערשטע פליטים וואָס זיינען געקומען פון קפריסין, דעם 28טן נאָוועמבער, 1947.

קאַפּיטל 4

און עס איז געווען אין יענער צייט פון אומרו אין לאַנד, ווען די פירער אין ארץ ישראל זיינען אַרעסטירט געוואָרן, און טויזנטער פּליטים האָבן געשמאַכט אין קפריסין מחמת בריטאַניע האָלט די טויערן פון ארץ ישראל געשלאָסן, און דער ווײ־געשריי פון די שארות הפליטה אין קפריסין האָט דערגרייכט צום הארצן, — אין יענער צייט ווערט באַשלאָסן אַז עפּעס מוז געטאָן ווערן אום גרינגער צו מאַכן דאָס לעבן פון די קפריסין־געפאַנגענע, וואָס זיצן דאָרטן כמעט אָן באַקוועמלעכקייטן, אין קעלט, מיט קליינע קינדערלעך פאַר וועמען ס'איז ניטאָ וואו אַביסל וואַסער אָנצוואַרעמען כדי זיי אַרומצוואַשן...

עס ווערט באַשלאָסן, דאָס אַזוי ווי משה שרת זיצט אין לאַטרון, נעמט גאָלדע מייערסאָן איבער זיין אַמט, און זי, צוזאַמען מיט די אַנדערע פירער באַשליסן זי זאָל פאָרן קיין קפריסין. גאָלדע מייערסאָן איז גלייך אַוועק אַהין און האָט אויסגעווירקט מען זאָל אַרויסלאָזן אויף דער קוואָטע די יונגע עלטערן מיט די קליינע קינדער פריער פון די אַנ־דערע פּליטים, בכדי מען זאָל פאַרמיידן אַן עפּידעמיע פון קינדער־קראַנקהייט. עס ווערט באַקאַנט דער פאַקט, אַז ארץ ישראל דאַרף זיך גרייטן אויפצונעמען 15 הונדערט פּליטים — 5 הונדערט יונגע פאַר־פאָלק מיט 5 הונדערט קינדערלעך.

גלייך זיינען אין רעננה, אויפן קרן קימת באָדן אויפגעשטעלט געוואָרן צריפים מיט ביידלעך אין צוגרייטונג פאַר די נייע אַריינקומער. עס איז ניט אַזוי גרינג אין משך פון איינציקע טעג צוצוגרייטן אַלץ וואָס 15 הונדערט מענטשן דאַרפן האָבן. די קינדערשע וויסינקע בעטעלעך, מיט קינדערשע באַקוועמלעכקייטן... ווער עס האָט ניט געזען דאָס צו־גרייטונג קען זיך ניט שאַפן אַ באַגריף וויפיל מענטשן עס פאָדערט זיך דאָס אַלץ צו פאַרזאָרגן. איז טאַקע צו באַוואונדערן דעם קליינעם ישוב וואָס האָט געקענט מאַכן אַ גרויסע אויפנאַמע... דער טאָג פון 28טן נאָוועמבער 1947, ווען די אַלע צוגרייטונגען זיינען געמאַכט געוואָרן אויף אויפצונעמען די פּליטים, קען קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווערן. אַלע האָבן געהאָלפן. צוזאַמען מיט די פרויען פון רעננה זיינען אויך געווען אין גרויסע צאָלן פרויען פון תל אביב, די מועצת הפועלות, ווי אויך די אמהות עובדות און נוירסעס פון ויצ"א און פון הדסה. און מיין ווייניגקייט האָט אויך געהאַט די זכיה אָנוועזנד צו זיין מיט

די אַלע וואָס האָבן געוואַרט אויף די אויטאָבוסעס פון חיפה וואָס וועלן ברענגען די געסט קיין רעננה. די הסתדרות מענער, אַזוי גוט ווי די פרויען, קומען צום ערשטן קבלת פנים פון די שארית הפליטה...

דאָס לעבן אַליין איז אַזוי פיל־פאַרביק, דאָס אָפט איז ניט מעג־לעך צו מאָלן אַ בילד וואָס דאָס לעבן שאַפט...

גאַנץ פרי זיינען מיר צוגעקומען אַהער צו דער מחנה עולים איינצואָרדענען די אַרבעט ווי אַזוי אַרונטערצונעמען די קליינע קינ־דערלעך פון די אויטאָס, און אויך די עלטערן. זיי דאַרפן דאָך איינ־געטיילט ווערן אין באַזונדערע קאַטעגאָריעס און אויך רעגיסטרירט ווערן. איבערהויפּט ווען דאָס איז די ערשטע דערפאַרונג פאַר אַזאַ אונטערנעמונג. נאָך מער, עס איז נאָך אַלץ אונטער דעם ענגלישן מאַנדאַט און אַלץ מוז צוגיין מיט חשבון...

מיר זיצן אונטער אַ דעכל וואָס שיצט אונדז פון דער הייסער ארץ ישראל זון, כאָטש עס איז נאָוועמבער. מען מאַכט חשבונות: וואָס זאָל צוגעגרייט ווערן אין דער פּראָוויזאָרישער קיך, דאָס עסן פאַר היינט, און מאָרגן איז דאָך שבת. דערציילט מען אונדז אַז עס איז שוין אַלץ „בסדר”. נעמלעך, אויסער די קאָמפּעטענטע פרויען וואָס אַרבעטן שוין אין קיך, האָבן די גוטע פרויען פון רעננה צוזאַמענגע־טראָגן פאַרשידענע געבעקס און פאַרטיקע קוגלען, און אין דער זעלביקער צייט ברענגען זיי צו טעפּעלעך קאַווע פאַר אונדז. אַזוי ווי עס איז שוין באַלד האַלבער טאָג און עס וועט נאָך, וואַרשיינלעך, אויסקומען וואַרטן, דאַרף מען עפּעס איבערכאַפּן, מחמת שפּעטער וועט קיין צייט ניט זיין...

ביי דער געלעגנהייט וויל איך אָפּגעבן דעם געהעריקן כבוד אונדזער יידישע ארץ ישראל פרוי, וועלכע צייכנט זיך אויס מיט איר גאַסט־פריינטשאַפטלעכקייט און איבערגעבנקייט. זי טיילט זיך מיט די אַריינגעקומענע מיט אַלץ וואָס זי פאַרמאָגט, און איר פרייד איז גרויס, וואָס די יידישע משפחה וועט זיך פאַרגרעסערן אין ישוב. און מער נאָך פון אַלע צייגט עס אַרויס די מועצת הפועלות.

מיין ווייניגקייט איז דאָ כמעט ווי פרעמד, אָבער דאָס אַרומיקע מאַכט צו פילן אַז מען געפינט זיך אין אַן אייגענער משפחה. אַלע זיינען דאָ „דו” און מ׳ווערט אָנגערופן ביים ערשטן נאָמען. פּונקט ווי מען וואָלט געוווּסט צוזאַמען אויסגעוואַקסן און מען קען דיר פון יאָרן. דאָס מאַכט אייך פילן זייער היימיש...

הכלל, דער פרימאָרגן איז שוין פאַריבער, די זון וואַרעמט שטאַר־קער. עס קומען אָן פאַרשידענע אומבאַקאַנטע — דאָס זיינען קרובים און לאַנדסלייט פון די דערוואַרטעטע געסט.

אַט זאָגט מען אָן, אַז די ערשטע אויטאָבאָסעס קומען באַלד אָן. זיי זיינען שפּעט, ווייל די שיף האָט זיך פאַרשפּעטיקט אַביסל און די פּראָצעדורע מיטן אַראָפּנעמען די געסט פון שיף האָט זיי נאָך מער אָפּגעהאַלטן. אגב, פון חיפה ביז רעננה גענעמט אויך אַ וועלכע צוויי שעה מיטן אויטאָבאָס. יעדנפאַלס, באַלד וועלן אָנקומען אונדזערע נייע געסט.

ווער עס האָט ניט בייגעוואוינט דעם געזאַנגג מיטן ברוכים הבאים, ווען דער ערשטער באָס האָט זיך באַוויזן אין טויער און מיט וואָס פאַר אַ שמחה מען איז צוגעלאָפן נעמען די קינדערלעך אויף די הענט, קען קיין אַנונג ניט האָבן וואָס עס מיינט פאַר דעם קליינעם ישוב אַז עס ווערט פאַרגרעסערט.

מען נעמט די קינדערלעך אויף די הענט פון די יונגע מאַמעלעך. ליכטיקע פּנים׳ער, שיינענדיקע אויגן, טראָץ זייער מידקייט און שווע־רע איבערלעבונגען...

עס קומען אָן באָסעס איינס נאָך איינס. פיל מענטשן קומען אָן אויסער די געסט. מיר, די אָנגעשטעלטע, נעמען די קינדערלעך און מיר טראָגן זיי צו די בעטעלעך וואָס זיינען אָנגעגרייט געוואָרן פאַר זיי. די מאַמעס גייען מיט. ניטאָ קיין צו פיל צייט צו באַאָבאַכטן אַלץ. אָבער גייענדיק מיט די קינדערלעך אויף די הענט, פילט זיך דער נס וואָס האָט פּאַסירט...

עס צינדט זיך דער האָריזאָנט אין פאַרבן פון שמחה, וואָס דאָס קליינע לאַנד קען און וועט אויפנעמען נייע מיטגלידער צו פאַר־גרעסערן דאָ די יידישע משפּחה. אַט די קינדערלעך, וואָס זעען אויס ווי קליינע מלאכים׳לעך, אַט די ליכטיקע פּנים׳לעך, וואָס קוקן מיט וואונדער, ווי צו פרעגן: וואָס איז דאָס? וואָס איז דער רעש?! — און עס באַקומט זיך אַן איינדרוק, אַז קבוץ גליות הויבט זיך אָן און וועט אַזוי אָנהאַלטן ביז די שארית הפּליטה פון אַלע ווינקלען פון דער וועלט, וועלן זיך צונויפזאַמלען אַט דאָ אַהער, צו מאַמע ציון.

די נייע געסט דאַנקען גאָט וואָס זיי זיינען שוין געקומען אין ארץ. איך גיי און נעם נאָך אַ קינד, און נאָך אַ קינד אויף די הענט. מיין וויניגקייט איז פול מיט פרייד וואָס איך געפין זיך דאָ אין דעם היסטאָרישן מאָמענט. און וואָס נאָך, עס דערזעעט מיך דאָ בעבה אידלסאָן, די פירערין פון מועצת הפּועלות און זי איז איבעראַשט וואָס אויך אַ חברה פון אַמעריקע העלפט אין דער אַרבעט פון אַראָפּ־נעמען די קינדערלעך פון די אויטאָס. דריקט זי אויס איר צופרידנ־קייט מיט דעם, וואָס זי האָט צוגערופן אַ פאָטאָגראַפער און אים געהייסן נעמען דאָס בילד פון מיר מיט דעם שיינעם יינגעלע אויף מיינע

הענט, מיטן קינד׳ס מאַמע ביי מיין זייט, מיט נאָך אַ שוועסטער, וואָס איז אגב שוין לאַנג אין ארץ און אַרבעט אין האָספּיטאַל און איז אַ לייבלעכע שוועסטער פון דער יונגער מאַמע פונם קינד אויף מיינע הענט.

די באַגעגעניש פון די צוויי שוועסטער איז פאַרבליבן נאָך אַן אומפאַרגעסלעך בילד אין מיין זכרון. דאָ איז ווי אויף אַ יריד, ניט צו באַשרייבן. אָבער עס איז ניט קיין מאַרק פון האַנדל און וואַנדל, עס איז אַ שמחה וואָס נאָך אַ מענטש איז נצול געוואָרן פון חורבן.

עס איז ניט מעגלעך צו דערציילן אויף איין פוס ווי די אויסגע־ליטענע מענטשן האָבן זיך דאָ באַגעגנט. אַ סך אַ סך סצענעס שפּילן זיך אָפּ אין אַ פּאָר שעה, און ווי פאַרבן פון נאַטור פאַרשווינדט עס...

דער ווער עס האָט ניט געזען די „פּאַרמעגנס״ וואָס די מענטשן האָבן מיט זיך געבראַכט אַהער, דער קען זיך זיכער ניט פאָרשטעלן ווי מענטשן קענען לעבן: אַ וואַנעלע צו באָדן דאָס קינד — איז גענוג אַ בלעכענע פּושקע. אויב עס איז פאַרזשאַווערט? — וואָס קען מען העלפן. אין קפריסין איז מען נאָך געווען צופרידן אַז מען האָט אַזאַ פּושקע, פון עפּעס אַ פּראָדוקט, אויסגעבעטעלט אין קיך. און די באַ־קליידונג פאַר די קינדער, און די קאָלדרעלעך און קישעלעך — פּשוט שמאַטעס. און מיט דעם פאַרמעגן זיינען די מענטשן געקומען אַהיים....

— איר זעט אָט דעם גרויסן פאַרמעגן? — זאָגט צו מיר אַ יונגערמאַן מיט אַן איידל פנים (זעט אויס צו זיין אַ למדן). — אָט די צעריסענע קאָלדרעס און שמאַטעס? גלויבט מיר — זאָגט ער ווידער, — אַז די בערג זאַכן מיט די בערג שיך מיט די פולע שפּייכלערס זאַכן וואָס איך האָב געזען אין דאכאו, וואָס די נאַציס האָבן אָנגעקליבן פון די מענטשן וואָס זיינען דאָרט אַזוי ברוטאַל אומגעבראַכט געוואָרן, וואָלט מען אַ שטיק וועלט געקענט באַקליידן. ווער האָט עס דען? זיי, די נאַציס? ווי מיינט איר בין איך געבליבן לעבן? נאָר זאָל זיין... וואָס האָב איך זיך צערעדט?! איך בין אויך אַ זכר פון אַ משפחה; נאָר אַ דאַנק גאָט... און די אַלע גוטע מענטשן אין ארץ ישראל... גאָט, אַבי מיר זיינען שוין דאָ, איך און מיין ווייבעלע און אונדזער פיר־חדשים׳דיקע טעכטערל. נו, עס וועט זיין גוט...

קיין צופיל צייט איז ניטאָ. עס איז דאָך פּריוויטיק. עס ווערט שפּעט. נאָך אַ פּאָר אויטאָבאָסעס און מיר פאָרן באַלד אין שטאָט אויף שבת. אגב, די הויפּט מחנה עולים געפינט זיך אויף באָדן אַרויס פון שטאָט רעננה.

אגב, פאַרברענג איך דעם שבת ביי די ברטוב׳ס און מיין חברה ברטוב איז אויך דאָ מיט די מיטהעלפער. אַזוי האָט עס פּאַסירט.

געשיכטע נעמט אַריין, פאַרצייכנט די ערשטע פּליטים פון קפריסין, דווקא דעם פרייטיק פאַר דעם היסטאָרישן שבת, נאָוועמבער 29, 1947.

אין שטאָט אַריין קיין רעננה זיינען מיר געפאָרן מיט אַ וואָגן געשלעפּט פון אַ מאָגערן פערדל.

עס איז שוין כמעט שבת ווען מען קומט אָן אין שטוב. מען צינדט שוין ליכט. אין הויז זיינען דאָ נאָך געסט וואָס זיינען פאַר־בליבן אויף שבת. דערציילט מען, דאָ אַרום טיש, די געשעענישן און איבערלעבונגען פון טאָג. מען פרייט זיך מיט די היינטיקע דער־גרייכונגען.

עס קומען אַרויף אויפן זינען געשיכטעס וועגן נסים וואָס האָט פּאַסירט מיט יידן וואָס פלעגן בלייבן ערגעץ אין מיטן וועג שטעקן אויף שבת, און ווי אליהו הנביא קומט אָן פירט זיי אַוועק אין פּאַלאַצן, וואו שבת מלכה פרייט זיך מיט די געסט... דאָ אויך, דאכט זיך, איז דאָס זעלבע: די שבת־ליכט ברענען ליכטיקער און מלכה שבת איז אויסגעצירט, פאַרנויגט זיך אין יעדן ווינקעלע, און אפילו די ווענט פרייען זיך מיט „מיין" שמחה. עס לאָכט די לבנה דורך דעם פענצטער, אַ צויבער שוועבט אַרום און אַרום, דו ביזט עס ניט בכוח צו באַגרייפן... יעדער פון די אַנוועזנדיקע גיט זיין השערה, יעדער טייטשט אויס די פרייד אויף זיין שטייגער...

מיין חברה, נחמה'לע, דערלאַנגט צום טיש שבת'דיקע מאכלים און זי ווענדט זיך צו מיר מיט אַ טענה: ווארום האָב איך דווקא געהאַט דעם מזל פאָטאָגראַפירט צו ווערן? זי, נחמה, האָט דאָך אויך געהאַלטן קינדערלעך אויף אירע הענט?...

עס געדענקט זיך אַ נאַרישקייט. איינער פון די געסט האָט מיך פאַרענטפערט דערמיט וואָס — אוירה דארץ־ישראל מחכים. ווע‍מען? דעם וואָס קומט קיין ארץ ישראל, ס'הייסט די וואָס דאַרפן קליגער ווערן. — אָבער מענטשן וואָס לעבן אין ארץ ישראל זיינען בכלל קלוג — דאַרפן זיי ניט מקפיד זיין אויף נאַרישקייטן...

אין אַנדערע ווערטער וואָלט איך זאָגן, אַז מען דערזעט אַ נאַר דערפרייט מען זיך מיט אים; בפרט אַ נאַר צווישן אַזוי פיל קלוגע — איז דאָך אַן אויסנאַם.

ביינאַכט אויפן געלעגער, צוהערנדיק זיך ווי די שאַקאַלן „טרויערן", האָט זיך מיר געדאַכט יענע נאַכט, אַז אויך זיי פרייען זיך מיט ארץ ישראל'ס געסט און דאָס וויינען זיי פון פרייד וואָס דער ישוב פאַר־גרעסערט זיך.

אין פרימאָרגן, זיך צוהערנדיק צום געזאַנג פון די פויגלען, זינגט זיך מיט:

איר, נייע געסט אונדזערע ליבע,
מיר נעמען אייך אויף מיט אָפענע הענט.
בעווינ׳ען פאַרדריסט, וואָס האַלטן אייך
אין קפריסין האָט ער מער ניט געקענט...

מחמת עס איז דאָ אַ מאַכט,
וואָס איבער מענטש רעגירט —
קיין בייזער המן, אין קיין דור
האָט נאָך גאָרניט אויסגעפירט...

מיר ברעכן דורך אייזערנע טויערן,
אין אונדזער לאַנד מיר קומען אַריין, —
מיט ליב אייער קומען ליבע געסט,
איר וועט אין ארץ פרייע בירגער זיין!

מיט דעם געזאַנג קומט מען אַנטקעגן צו אַלע די, וועמען עס געלינגט אַריינקומען אין לאַנד. דער עיקר, עס מוז זיין גוט. קיין אַנדער אויסוועג איז ניטאָ. די קליינע קינדערלעך וועלן וואַקסן אין לאַנד, ווי די בוימער וואָס די יידן פאַרפלאַנצן...

קאַפּיטל 5

אָנפאַנג מאַרטש 1948 בין איך אָנגעקומען אַרבעטן אין בית החלוצות פון די מועצת הפועלות אין פּתח תקוה, — די שוועסטער־אָרגאַניזאַציע פון די פּיאָנערן פרויען אין אַמעריקע.

דאָ געפינען זיך מיידלעך פון פאַרשידענע לענדער. זיי לעבן דאָ צוזאַמען, אַרבעטן ביי וואָס עס קומט אויס. מיין וויניגקייט האָט דאָ געטראָפן 80 מיידלעך. צווישן זיי אַ קליינע צאָל עלטערע פרויען, וואָס אויך זיי בויטיקן זיך אין אַ היים וואו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן נאָך יאָרן פון וואַגלעניש און מאַטערניש...

עס איז אָנהויב מאַרטש. עס רעגנט, און דערצו רעגנט נאָך ביינאַכט מיט קוילן־שיסעריי און באָמבעס־קראַכן. האָט מיין וויניגקייט, די ערשטע נאַכט אין פּתח תקוה, פאַרבראַכט אין אַ קליין צימערל, פול מיט מחשבות, זכרונות, געמישט מיטן רויש פון דעם רעגן, דאָס קנאַלן פון קוילן און צוגעפּראַוועט מיט באָמבע־דונערן וואָס האָבן אָפּגעהילכט פון ערגעץ ניט ווייט, קייקלענדיק זיך ווי די ווידער־קנאַלן פון אַ דונער... אפשר האָט אויך געבליצט, נאָר מיין אויג האָט עס ניט אויפגעכאַפּט...

אַ מענטשט קען זיך אין אַזעלכע מאָמענטן ניט אָפּגעבן קיין קלאָרן חשבון הנפש. בכלל לעבן זיך די טעג אין ארץ ישראל, ווי מיר זאָגן דאָ, אין „ערבוביה" — צעמישעניש פון אַלע נייסן, פון אַלע קלאַנגען. פאָרלויפיק זעט מען נאָר פאַר די אויגן דאָס וואָס איז נאָענט.

„מיינע" מיידלעך קומען צו מיר זיך פאָרשטעלן, זיך באַקאַנען מיט דער נייער „מאַמע". דאָס מערסטע פון זיי האָבן איבערגעלעבט אַ סך גיהנום׳ס, אפשר נאָך מער ווי זיבן. אָבער איצט זיינען זיי דאָ, אין ארץ. זייער פיל פון זיי זיינען שיינע, חנ׳עוודיקע, מיט פאַרחלומ׳טע אויגן. אינטעליגענט. אויף אַ סך פון זיי ליגט אויסגעגאָסן דער אומעט פון די איבערלעבונגען. אין זייערע אויגן שפּיגלען זיך אָפּ גאַנצע וועלטן. ווען עס וואָלט נאָר מעגלעך געווען אַריינצוקוקן אין די נשמות פון אָט די דערוואַקסענע קינדער וואָס געפינען זיך דאָ!... עס ווילט זיך דורכאויס געווינען דעם צוטרוי פון די האַלב־אַנטוישטע, פון לעבן אָפּגענאַרטע מענטשן. צו אַ געוויסן גראַד, זאָל דאָ געזאָגט ווערן, געלינגט עס. אָפּט באַגעגנט איר איינע וואָס טראָגט זיך אַרום מיט איר אָנגעלאָדנקייט וואָס זי פאַרבאַהאַלט אין זיך ווייל זי גלויבט ניט

אין דער מענטשהייט, זי האָט פאַרלאָרן דעם צוטרוי צו אַלץ און אַלעמען, זי גלויבט קיינעם ניט און איז איבערצייגט דאָס מענטשלעכקייט עקזיסטירט ניט מער... אָבער, פילנדיק אַז יענע טראָגט זיך אַרום מיט איר האַרץ־דריקעניש, זוכסטו געווינען איר צוטרוי צו דיר. דו ווילסט איר מאַכן פילן אַז זי האָט אַ פריינט אין דיר. אָט דווקא צו דעם „האַרץ־קאַמערל" ווילט זיך דיר דערגרייכן...

אָט זיינען אַ פּאָר ביישפּילן:

ווען אַ מיידל קומט אַריין אין לאַנד, קומט זי אָן אין בית עולים, אין הויז וואו מען נעמט אויף צייטווייליק. נאָך אַ קורצער צייט וואָס זיי פאַרוויילן אין מחנה עולים, שיקט מען זיי מער־ווינציקער זיך איינצואָרדענען. למשל, די מיידלעך שיקט מען אין בית החלוצות, וואו זיי קענען לעבן פאַר זייער ביליג. דאָרטן פאַרזאָרגט מען זיי מיט אַלע נויטווענדיקייטן צו לעבן אַזוי גוט ווי מעגלעך ביז די מיידל איז פאַרזאָרגט מיט באַשעפטיקונג און זי קען שוין פאַרדינען געגוג אויף אַן אָנשטענדיק לעבן. אַזאַ מיידל ציט זיך נאָכדעם איבער אין אַ פּריוואַטן צימער מיט נאָך אַ מיידל ווי זי, און צוזאַמען לעבט זיך זיי זייער באַקוועם. ווען אַ מיידל האָט חתונה, ציט זי זיך אַרויס אין אַן אייגן ווינקל און עס ווערט ליידיק אַ בעט פאַר אַ צווייטער קאַנדידאַטקע.

זייער אָפט קומט צו אונדז אַ מיידל אין בית החלוצות פונקט אין דער צייט ווען עס איז ניטאָ קיין ליידיק בעט פאַר איר און מען קען איר ניט אַריינעמען. אַ סך פון אַזעלכע מיידלעך, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט אין לעבן זייער פיל און גאַנץ אָפט אָפּגענאַרט געוואָרן, גלויבן אונדז אויך ניט. זי מיינט אַז אויך דאָ וויל מען איר אָפּנאַרן, נאָר אַז זי וועט „פאָדערן" וועט זי געווינען און זיכער באַקומען איר חלק. די מיידל פאַרשווייגט ניט, זי קומט באַלד אַרויס מיטן לאַגער־לעבן וואָס זי האָט דורכגעמאַכט, מיט די היטלער־נאַציס. זי ציינגט דיר איר האַנט מיטן אויסגעברענטן נומער און צום שלוס גיט זי דיר אַזאָג אַז „דאָ אין ארץ, באַהאַנדלט מען די מענטשן ווי אין דייטש־לאַנד". און ווידער אַמאָל חזרט זי איבער ווי שלעכט איר זיינט: „פונקט ווי אַלע אַנדערע מענטשן וואָס איך האָב באַגעגנט די לעצטע צען יאָר." זי גייט אַוועק אין כעס...

אַזאַ פאַל איז ניט צו באַוואונדערן. ניין, עס איז צו באַדויערן.. עס איז איר, נעבעך, שלעכט, אָט דער עלנטער. זי קען ניט באַגרייפן אַז עס זאָל מעגלעך זיין אַז איצט איז ניטאָ קיין פּלאַץ דאָ פאַר נאָך אַ מיידל; אַז שפּעטער מיט אַ טאָג, צוויי, קען און וועט זיין אָרט... יע, מען דאַרף ביי־וואַוינען אַזאַ סצענע אום ריכטיק צו פילן די טראַגעדיע פון אַ פיל־דורכגעלעבטן, דערשלאָגענעם מענטשן.

עס איז אויך דאָ נאָך אַ קאַטעגאָריע: עס קומט אַ מיידל זוכן אַן אָרט צו קענען זיך עטאַבלירן. אויך די איז געשיקט געוואָרן פון מחנה עולים, און די איז אויך פון די וואָגלענדיקע, אַנגעפילט מיט שוידער פון שווערע איבערלעבונגען. אָבער דאָ איז אַ מענטש וואָס וויל און קען פאַרשטיין. אויך איר דערקלערט מען אַז ליידער איז איצט דאָ ניטאָ קיין ליידיק פּלאַץ פאַר איר; זייער מעגלעך אַז אין אַ קורצער צייט שפּעטער וועט ליידיק ווערן אַ בעט און זי וועט זיכער קענען אַריינקומען צו אונדז. אַזאַ מיידל דריקט צוזאַמען אירע ליפּן, אפשר טאַקע פון אַנטוישונג, אָבער זי זאָגט אַ שטילן שלום און פאַרלאָזט אַזוי שטיל, ווי זי איז אַריינגעקומען. אַזאַ מיידל, אַז זי געפינט זיך אין בית החלוצות, אָדער וואו זי זאָל זיך ניט געפינען אָרדענט זיך איין פיל גרינגער און שנעלער. ס'איז גרינגער צו קומען אין באַרירונג מיט איר. איר שלום צו דיר זאָגט צו אַז דו געווינסט איר צוטרוי ניט קוקנדיק אויף איר פאַרביטערניש און אַנטוישונג אין לעבן. פאַרקערט נאָך, אַז מען באַציט זיך צו אַזאַ קינד פריינט־לעך, ווערט זי אויפגעמונטערט, פרישער, לעבעדיקער, פריילעכער. אויף אייניקע פון „מיינע קינדער" דאָ, זעט מען פון זייער אויפפירונג, אַז דאָס לעבן האָט געמאַכט אַ שלעכטע ווירקונג אויף זיי און זייער פערזענלעכקייט.

איך וויל דאָ זאָגן מיינע לייענער, אַז ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס איך האָב געוואונען דעם פולן ר'עספּעקט פון אַלע „מיינע מייד־לעך", בין איך נאָך מיט זיך אין באַצוג צו מיינע פליכטן ניט פאָלקאָם צופרידן. די מיידלעך זיינען העפלעך און קומען מיר אַלע מאָל אַנטקעגן מיט אַ ברייטן „שלום צפורה, מה שלומך?" זיי ווייסן אַז איך בין גערן זייער און זייער אַז זיי זאָלן זיך צוטוליען צו מיר, טאַקע ווי צו אַן אייגענער מאַמע, מיר דערציילן זייערע פּראָבלעמען, זיך אָפּריידן פון האַרצן און זיך גרינגער מאַכן דאָס געמיט... צו מיין גרויס צו־פרידנקייט, נעמט ניט לאַנג, און איך דערגרייך צוביסלעך מיין ציל. מיר לעבן זיך איין ווי איין משפחה. אַ מיידל האָט חתונה אין בית־החלוצות, בין איך טאַקע די „מאַמע", ווי די בילד דאָ ציינט. מיין צימער איז אַ היים פאַר אַלע קינדער. אגב, געפינט זיך מיין צימער אין דער זעלבער לענג פון אַלע קינדער'ס צימערן; עפנט מען די טיר אַרויס אויף דער טעראַסע „מרפסת", בין איך אין שכנות מיט זיי, ווער איך אַרומגערינגלט מיט מיינע „טעכטער".

אין די אָוונטן זעצט מען זיך אַוועק צוזאַמען און מען דערציילט פאַרשידענע מעשות. מען זינגט, מען לאַכט, און גאַנץ אָפט ענדיקט זיך אַזאַ אָוונט מיט אַ דערציילונג פון די פערזענלעכע איבערלעבענישן.

מחמת כמעט יעדע מיידל טראָגט מיט זיך אַ „לעבנס־בוך". גאַנץ אָפט קומט אויס אויסצוהערן וואָס איינע דערציילט פאַר אַלעמען זיך צוצוהערן. מען צעשמועסט זיך פון דער היים, פון וואַנען מען איז אַוועקגעריסן געוואָרן.

אָט דערציילט איינע:

איך געדענק ניט וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט, נאָך דעם ווי די מערדער האָבן מיינע צוויי קינדערלעך פון מיר אַוועקגעריסן. מיר דוכט גאַנץ אָפט, אַז איך הער מיינע קינדערלעך שרייען... די האַרצ־רייסנדיקע געוויינען זייערע האָבן מיר די ערשטע צייט משוגע געמאַכט. זייער געוויין הער איך נאָך איצטער ביינאַכט און זיי וועקן מיך אויף פון שלאָף. זייערע פּנימלעך זע איך כמעט יעדע נאַכט פאַר מיינע אויגן. איך דאַרף נאָר צומאַכן מיינע אויגן, זע איך ווי מיין מאַן רייסט זיך פון די מערדער׳ס הענט. ער וויל אַ דריי טאָן זיין קאָפּ אין מיין זייט... און אַלץ שוועבט פאַרביי פאַר מיינע אויגן, און ווי אַ שטורעמווינט וואַרפט עס מיך אַרום אויף מיין געלעגער...

„אין די לאַגערן... צו אַלעם דעם, געהונגערט... שווערע, זייער שווערע אַרבעט דערצו געאַרבעט... נאַר, וואָס איז די פּעולה פון מיינע רייד? אָט לעב איך און אַרבעט און בין אין בית החלוצות אין ארץ, אַבי זיך שוין פון קפריסין אַרויסגעריסן."

אַזוי רעדט חיה׳לע די בלאָנדע, אַ נידעריקע אין וואוקס, אַ ליי־בער מענטש... אַז זי גיט אויף דיר אַ שטעל אָן אירע בלויע אויגן, ווילט זיך ניט גלויבן אַז אָט דער יונגער פּנים האָט שוין דאָס אַלץ איבערגעלעבט. טראָץ דעם, וואָס אירע באַקן זיינען איינגעפאַלן, זעט זי אויס יונג און איז פול מיט לעבן. אַלע האָבן איר זייער ליב. אין „חדר האכל", אַז מען זיצט מיט איר ביי איין טיש, איז תמיד פריילעך.

עס גלויבט זיך אָפט ניט, אַז דאָ זיצן קינדער, וואָס זיינען אָנ־געלאָדעוועט מיט שווערע פּעק „באַגאַזש", און יעדע יונגע פרוי אָדער מיידל האָט איר „רייע" אויף צו דערציילן אַ מעשה פון לעבן. אָבער, ניט גאַנץ אָפט דערציילט מען זיך פון דאָס איבערגעלעבטע — דאָס לעבן, פאַר אָט די יונגע מענטשן, איז שטאַרקער פון דער פאַרגאַנ־גענהייט...

אין די אָוונטן, אָדער שבת, ווען מען אַרבעט ניט, קומען אויך יינגלעך אויף וויזיטן צו די מיידלעך. דאָ ברענגט אויך יעדער פון זיי זיין לעבנס־געשיכטע... אָבער איצט איז הגנה־צייט און, מערקווירדיק, די אומרוען דאָ האַלטן די מענטשן מערער צוזאַמען. אין דער צייט ווען חברים פאַלן קרבנות און דער אומעט איז, דאכט זיך, אויסגע־

גאַסן אויף יעדנס געזיכט, ווילט זיך מער טוליען אײנע צו די אַנדערע. אָבער הגנה־מענטשן ווייסן, אַז אויב אַ חבר איז נעכטן געפאַלן אַ קרבן, דאַרף ער היינט ניט בלייבן אין דער היים... מען מוז שטיין אויף דער וואַך צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד, און יעדער בחור איז שטאָלץ מיט דעם וואָס ער איז אין ארץ און קען זיך שטעלן קעגן די שונאים...

„אַ נס, וואָס די מלחמה האָט זיך אָפּגעשטעלט און די אַמעריקאַנער האָבן פאַרנומען דיזעלדאָרף, זיינען מיר געראַטעוועט געוואָרן פון טויט". אַזוי דערציילט אונדז „צפורה" די שוואַרצ'חנ'עוודיקע. זי קומט פון ריגע. זי ווייס ניט וואו איר משפחה איז אַהינגעקומען. „אַ סאַך יונגע מיידלעך האָט מען גענומען צו דער אַרבעט ווען די דייטשן זיי־נען צוגעקומען נאָענט," דערציילט זי ווייטער. „אַ סאַך האָט מען אומ־געבראַכט, שלעפנדיק פון איין לאַגער אין צווייטן אַריין. דיזעלדאָרף איז געווען דאָס ערגסטע. מען האָט פשוט געהונגערט דאָרט. נאָר דאָס איז שוין געווען נאָענט צו דער ענדע מלחמה. די נאַציס האָבן שוין דערפילט זייער סוף, פלעגן זיי זיך צעלייפן און איבערלאָזן די לאַגער־מענטשן אויסצושטאַרבן פון הונגער.

„אָבער עס איז אונדז באַשערט געווען צו בלייבן לעבן, זיינען די אַמעריקאַנער אַריינגעקומען און אונדז געראַטעוועט. מיר זיינען געווען אין דעם לאַגער אַ פּאָר הונדערט מיידלעך און פרויען. מיר זיינען שוין געלעגן אָפּגעשוואַכטע און געוואַרט אויפן טויט איז אָט בין איך דאָ און דערצייל ווי מיר זיינען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן... נאָכדעם האָבן מיר זיך נאָך געגנוג אַנגעוואָגלט, ביז מען האָט אונדז געבראַכט אין ארץ... אין קפריסין זיך אָפּגעמאַטערט אַ יאָר צייט, און ענדלעך זיי־נען מיר דאָ..."

אַזוי דערציילט צפורה. איך מוז זיך דאָ אָבער אָפּשטעלן. איך דערמאָן זיך דאָ אָן די וויזיט־געסט פון אַמעריקע וואָס קומען צופאָרן זען וואָס עס טוט זיך אין ארץ ישראל. בדרך אגב, קומט מען קיין פתח תקוה אָנקוקן דעם בית החלוצות. און מיין וויניגקייט געפינט זיך אין דער דאָזיקער משפחה. האָבן די חברות אויך באַזוכט מיין דירה. צווישן די באַזוכערינס זיינען חברה בערט גאָלדשטיין, חברה ראָטבאַרד, די סעקרעטאַרין פון די פּיאָנערן פרויען אין אַמעריקע, ווי אויך די באַרימטע שרייבערין קאַדיאַ מאָלאָדאָווסקי, און נאָך חברות. און ווי זאָל איך זיך אויסדריקן: איך פיל אַז איך האָב אַ זכות צו זיין אין ארץ ישראל צום דריטן מאָל און איבערהויפּט צו זיין דאָ אין בית החלוצות. צו זיין אַ „מאַמע" פאַר די עלנטע קינדער וואָס זוכן וואַרעמ־קייט און פריינטשאַפט. דערפאַר גלויבט זיך מיר איז ניט קיין וואונדער וואָס ווען יעדעס מאָל וואָס אַ מיידל דערציילט מיר אַ שטיק פון איר

דורכגעלעבטע „טעג״, פיל איך, אַז זי קריצט זיך אַריין אין מיין האַרץ און אין מיין נשמה. און דאָס זעלבע אין באַצוג צו די בחורים וואָס דערציילן די מיידלעך דאָ, אַז עס שרעקט זיי ניט אַרויסגיין אין קאַמף קעגן די שונאים, טראָץ דעם וואָס זייערע חברים האָבן שוין פאַרלאָרן זייערע לעבנס...

אָט פייפט אַ סירענע. ס׳איז האַלבע נאַכט. ווי אַ פייל פון בויגן גיבן זיך די אינגלעך אַלאַז אַוועק אין אַ גאַלאָפּ, ווער אויף זיין בייסיקל, ווער אין אַ טעקסי, עס זעט אויס, אַז הגנה ווייס וואו מען דאַרף זיי האָבן. אויך צווישן מיידלעך ווערט אַ געררודער.. אָבער מען טאָר ניט לויפן, מען טאָר ניט באַווייזן זיך אין גאַס אין דער צייט פון אַ טרעוואָגע. — אַזוי זיינען די באַפעלן פון די היטער...

פאַר דער שטיקל צייט פון וואַפנשטילשטאַנד אין ארץ ישראל, טוט מען דערווייל וואָס ס׳איז מעגלעך אין בויען און און שאַפן אויף אַלע געביטן.. עס ווערט אַלץ קלאָרער, אַז באַלד וועט דערקלערט ווערן מדינת ישראל אַלס אַ זעלבסטשטענדיקע, מדינה, אומאָפּהענגיק פון מאַנדאַנטן און אַן ענגלענדער אין לאַנד...

דערווייל קומען אָן די שיינע, ליכטיקע, זוניקע טעג פון נאָך די רעגנס. דאָס הערלעכסטע נאַטור־רייכסטע זיינען די פרימאָרגנס אין מיין סביבה. אַ פרייד איז צעגאָסן אין גאַנצן אַרום, עס צעגרינט זיך, עס צעבליט זיך דאָ אונטער דעם בלויען הימל, מיט דער גאָלדענער זון, וואָס שפינט גאָלדענע פעדימלעך אויף די גרינע בלעטעלעך: דערצו נאָך די טענץ און דאָס געזאַנג פון די קינדערלעך דאָ אַרום, וואָס הילכן פון אַלע בתי־ספר און פון די שולעס... אַרום און אַרום הערט מען ווי עס ווערט אויפגעבראַכט דער צוקונפטיקער דור. אַזאַ בילד קען מען זען נאָר אין ארץ ישראל. עס מישן זיך צוזאַמען געזאַנג מיט בלומען-בליאונג און דאָס אַלץ פאַר׳כשופ׳ט די נשמה. אָפט דוכט זיך אַז דו לעבסט ערגעץ אין די לופט־ספערן, דו קענסט ניט פונאַנדערטיילן איינס פון צווייטן.

אויך מיינע מיידלעך, ווי שווער זיי זאָלן ניט אַרבעטן אויף זייער אופן, דוכט זיך, פילן אויך דעם צויבער פון אַרום און אַרום.

אַזוי ציען זיך טעג, וואָכן, ביז עס קומט אָן פרייטיק, דער 14טער מאַי, 1948. לויט אונדזער יידישער צייטרעכענונג — ערב שבת, ה׳ אייר, תש״ח. פון גאַנץ פרי אָן צעטראָגט זיך די נייס, אַז היינט וועט זיין הכרזת מדינת ישראל. עס וועט פּראָקלאַמירט ווערן אַ יידישע מדינה. עס האָט זיך נאָר געדוכט, אַז אַ חלום שוועבט אַרום איבער די גאַסן... ווער קען דען פאַרגעסן אָט די היסטאָריש־וויכטיקע צייט?! מיין ווייניקייט וועט אין לעבן ניט פאַרגעסן די גרויסע זכיה צו זיצן ביים

ראַדיאָ אין ישראל, און הערן דר. ווייצמאַנ׳ס רעדע. ווייצמאַן האָט זיך געפונען אין אַמעריקע, אָבער דער גרויסער שטח און די כוואַליעס פון די ים׳ען האָבן ניט געשטערט אונדזער ווירדיקן נשיא ישראל, איבערצושיקן אונדז ערשטנס, זיין טיפן באַדויערן, וואָס אין אַזאַ היסטאָרישן מאָמענט איז ער ניט מיט אונדז, און צווייטנס, זיין רעדע, וואָס האָט זיך געטראָגן דורך דער לופט איז אַריינגעדרונגען אין האַרצן פון די צוהערער. דאָס זיינען געווען מאָמענטן שטורעמדיקע. נאָך צוויי טויזנט יאָר גלות — אַ ווידערגעבורט אַ היים פאַר אַ גלות־פאָלק... אַ דאַנק גאָט פאַר דעם חסד, וואָס דער מענטש וואָס האָט פון זיין פריסטער יוגנט אָן מיט זיך און אין זיך געטראָגן דעם יאָך פון גלות־פאָלק, געהאָלפן צו פאַרווירקלעכן און אַליין דערלעבט דעם טאָג פון הכרזת מדינת ישראל.

עס האָט זייער ווי געטאָן ווען ווייצמאַן האָט אין זיין רעדע אַ פּאָר מאָל זיך אָפּגעשטעלט, צוליב זיינע שוואַכע אויגן, און האָט שטיל אַרויסגערעדט: „איך קען ניט זען״ („אַי קענ״ט סי״). אָבער אין יעדער וואָרט פון זיין זעלטענער היסטאָרישער רעדע, האָט זיך געפילט אַז עס קומט פון טיפן האַרצן, אַז דאָס זיינען „דברים היוצים מן הלב״.

יע, אַ היסטאָרישער טאָג געווען יענער פרייטיק. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די גאַנצע וועלט טאַנצט פון גרויס שמחה פאַרן גלות־פאָלק, ישראל, וואָס האָט זוכה געווען צו מדינת ישראל, —

אָבער דאָס האַרץ שרעקט און ס׳ווערט עפּעס שווער אויפן געמיט גלייכצייטיק מיט דעם געפיל פון גרויסן פרייד... ס׳איז שווער צו מאַכן שלום מיטן געדאַנק אַז מער וועט קיין שלעכטס ניט פּאַסירן...

אויף מאָרגן נאָכן באַרימטן 14טן מאַי 1948, הויבן זיך אָן די אָנפאַלן פון די אַראַבער. זיי האָבן אַזאַ ביסן ניט געקענט אַרונטער־שלינגען. טראָץ דער גרויסער פרייד, וואָס ענדלעך זיינען יידן אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך, נעמט זיך איצט ישראל אונטער בייצושטיין די אָנפאַלן פון די אַראַבער. אגב, ווען ווערט מען פּטור פון די ענגלענדער, וואָס מאַכן אונדז ענג אויף שריט און טריט? זיי העלפן אַרויס די אָנפאַלער מיט וואָס נאָר זיי קענען; זיי אַרעסטירן די הגנה־מיטגלידער, נעמען צו וואָס פאַר אַ געווער איינער האַלט פאַר פאַרטיידיקונג און גיבן עס איבער צו די אָנפאַלער, די אַראַבער.. דאָס איז פיל מאָל באַוויזן געוואָרן. איצט הויבט זיך אָן גרינדן אַ צבא ישראל. נעמלעך, די „הגנה״ ווערט אַן „אַרמיי״.

אָבער ניט אַזוי גרינג ווי עס שרייבן זיך די שורות, ווערט אָר־גאַניזירט אַ צבא־ישראל. וועגן קעמפער איז קיין פראַגע ניט. עס שטייען

אויף יונג און אַלט און גייען פּרייוויליק קעמפן פאַר דעם אייגענעם ווינקעלע ערד. יעדעס קינד פילט אַז ער אָדער זי איז אַ טייל פון ישראל׳ס „צבא״. מען מאַרשירט, מען זינגט באַפרייאונגס־לידער, מען טאַנצט כמעט אין די גאַסן, רופנדיק אַלעמען צום קאַמף. מען נעמט אויך מיידלעך אַריין אין צבא. עס איז אַ זכיה פאַר אַ מיידל צו ווערן אַ „חיילת״ — אַ סאָלדאַטקע.

דאָ, אין מיין בית החלוצות, אָרגאַניזירן זיך די מיידלעך צו גיין אין פאַרטיידיקונג. זיי גייען צו איבונגען. אויסער דעם, דאַרף מען פרויען אין די קיכן וואָס עס אָרדנען זיך איין פאַר די חיילים — און מיידלעך קענען טאָן אַ סך אַרבעט. עס טומלט זיך טאָג ווי נאַכט. די אָנפאַלן פון די אַראַבער ווערן אַלץ געדיכטער, שטאַרקער. יעדער טאָג ברענגט אַנדערע נייס. דאָ בייטן זיך מיידלעך: מען ליידיקט אויס צי־מערן און באַלד קומען אָן אַנדערע מיידלעך, נייע, נאָר־וואָס געקומענע אין לאַנד.

די נעכט ווערן ווידער אַמאָל אומרואיק. מען שיסט אָבער און ווידער. אויב דאָס איז נאָך ניט גענוג, פליען עראָפּלאַנען און וואַרפן באָמבעס אויף אונדז.

מען הויבט אָן גראָבן מקלטים, וואו זיך אויסצובאַהאַלטן ווען די סירענע וועט זיך לאָזן הערן אַלס צייכן פון געפאַר. אָבער, ווער ווייס, ווי קען מען פון שונאים זיך אויסבאַהאַלטן?! עס איז ניט אַזוי גרינג. עס פאַלן קרבנות כמעט יעדן טאָג און יעדע נאַכט. אין די שטעט באַוואָרנט מען די געשעפטן־פענצטער מיט אויסקלעפּן זיי פון אינע־ווייניק אין קעסטעלעך פון לייוונט. מען פאַרמויערט די אַריינגאַנגען מיט די באַרימטע״ זעק זאַמד, וואָס ווערן אָנגעלייגט ווי אַ וואַנט, אויך ביי די הייזער, אַלס אַ סגולה קעגן באָמבעס.

ס׳איז מערקווירדיק, דאַכט זיך אַז דו לעבסט דאָ אין בית החלוצות, דאָס זיינען דיינע מיידלעך, דאָס איז דיין פּאָסטן — דאָך, ניין, דו לעבסט מיט אַלץ וואָס עס קומט פאָר. אַלץ ווערט באַאָבאַכטעט. איך גיי אין גאַס, זע איך ס׳שטייט אַ מיידעלע ביי אַ פאַרקלעפּטן שוי־פענצטער און דערציילט פאַר אַנדערע קינדער פאַרוואָס די פענצטער איז אַזוי ווי מיט סטענגעס דורכגעקלעפּט: „דאָס איז צוליב דעם, דאָס אויב אַ באָמבע זאָל פאַלן און די פענצטער וועט פּלאַצן, איז עס אַזוי אויסגע־קלעפּט אַז די גלאָז וועט זיך ניט צעשיטן — אַזוי אַרום קען מען זיך אויסהיטן פון פאַרוואונדעט צו ווערן״... דו הערסט זיך צו און עס ווערט קלאָר ביי דיר, אַז נאָר אין אַ לאַנד וואָס עס ווערט איצט געשאַפן קענען קליינע קינדער האָבן אַ באַגריף פון מצב אין לאַנד.

קאַפּיטל 6

ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די מורעות אין ארץ ישראל, אין 1936־1939, איז מיין וויינינקייט דאַן שוין דאָס צווייטע מאָל געווען אין ארץ ישראל. אויך איז מיין זון געווען מיט מיר. ער האָט זיך געלערנט אין „מאַקס פיין"-שול אין תל אביב, וואָס געפינט זיך, אגב, ניט ווייט פון „שורונה". דאָס איז דאַמאָלט געווען אַ נעסט פון נאַציס. שורונה ליגט אויפן וועג פון תל אביב צו רמת גן. יענע שטיקל וועג, אַז מען איז דורכגעפאָרן מיטן אויטאָבוס אָדער מיט אַן אויטאָמאָביל, צי בייסיקל און מען איז ניט דערשאָסן געוואָרן, איז דאָס געווען אַ נס.

אין שורונה זיינען געזעסן דייטשן פון אַ סך יאָרן פריער. נאָר ווען די מורעות האָבן זיך פאַנאַנדערגעשפּילט, אין יענע צייטן, האָבן די נאַציס זיך שוין געלאָזט וואוילגיין אין דייטשלאַנד און אויך די נאַציס אין ארץ ישראל האָבן זיך צעיושעט. אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען ביז עס האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע וועלט־מלחמה. דאָ האָט שוין ענגלאַנד געהאַט די מאַכט אַרויסצוטרייבן די דייטשן פון שורונה. אַפריער האָט מען אַרויסגעשיקט די מענער, באַלד נאָך די מענער זיינען אויך פאַרשוואונדן די איבעריקע.

די ענגלישע מיליטער האָט זיך דאַן אַריינגעקליבן אין שורונה און האָט דאָרט, ווי עס איז געשריבן אין דער הגדה של פסח — „ויבן ערי מסכנות לפרעה את פּתם ואת רמסוס", — אין אַנדערע ווערטער: די פּרעות פון אונדזער דור האָבן זיך אַזוי צעשפּרייט דווקא אין ארץ ישראל...

זיצט אַזוי ענגלאַנד אין שורונה ביז די מלחמה ענדיקט זיך. און אויך אין די יאָרן פון נאָך דער מלחמה רירט זי זיך ניט פון אָרט. אפשר מיינט זי אַ זי איז שוין אַ פאַראייביקטע בעל־הבית׳טע אין ארץ ישראל. אָבער נאָך אַלע שיינע מעשים תעתועים וואָס זיינען אָפּגעטאָן געוואָרן אונטער ענגלאַנד׳ס מאַנדאַט, מוז זי נעבעך פאַר־לאָזן תל אביב און נאָכדעם שורונה, און במילא אויך גאַנץ ארץ ישראל. איבער נאַכט זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן די ענגלישע דזשיפּס מיט איר מיליטער. בעווין האָט, נעבעך, אַרונטערגעשלונגען אַ ביטערע פּיל. אפשר האָט זיך „בריטאַניע" ניט גע׳חלומ׳ט אַזאַ חלום, אַז זי וועט מוזן אויפגעבן דעם מאַנדאַט איבער ארץ ישראל. מסתמא איז שוין צייט, נאָך צוויי טויזנט יאָר גלות, אַז יידן זאָלן האָבן אַ „יודען־

שטאַט", ווי הרצל האָט געוואָלט, און יידן ווערן אַליין די בעלי־בתים פון ארץ ישראל. דער עיקר איז, איצט ווערט שורונה אויסגעליידיקט פון ענגלענדער — אַ געפינס פאַר ישראל. עס איז ווערט זיך פרייען איבער דעם פון אַלע שטאַנדפונקטן. אויסער דעם איז אונדז צוגעקומען אַ שטח פון 1000 דונאַם לאַנד, מיט אַ פיין אויסגעבויטער שטאָט, אַ הונדערט הייזער מיט אַ סך באַקוועמלעגקייטן, — אַ פיין פלאַץ פאַר דער ישראל־אַרמיי. אַנדערע הייזער זיינען באַלד פאַרנומען געוואָרן פאַר קינדערהיימען אין וועלכע מען האָט זיך שטאַרק גענויטיקט, ווייל מען האָט אַרויסגעפירט אַ סך קינדערלעך פון יפו, ווען די מלחמה אין לאַנד האָט זיך אָנגעהויבן. עס איז געווען אַ געפאַר צו לאָזן די תמונ'ער משפחות זיצן אין יפו בשעת מלחמה. אויך קינדערלעך, יתומים פון געפאַלענע קרבנות, און קינדערלעך פון די אַריבערגעקו־מענע שארית הפליטה. אויך האָט מען זיך גענויטיקט אין אַ היים פאַר די קינדער פון קאָלאָניעס, וואָס צוליב די אָנפאַלן האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייערע אייגענע היימען.

גליקלעכערווייז איז ישראל געבענטשט מיט גוטע נשמות, וועלכע האָבן זיך מקריב געווען צו לינדערן די קינדער־פראַגע אין דער דאָ' זיקער קריטישער צייט. דאָס זיינען די פרויען פון מועצת הפועלות, די אמהות עובדות די ויצ"א־פרויען — מיט איין וואָרט די אַלע פאַר־זאָרגער און אויפפּאַסער אויף די קינדער־היימען אין לאַנד.

עס זיינען דאָ צווישן די קינדער אַזעלכע, וואָס האָבן עלטערן. ווי, צום ביישפּיל, די קינדער פון יפו, וואָס האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייערע היימען און וועמעס עלטערן וואַלגערן זיך אַרום ערגעץ פאַר־לויפיק, אָבער זיי, די קינדער, האָבן אַ היים. אַדאַנק דער אויסער־געוויינלעכער ענערגיע פון די דערמאָנטע קערפּערשאַפטן, ווערן די קינדער פאַרזאָרגט מיט אַלץ וואָס זיי דאַרפן: מיט קינדער־גאָרטנס, מיט שולן, מיט לערער, מיט געזאַנג, מיט טענץ. די אַלע דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס טוען אויסערגעוויינטלעכע אַרבעט. אַלע צוזאַמען ברענ־גען אויף אַ זעלטן געזונטן נייעם דור. — דאָ איז דיין היים, קינד, דיין לאַנד, דאָ וועסטו לעבן, זייען, פלאַנצן, בויען און זיך צעשפּרייטן אין דער לענג און אין ברייט איבער ישראל...

עס איז אינטערעסאַנט צו באַאָבאַכטן די פריילעכע פּנימ'ער פון עלטערן און משפחה, וואָס קומען פרייוויליק באַזוכן די קינדערלעך אין די קינדער־היימען, ווען זיי דערזעען די פריילעכע, ליכטיקע, שיי-נענדיקע און טאַנצנדיקע קינדער אונדזערע...

— דאָס וואָס דו צאָלסט מיט דיין בלוט פאַר יעדן שפּאַן ערד, — זאָגט מען אין ישראל, — דאָס איז חוץ לחשון, אָדער, „דבר לחוד".

פתח תקוה

דאָס וואָס דו האָלסט מלחמה מיט ביקס און שווערד אין זעלבסט־פאַרטיידיקונג — דאָס איז, ווידער אַמאָל, אַ זאַך פאַר זיך...

מיר גייען ווייטער. קיין זאַך שרעקט אונדז ניט אָפּ, וואָס עס זאָל ניט פאָרקומען. עס צייכענען זיך אויס די צבא־ישראל, און, מערקווירדיק, אין די קריטישסטע צייטן פילן אַלע אַז ניט אייביק וועט דער הימל זיין פאַרוואָלקנט.

איבער נאַכט שאַפן זיך נייע באַפרייאונגס־לידער. וואָס ווייטער אַלץ נייע דערשיינונגען אין לאַנד. אַז יידן זיינען אַן עם־הסופר — דאָס זעט מען אין ישראל באַשיינפּערלעך. עס ווערן געלייענט אין ישראל מער ספרים אין פאַרגלייך מיט אַנדערע לענדער, מער צייטונגען און זשורנאַלן. ווען מען זעט דאָס ניט, וואָלט מען, מעגלעך, ניט געגלויבט. ס'איז אָבער אמת. דאָס פּאָפּולערסטע גלייכוואָרט אין ישראל איז — אַזוי דאַרף מען אָנגיין מיטן לעבן, למרות הכל.

אין ירושלים איז די מלחמה אַמשאַרפסטן. ס'איז שווער זיך אָפּצוגעבן אַ פולן חשבון. ס'טרעפט אַז איינע האָט מזל און קומט פון ירושלים קיין תל אביב. ווען עס באַגעגנט איר אַ חברה, קען מען הערן אַאַז שמועס: „אוי רחל, וואָס מאַכסטו? ! וואָס טוט זיך עפּעס אין ירושלים?” „די וואָס לעבן”, ענטפערט רחל, „האָפן דאָס איבער־צולעבן. אַפילו דעם הונגער אויך, ווי אויך דעם דאָרשט — און דאָס איז דאָס ערגסטע — עס איז ניטאָ קיין וואַסער. אָבער מען וועט דאָס אויך איבערלעבן, גם זה יעבור. „נו, און וואָס טוט זיך ביי אייך אין תל אביב?” „חוה'לע, טייערע, אוי, איך האָב דיך שוין אַזוי גע־וואָלט זען! ביי אונדז? אויך אַזוי. מען לעבט און מען טוט אַלץ וואָס נאָר מעגלעך עס זאָל אָנקומען שפּייז קיין ירושלים. היינט האָט מען אויך אַרויסגעשיקט אַ „שיירה” שפּייז מיט עטלעכע הגנה־אָנ־פירער, מיר האָפן עס זאָל אָנקומען בשלום... מען זאָגט אַז אין ירושלים איז שרעקלעך, מען זאָגט אַז דער גערויש פון „פגזים” — שראַפּנעלן — איז שרעקלעך, איז עס טאַקע אַזוי?” „יע, חוה, עס איז אמת. עס איז שוין באַלד ניטאָ קיין גאַס, קיין ווינקל, וואו „פגזים” לאָזן ניט איבער קיין סימנים. אָבער גלויב מיר, טייערע, עס איז דאָך, דאַכט זיך, שלעכט, אָבער ווען מען זאָל נאָר ניט שטערן ווען מען שטייט אין שורה צו וואַרטן אויף וואַסער, וואָלט שוין דאָס איבעריקע געווען צו דערליידן. אָבער „זיי” דערוויסן זיך באַלד, ווי נאָר מען שטעלט זיך אויס וואַרטן אויף וואַסער וואָס מען פירט צו, און זיי הויבן גלייך אָן צו שיסן. אָט אַזוי האָט מען יענע וואָך מיין חברה דבורה דערשאָסן... דו האָסט זי געקענט. דו געדענקסט, ווען דו ביזט געווען אין ירושלים מיר זען, זיינען מיר צוזאַמען אַלע גע־

גאַנגעַן אין „חנות המשביר" (אַ געשעפט וואָס הייס „משביר"). מיר האָבן אַלע דריי געקויפט „חולצות („בלוזקעס"). איר, אָט דער חנ־עוודיקער 19־יאָריקער מיידל, האָבן דאָס די רוצחים דער׳הרג׳עט"...

אַזעלכע, ווי אויך ענלעכע שמועסן, קען מען הערן זייער אָפט. אָבער אַ פאָלק וואָס נעמט אַלץ צו באַוואוסטזיניק, און זינגט נאָך צו, ווען נאָר עס לאָזט זיך און וואו יעדער קען זאָגן וואָס ער טראַכט — אַזאַ פאָלק קען ניט באַזיגט ווערן.

פונקט ווי אַ כשוף שפּאַצירט אין די גאַסן און באַצויבערט יעדן מענטשן אַ מערקווירדיקער געפיל, אַז סוף־סוף וועט דאָך קומען צו אַ שלום, צו שלום...

און ניט נאָר אין די שטעט איז אַזוי, נאָך אויך אין די קבוצים. אויך דאָרטן קעמפט מען מיט אַלע כוחות קעגן די אַנפאַלער, און עס פאַלן קרבנות. עס איז אַ טעגלעכע דערשיינונג, אָבער דאָס לעבן גייט אָן. די יונגע בחורים און מיידלעך זיינען אין צבא און קעמפן צוזאַמען. גאַנץ אָפט באַפריינדעט מען זיך, מען פאַרליבט זיך, מען האָט חתונה, ניט געקוקט אויף קיין זאַך...

און אין די קבוצים, דאָרט, וואו די מיטגלידער לעבן ווי איין גרויסע משפּחה — איין „חדר האכל" וואו מען עסט צוזאַמען, איין קינדער־היים וואו די קינדערלעך ווערן אַזוי פּינקטלעך אויפגעפּאַסט, — אויך איצט, אין צייט פון אומרו, גייט דאָרטן די אַרבעט אָן ווי אַלע מאָל. זייער לאָזונג איז ווי אַלע מאָל, אַלע פאַר איינעם און איינער פאַר אַלע. ס׳איז שיין צו זען ווען די עלטערן קומען, אין זייער פרייען שבת־טאָג, צו די קינדערלעך. מען נעמט זיי אַרויס אויף שפּאַציר און די ליבינקע קינדערלעך פרייען זיך מיט טאַטע־מאַמע, פונקט ווי די עלטערן פרייען זיך מיט די קינדערלעך. אַלץ קומט פאָר ווי אין די נאָרמאַלע טעג — ס׳ווערן אָנגעפירט פאַרוויילונגען, די ביבליאָטעקן ווערן באַנוצט און ביכער און צייטונגען ווערן געלייענט ווי אַלע מאָל. דאָס לעבן גייט אָן מיט האָפענונג אויף אַ שטילער און רואיקער צוקונפט...

אָפט טראַכט זיך, דאָס עס איז דער כשוף פון די מאַיעסטעטישע בלויען הימלען פון לאַנד, וואָס האַלטן יעדן געשפּאַנט און באַצויבערט. צוזאַמען מיט דער נאַטור — די פרייד פון די קינדערלעך וואָס פאַר־שאַפט אַזוי פיל נחת; דער צוקונפטיקער דור, די בלאָנדע קעפּעלעך, די בלויע אויגעלעך און די זילבערנע קול׳עכלאַך.

ווען דו זעסט אָט די מלאכים׳לעך אין אַ קבוץ, אויסגעשפּרייט אויפן גרינעם גראָז, און יעדעס קינד איז פאַרנומען אויף זיין שטייגער, דענקסטו, — אָט דאָס זיינען די צוקונפטיקע בויער פון ישראל. און

ווירקלעך, וואו דיין אויג פֿאַלט, זעסטו ווי מען אַרבעט, מען קעמפּט, מען לעבט און מען שאַפֿט...

אָפֿט, קומענדיק פֿון אַזאַ באַזוך, אָדער פֿון אַ שבת־וויזיט אין אַ מושבֿה, אָדער אין אַ קבוץ; אָדער קומענדיק פֿון אַ חתונה שפּעט אין אָוונט, און עס דערהערט זיך ווידער אַמאָל אַ שאָס פֿון ערגעץ און דו ווייסט ניט די אורזאַך פֿון שיסן — שרעקט עס מער ניט אָפּ. אפשר, אויך, מחמת די זילבערנע לבֿנה האָט דיר נאָר וואָס באַגלייט, אַרומגערינגלט מיט פֿינקלענדיקע שטערן, און דו ביזט נאָך אַלץ „איינגעוויקלט" אין רושם פֿון אָוונט, פֿון פֿיין־פֿאַרברענגען, — אפשר צוליב דעם פֿילט זיך אַ זיכערקייט, אַז דאָ וועט קיין שלעכטס ניט פּאַסירן...

איך קום אין שטוב, בלייב זיצן אויף דער בעט און ווער ערגעץ פֿאַרטראָגן, אָן צו אָפּגעבן חשבון זיך אַליין, צי איז עס אַלץ אַ חלום אַרום דיר, דאָס אַלץ וואָס דו לעבסט דורך? אָדער, איז עס מעגלעך, אַז דאָס איז די ווירקלעכקייט?! יעדנפֿאַלס טראָגט דיר אַוועק דער געדאַנק אין אַ צויבער־וועלט, ווען דער באַגריף איז ניט קלאָר: עס מישן זיך ליכט מיט פֿינצטערניש, טענץ מיט געזאַנג; פּנים'ער, אַזעלכע אינטערעסאַנטע, ליבע קינדערלעך... פֿון אַלץ איז איין געווירבל. דו ביזט ניט אַליין, דו ביזט אַרומגערינגלט מיט „דיינע" קינדער.

אָט איז דאָך, אגבֿ, דער בית־הספר אַנטקעגן דיין פֿענצטער. באַלד איז פֿרימאָרגן. דו זעסט זיי אָנקומען, די 12־ און 14־יאָריקע „סאַבּרעס", ישראל־געבוירענע. זיי מיט זייער פֿרייען פֿריילעך לעבן וואָס ברויזט אַפֿילו אין צייט פֿון אומרו. ס'איז שווער זיך צו דערקלערן, וואו ליגט דער כּוח וואָס האַלט אַ מענטשהייט געשפּאַנט אָן מורא פֿאַרן מאָרגן...

דאָך, איצט, אין אומרו צייט, ווערט אַרום אַלץ געשאַפֿן, ווי עס ווערט דאָ געשילדערט.

די פֿאַרקלעפּטע פֿענצטער און דאָס לעבן אין דער פֿינצטער, מיט שוואַרצע פֿאָרהאַנגע אויף די פֿענצטער, איז בלויז איין שורה פֿון בוך „פֿאָרזיכטיקייט". מען וויל ניט געבן דעם שונא'ס עראָפּלאַנען וואָס קומען צופֿליען מיט באָמבעס, קיין גרינגע מעגלעכקייט צו געפֿינען אַ באַוואוינטן ישובֿ. זיצט מען אין דער פֿינצטער. אין אַמעריקע, אין דער צייט פֿון דער לעצטער מלחמה, האָט עס געהייסן „אַ בלעק־אַוט". איז צו וואָס ווערט עס דאָ איינגעפֿירט? — ווייל ס'איז אומרואיק אין לאַנד. די „הגנה" זיינען די שומרים פֿון לאַנד. זיי, די היטער, האָבן זייערע וועגן ווי זיך צו דערווייסן וואו עס ווערט געפּלאַנט אַן אָנפֿאַל אויף ישראל, וואו מען דאַרף גיין זיך שטעלן אין פֿאַרטיידי־

קונג און אַזוי ווייטער. איז דאָס געווען אַ געווויסן פּריײַטיק, לאָזט מען אונדז וויסן, אַז 12 אַזייגער האַלבע נאַכט, וועלן דאָ קומען אַרום 200 הגנה־חברה, זאָל מען פאַר זיי צוגרייטן טיי מיט צובייסן.

קיין מכשירים פאַר אַזוי פיל מענטשן האָט אונדזער קיך נאָך ניט פאַרמאָגט, אָבער פאַר הגנה איז ניטאָ קיין תירוץ... איז פאַרפאַלן, מען מוז דורכפירן אַזאַ אַקט אויך. האָט זיך דער גאַנצער פּערסאָנאַל אַ ריר געטאָן. עס איז געוואָרן כלים, עס קאָכן זיך קעסלען טיי... מיט איין וואָרט, מען גרייט זיך. שטעלט זיך נאָר בלויז די פראַגע, וואו זאָל מען סערווירן די געסט? דער חדר „האוכל" האָט ניט קיין שוואַר־צע פאַרהאַנגען, ווייל אין די אָוונטן קען מען איצט קיין אונטערנע־מונגען ניט מאַכן. פאַרנאַכט, איידער עס ווערט פינצטער, ענדיקן זיך די מאַלצייטן מיטן טאָג... בלייבט, אַז דער איינציקער פלאַץ איז דער בית־הספר, דאָרטן, צוליב די אָוונט־קורסן, זיינען די פענצטער שוואַרץ פאַרהאַנגען. עס איז ניט שווער זיך פאָרשטעלן וואָס עס מיינט צוגרייטן טישן מיט אַלע איינצלהייטן פאַר עטלעכע הונדערט מענטשן. די קיך איז אין איין זייט גאָרטן און דער בית־הספר איז גאָר אין צווייטן זייט. מיט יעדער קלייניקייט דאַרף מען כאַפּן אַ שפּאַציר פון אַרום אַ 5 יאַרד און אַלץ מוז געטאָן ווערן שטיל, אויף אַ קאָנספּיראַטיוון אופן... מען מוז אַריבערטראָגן בענק און טישן פון איין שטוב אין דער צווייטער, עס זאָל געגנוג פלאַץ זיין פאַר, לאָמיר זאָגן, 100 מאָן. וועט מען שוין מוזן טיילן אויף צוויי מאָל... מיינע מיידלעך האָבן זיך אָנ־געבאָטן פריוויליק אין דער אַרבעט. אַלץ גייט אונטער דער קיך־סופּערוויזיע. נאָר מען וואָרט עס זאָל נאַכט ווערן, וועט מען אין דער פינצטער, אומבאַמערקט פון גאַס, אַלץ איינאָרדענען. צום גליק איז עס געווען אַן אָוונט אָן אַ לבנה. בלויז די שטערן האָבן געפינקלט אין בלויען הימל און האָבן באַגלייט אָט די אַרבעטער וואָס גרייטן זיך אויפצונעמען די הגנה־געסט.

נעמענדיק אין באַטראַכט אַז אַלץ איז צוליב דער מלחמה־מצב באַשרענקט, אַפילו די פריי באַוועגונג פון פלאַץ צו פלאַץ, איז דאָך אַלץ צוגעגרייט געוואָרן אין צייט. די שיינע מיידלעך, די סאַרוועריגגס שטייען גרייט צו באַדינען די יונגען וואָס דאַרפן באַלד אָנקומען. עס שטייען די קעסלען טיי צוגעדעקט ביז פונקט 12 אַזייגער, ווען די יונגען פאַנגען אָן אָנצוקומען. בחורים איינס אין איינס, ווי געקליבן פאַר אַזאַ אַרבעט וואָס זיי גרייטן זיך צו טאָן. עס גייען אַריינן מענטשן גלייך צו די טישן, אָן אַ וואָרט צו ריידן. זייער פירער צעזעצט זיי ביי די טישן. מיינע געשיקטע מיידלעך גיסן אָן טיי אי די טעפּעלעך און גלעזער וואָס מען האָט צוזאַמענגעקליבן. שאַ, שטיל. מען עסט און מען טרינקט.

וואו ניט וואו באַמערקט מען בלויז אַ שמייכעל פון איינער צום צווייטן. אפשר אַ בחור וואַרפט אַן אויג אויף אַ שיינער מיידל. מען היילט זיך ווייל די צייט איז קורץ. אגב, וואַרטן שוין מסתמא ערגעץ אַנדערע חברים. דו ווייסט ניט ווער די מענטשן זיינען, פון וואַנען זיי קומען, און אויך ניט וואו אַהין זיי גייען פון דאַנען. עס איז אַן אַנגעשטרענגטע אַטמאָספערע. וואו ניט וואו הערט זיך אַ שטילער: „אין דבר״ — עס איז גאָר ניט; אָדער „יהיה טוב״ — עס וועט זיין גוט. איין טיש ליידיקט זיך אָפּ און אַ צווייטע גרופּע פאַרנעמט אים. ווידעראַמאָל שיינע, קרעפּ־טיקע יונגען, איינער שענער פון צווייטן.

ווען אַלע ווערן פאַרטיק, פאַרלאָזן זיי איינס נאָך דאָס אַנדערע די טישן מיט אַ שטילן דאַנק צו די מיידלעך וואָס האָבן זיי באַדינט. באַאָבאַכטנדיק אָט די העלדן אונדזערע, קומט אויס ווי מען וואָלט זיך צעגאַנגען איצט פון אַ שטילער חתונה, אַזוי ווי בכבוד׳יקע מחותנים. יע, מיינע ליבע, דאָס זיינען אונדזערע הויפּט־מחותנים וואָס העלפן אויס־קעמפן פאַר אונז אַ היים. דאָס יידישע פאָלק האָט חתונה מיט ישראל — אַ פיינער שידוך, נייַן ? !

אונדזער פּערסאָנאַל וואַרפט זיך ווידער אַריין אין דער אַרבעט, אָפּראַמען שטילערהייט אַלע סימנים פון אַן אויפנאַם פון געסט... מען קען קיין מאָל ניט וויסן אין אַזאַ צייט פון וועמען מען דאַרף זיך אויסבאַהאַלטן.

אויף מאָרגן, שבת פרי, האָט זיך ווי אַ בליץ צעטראָגן די נייס אַז עס איז געווען אַ גרויסער אָנפאַל אויף כפר סרקין. ווער ווייס וואָס פאַר אַ חורבן עס האָט געקענט זיין, ווען ניט די בראַווע קעמפער וואָס האָבן מנצח געווען און פאַרטריבן די אָנפאַלער. אגב, איז כפר סרקין אַ שכן דאַרף ביי פּתח תקוה. ניט איין מאָל האָבן שוין די אַראַבער געפּרואווט זיך אַריינרייסן אין כפר סרקין, אָבער יעדן מאָל זיינען זיי פאַרטריבן געוואָרן. אויך איז די נאַכט געווען אַן אָנפאַל אויפן דרך־תל אביב־יפו. זונטיק זיינען שוין געווען פאַרעפנטלעכט די נעמען פון די געפאַלענע קרבנות ביי יפו.

זונטיק, 11 אַזייגער, איז שוין די גאַס באַלפור, וואס עס געפינט זיך הדסה האָספּיטאַל, פון וואַנען מען האָט אַרויסגעפירט די געפאַלענע קרבנות, געווען שוואַרץ פון מענטשן וואָס זיינען געקומען באַגלייטן די געפאַלענע העלדן צו זייער אייביקער רו, קיין נחלת יצחק, וואו פיל קברי־אחרים זיינען לעצטנס אויפגעקומען.

יידן ווילן שלום, אָבער אַז איר, „ליבע״ שכנים אונדזערע, ווילט זיך פאַרמעסטן מיט אונדז אין כוח, זיינען מיר גרייט. — ניט ווייל מיר ווילן, — זאָגט הגנה צבא ישראל, — איר ווילט דורכאויס אונדז באַ־

זייטיקן פון אונדזער לאַנד, וואָס דורך אונדזערע הענט בליט און וואַקסט, איר ווילט מיר זאָלן עס אייך אָוועקגעבן?! — ניין! מיר וועלן קעמפן קעגן דעם; מיט איין האַנט וועלן מיר בויען, מיט דער צווייטער באַשיצן אונדזער רעכט...

מיר האָבן געטראָגן דעם יאָך פון גלות צוויי טויזנט יאָר; זיך אויסגעליטן פון אַלע אכזריות׳ן דור איין דור אויס און פאַרביסן מיט׳ן היטלער־גיהנום, פאַרלירנדיק דערביי אַ דריטל פון פאָלק ישראל. דאָס אַלץ האָט אין אונדז נאָך מער דערוועקט מוט, שטאַלץ און גלויבן אַז מיר וועלן אַלע אונדזערע שונאים בייקומען, מיר וועלן אויפבויען אונדזער אַלט־ניי לאַנד און מיט גאָט׳ס הילף מנצח זיין...

דרום למרות אַלע אונדזערע שונאים, זינגען מיר לידער פון באַפרייאונג. נאָך יעדן נצחון אונדזערן, ווערן נייע לידער געשאַפן. מיר זיינען קעמפער, עס איז מער קיין חלום ניט. מיר קעמפן, מיר מוזן אויסקעמפן אַ זיכערן שלום. מיר וועלן פאַרטרייבן אונדזערע קעגנער, זאָל די גאַנצע וועלט זען אַז מיר זיינען די זיגער! — דאָס זיינען די נייע לידער וואָס ווערן ביי אונדז געזונגען אָבער און ווידער.

אַזוי זעט אויס ישראל אין די טעג פאַר׳ן וואָפנשטילשטאַנד...

מאָרגן דאַרף ווערן וואָפנשטילשטאַנד. אויס מיט׳ן שיסן איבערן לאַנד, אויס מיט באָמבעס, אויס מיט שרעק... אָבער גלייכצייטיק האָט מען היינט אַרויסגעפירט די פרויען מיט די קינדער פון כפר סרקין און זיי געבראַכט אַהער, צו אונדז, אין בית החלוצות. צוליב וואָס? מלחמה כאָאָס. מסתמא האָט מען זיך דערוואוסט פון זיכערע קוועלן, אַז איידער וואָס־ווען פּלאַנעווען די שונאים אונדזערע נאָך אַמאָל אויספּרובירן זייער כוח קעגן אונדז און מאַכן אַן אָנפאַל אויף די אומשולדיקע נפשות. און די קליינטשינקע קינדערלעך, אָוועקגעריסענע פון זייערע היימען אויף אַ פרעמדן אָרט, רוען ניט, זיי שלאָפן ניט און זיי מאַטערן זיך און זייערע מאַמעס ביז שפּעט, שפּעט אין דער נאַכט... פייפט אַ סירענע, מיינט דאָס אַז מען מוז לויפן מיט די קינ־דערלעך אין די מקלטים אַריין, אויסבאַהאַלטן זיי פון מלאך־המות. עס כאַפּט אָן אַ ציטער. דאָ, כמעט אַ קליין מלוכה׳לע, וואָס פירט זיך פאַר זיך אַזוי אין אָרדענונג אין נאָרמאַלע צייטן, ווערט מיט אַמאָל צעטומלט און צערודערט...

נאָך אַ דערפאַרונג, וואָס בלויז ווען מען לעבט דאָס דורך קען מען עס באַגרייפן...

מאַמעס אויסגעמאַטערטע, מידע, זינגען אימער דאָס וויג־ליד „ישראל׳קע מיין קינד". דאָ הערסטו ניט נאָר דאָס געוויין פון די קליינע קינדער... און אין דער נאַכט הערסטו שאַקאַלן וויינען און הינט צע־

בילן זיך... דאָס בילן פון די הינט און דאָס טרויערן פון די שאַקאַלן מישן זיך צוזאַמען מיט די געוויינען פון די קינדער. עס טומלט, אַ געררודער. ווי אַ שיף אָן אַ רודער.. יע, אַ שווימענדיקע שיף. אָט ביזטו דאָ, און אָט פאַרשווימט מען אַזוי ווייט פון נעכטן, אַז עס דוכט זיך עס האָט גאָר קיין מאָל ניט פּאַסירט...

אַז מען טוט זיך נאָר אַמאָל אַ דערמאָן אָן אַ נעכטן, וואונדערט שוין מער ניט דער היינט, עס וואונדערט וואָס די וועלט זוכט און ווייס ניט וואָס... און איך ווער פאַרשלונגען אין כאַאָס — — —

איך וואָלט נאָך געקענט דערציילן פיל עפּיזאָדן, וואָס עס קומען פאָר טעגלעך אין דער קליינער וועלטעלע אונדזערער, און יעדער עפּיזאָד איז אַליין פאַר זיך אַ שטיק לעבן, אַ מענטשלעכע געשיכטע, וואָס האָט קיין סוף ניט. עס קריצט זיך איין אין זכרון און בויערט אָפּט אין מחשבה מיט אַ טענה, — וואָרום זאָל די אָדער די פּאַסירונג פאַרשוויגן ווערן ?...

קאַפּיטל 7

עס וואָלט געקענט זיין אַ לאַנגע הקדמה צו דעם קאַפּיטל, מחמת עס הויבט זיך אָן מיט אַ ליד וואָס האָט זיך אין איין נאַכט אָנגעשריבן, ווען אַ סך זיפצן, טרערן פון טרויער האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן: דו ביזט מיד? — שרייב אַ ליד!

אַ בריוול צו אַ פריינט

לאַנג שוין צו דיר קיין בריוו געשריבן,
מחמת סבות אַ סך: עס פעלט אויס שפּראַך,
עס פעלן ווערטער זיך אויסצודריקן
ווען אַ סך קלייבט זיך אָן...

עס פרעסט אויף די נשמה
די שווערע נעכט און טעג פון מלחמה. —
עס פאַלט אַ ברודער, אַ פריינט —
אויסגעהאַקט אַ יונגע בוים...

דריקט דאָס האַרץ פול מיט וויי;
וואו דו קערסט זיך, דיר פעלן זיי.
בלייבט טרוקן די פעדער, ס׳ליגט און וואַרט
ביז ווידער פאַלט אַ קרבן דאָ, צי דאָרט. —

דאַן מוז זיך אַרויסרייסן ס׳ברויזנדע וואָרט...
אָט, און מען שמועסט שוין ווידער פון שלום,
אפשר וועט פרידן באַלד זיין אויפדאָסניי, —
אָבער דער טרויער איז נאָך ניט פאַרביי.

דערצו נאָך רייסט זיך די וועלט איבער
ישראל־סבא, ישראל דער גבור...
שלינג איך דעם ביטערן טרער נאָך אַ טרער
דער שטענדיקער יאָך ווערט מער נאָך שווער...

צוליב דעם, מיין פריינט,
שווייגט זיך אָפּט. עס פעלט וואָרט —
אגב, ווערט דען גרינגער אויף דער נשמה
צו ריידן טעגלעך פון מלחמה?

דעריבער האָב איך שוין לאַנג
צו דיר קיין בריוו ניט געשריבן;
און כאָטש עס שרייבט זיך איצט אַ סך, —
צו באַשרייבן אַלץ פעלט אויס מיר שפּראַך!

כמעט יעדן טאָג דערשיינט פאַר מיר אַ נייער יונגער מענטש מיט אַ פאַרעלטערט פּנים פאַר דער צייט...

אָט איז אַ ביסל שילדערונג פון די איבערלעבונגען פון די, מיט וועלכע איך קום אין באַרירונג דאָ אין בית החלוצות:

רחל בורשטין איז אָנגעקומען אין בית החלוצות צו אַרבעטן מיט מיר. וועגן דער פיינער פּערזענלעכקייט איז וויכטיק זיך אָפּ־שטעלן דווקא ניט געאיילט.

ערשטנס איז זי זייער אַן איידל מענטש. ווען מען באַקאַנט זיך מיט איר נאָענט דערזעט מען וואָס פאַר אַ ריינע נשמה זי פאַרמאָגט. מען דאַרף גיין אַ היפּשן שטח צו געפינען איר גלייכן.

זי קומט פון וואַרשע. אגב, זי איז די פרוי פון דעם פריי־צייטיק אומגעקומענעם באַרימטן שרייבער מיכל בורשטיין. זי איז געווען אַ לערערין אין וואַרשע. דאָ האָט זי מיט זיך איר איינציק זון, דניאל, 16 יאָר אַלט. זייער איבערלעבונג איז יידישע בלוטיקע געשיכטע.

רחל אַליין דערציילט:

„זינט 1933, ווען דייטשלאַנד האָט דערקענט דעם בלוטיקן מענטשן־פרעסער, ימח שמו, און די יידישע וועלט האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, איז אַריבער איבער מיר אַ ים מיט צרות. אָבער אַז אַ מענטש קען פון אַלע גיהנומ׳ס ניצל ווערן, איז דאָך ניט שייך...

„יע, עס איז אַריבער איבער מיר אַ ים, פּשוט אַ ים צרות. עס איז גאָר ניט פאַר דער מענטשלעכער פאַנטאַזיע זיך פאָרצושטעלן, וואָס אַ מענטש קען אַריבערלעבן. וואָס הייסט? — מיכל, מיין מאַן, איז אומגעקומען אין דאַכאַו. דו זעסט מיין זונעלע? — ער איז אויך דאָן אַרויסגעריסן געוואָרן פון מיינע הענט. גאַנצע צוויי יאָר האָב איך ניט געוואוסט צי ער לעבט. שטעלט זיך פאָר," זאָגט רחל, „צוויי יאָר לעבט אַ מאַמע מיט דעם געדאַנק אַז איר קינד איז אין אָשוויץ

אין קרעמאַטאָריע אומגעקומען צוזאַמען מיט די אַנדערע קינדער וואָס זיינען אין אָנגעפּאַקטע וואַגאָנעס אָפּגעפירט געוואָרן פאַר מיינע אויגן.

„פון דאַמאָלסט אָן האָב איך זיך אויסגעוואָלגערט אויף אַלערליי געלעגערס, אין געטאָס, ביי שווערע אַרבעט... שלאָפלאָז ליג איך נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, און זע אין געדאַנק אַזוי דייטלעך דאָס פּנים׳ל פון מיין ליב קינד, מיין שיין יינגעלע... מיינע אויגן זיינען טרוקן. ניטאָ מער קיין טרערן. דער טרערן־קוואַל איז שוין לאַנג פאַרשלאָסן געוואָרן. צוויי יאָר מאַטערן שאָטנס פון טויט. עס רייצט דיין נשמה — און דיין אייגן לעבן גייט ווייטער אָן, — צי דו אַרבעטסט ביי די שווערסטע אַרבעט, צי דו הונגערסט, אָדער דו ווערסט געשיקט פון איין אָרט צום צווייטן...

„איך ווער פאַרטראָגן קיין מאָסקווע און איך אַרבעט אין אַ קאָלכאָז. ערשט נאָך צוויי יאָר, ווען די מלחמה שטעלט זיך אָפּ, באַקום איך אַ בריוו פון אַ פריינט, אין וועלכן עס ווערט געמאָלדן אַז מיין זונעלע, דניאל, לעבט. דאָס איז פאָרגעקומען אין 1945. איך צייג דעם בריוו צו מיינער אַ גוטער פריינדין, אויך אַ געוואַגלטע. טראַכט יענע אַז איך בין זיכער אַרונטער פון זינען. זי דענקט אַז דאָס איז עפּעס אַ שפּאַס פון עמיצן, אַ סאָרט „אידעאַ פיקס״, אַן איינגערעדטע זאַך. מחמת, ווי קען דאָס זיין? האָט מען דען ניט געזען דעם אָנגעפּאַקטאָן וואַגאָן אונטער אַ שטרענגער נאַצי־וואַך, וואָס איז אָפּגעפאָרן צום קרעמאַטאָריע, אַהין צו די קאַלכאַויוונס? אָבער, אָט לייענט די דאָזיקע נס־מעשה, אָדער, מעשה־נס, וואָס דניאל אַליין האָט באַשריבן אין „יידישן וואָרט״ וואָס איז געדרוקט געווען אין דייטשלאַנד באַלד נאָך דער באַפרייאונג:

„׳איך בין נאָך קיין 12 יאָר ניט אַלט געווען, ווען מען האָט מיך געפירט ווי אַ קאַלב צום שלאַכט. זוך איך אַ וועג ווי פון וואַגאָן שפּרינגען, איז אונדז געלונגען דורכברעכן אַ ברעט אין וואַנט, מאַכן אַ לאָך. בין איך דער ערשטער מיט שוועריקייט דורכגעקראָכן דורך דער לאָך, אַרויסגעפאַלן פון וואַגאָן, אָט פון דעם לויפנדן צוג. דער נס איז געשען׳.

„ ׳הערסט מאַמע, ווען איך האָב זיך געפונען ביים גוי אין שטוב און זיי האָבן מיך געקאָרמעט מיט חזיר און מיט זייערע תפילות, פלעג איך שטענדיק צומאַכן מיינע אויגן, שעפּטשען די ווערטער וואָס זיי האָבן מיר געלערנט. אָבער ביי זיך אין האַרצן האָב איך תפילה געטאָן, געבעטן גאָט, ער זאָל מיר העלפן איך זאָל ניט פאַרגעסן דיין

און דעם טאַטנ׳ס פּנים און איך זאָל בלייבן אַ ייד. בײנאַכט האָב איך צוגעמאַכט מיינע אויגן שטאַרק, שטאַרק. דאָס האָט מיר גע־האָלפן דיך, ליבע מאַמע, זען, און אויך מיין טאַטן, און יעדעס מאָל האָב איך געפילט, אַז וואָס עס זאָל ניט פּאַסירן מיט מיר, אויב איך בלייב לעבן, וועל איך זען געדענקען ווער איך בין׳.״...

זיצט איצט רחל מיט איר זון דניאל אין ישראל. דניאל איז באַ־גאַבט, לערנט אין גימנאַזיע עברית, אויך ענגליש און צייכנט זיך אויס אַלס דער בעסטער שילער. רחל זאָגט אַז דניאל איז געראָטן אין זיין טאַטן, מיכל בורשטיין, דעם באַרימטן שרייבער פון יענער צייט.

ווען דניאל זיצט אין קליין צימערל מיט זיינע ביכער ביי די שיעורים, פאַרטראַכט ער זיך, און אָפט, ווען מאַמע קוקט אויף איר קינד, כאַפּט זיך דניאל אויף ווי פון אַ שווערן חלום, טוט אַ ליבן שמייכל און זאָגט: „מאַמע, מאַמע, ווי גוט מיר איז, ווען עס דערמאָנט זיך עפּעס פון „יענער״ צייט און איך כאַפּ זיך אַז אין דערווירק־לעכקייט בין איך מיט דיר, מאַמע.״

און דער קאַשמאַר פון שיף „עקזאָדוס״, פון וועלכער בלויז גע־ציילטע זיינען אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן, זיך געשלעפּט קיין קפריסין און דאָרטן צרות און פּיין צו זאַט געטרונקען...

עס קען, און אפשר וועט, נאָך פיל דערציילט ווערן פון נעכט שלאָפלאָזע, פון הונגער וואָס האָט געפּייניקט, פון שרעק אפשר זוכט מען אים און באַלד וועט מען אים פירן צום טויט... „הונגער בעט איין ביסן ברויט״, דוכט זיך אים אַז ער זעט יעדעס מאָל ווען ער קוקט אַריין אין ספר. ער איז פאַרטיפט. ניין, דאָס זעט ער פאַרגאַנגענע טעג. ער קען זיך פון זיי ניט באַפרייען. ער זעט בערג קליידער, שיך. עס לאָזט זיך ניט פאַרגעסן. עס קען ניט פאַרגעסן ווערן אַזוי גיך... נאַקעטע קערפּערס, זיי דאָרט אין קרעמאַטאָריע. געפירט קליידער פון די קערפּערס... מען קלייבט. פייערן, רויכן ביז צו די הימלען. אַלץ שטייט פאַר די אויגן אַצינד ביי דעם אַלט־יונגן קינד, מיט טיף פאַר־חלום׳טע אויגן, מיט אַ ליב שמייכל פאַר זיין מאַמען. אימער האָט ער עפּעס איר צו זאָגן, ווען זי קומט אים אַנטקעגן. אָפּט זכרונות טוען זיך אַ יאָג, דערציילט ער פון „יענעם״ טאָג...

זאָגט דניאל, אַז די זון שיינט פאַר דיר, די וועלט פאַרמאָגט אַ סך פּראַכט, אָבער ס׳איז שווער מיט ווערטער איבערגעבן וואָס דו זעסט מיט דיינע אויגן...

און דניאל, איצט 16 יאָר אַלט, דערציילט ווייטער, ווי נעכטן וואָלט עס פּאַסירט. —

ווי ער איז אַרויסגעשפּרונגען פון וואַגאָן פון דעם לויפנדן צוג, אין וועלכן מען האָט געפירט 131 קינדער אַהין, אין אָשוויץ, צו די קרעמאַטאָריעס.

ער איז שטאַרק צעקאַליעטשעט געוואָרן אַרונטערפאַלנדיק פון צוג. ער איז געלעגן אַ לאַנגע צייט ניט ווייסנדיק וואָס עס טוט זיך מיט אים. בלויז אינערלעך האָט ער עפּעס געפילט אַ דראַנג צום לעבן. דאָס איז ער זיכער. ער האָט זיך מיט שוועריקייט אויפגעהויבן און זיך געלאָזט וואַנדערן אין דער נאַכט. פינצטער אַרום. ווי לאַנג ער האָט אַרומגעוואַנדערט געדענקט ער ניט. פּלוצלונג האָט ער דערזען אַ שיין, אַ ליכט, ווייט, גאָר ווייט. איז ער אין יענער ריכטונג געגאַנגען. זיך קוים דערשלעפּט צו אַ פּויער׳ס שטיבעלע. אָבער מען האָט אים ניט אַריינגעלאָזן. מ׳האָ אים אַוועקגעטריבן. איז דניאל, אַ פאַרשמאַכטער, זיך געלאָזט ווייטער ביז וואַנען ער האָט דערזען אַן אַנדער שטוב. האָט ער באַשלאָסן זיך אָנגעבן פאַר אַ פּויער׳ס אַ קינד. ווייל פּויליש ריידן קען דניאל גוט, איז דאָך געבוירן און אויפגעהאָדעוועט אין וואַרשע. אין דער שטוב זאָגט דניאל, אַז ער איז אַנטלאָפן פון דער היים מחמת די דייטשן זיינען אָנגעקומען צו זיי און מאַכן אָן אַ חורבן. דאָ אין דער שטוב האָט ער געטראָפן אַן אַלטע פּאָר פאָלק, האָט דער גוי אים אַריינגעלאָזן, אים געגעבן אַ שטיקל ברויט און אַריינגעפירט אין שטאַל ער זאָל שלאָפן אויף די היי, און מאָרגן וועט ער אים פירן צו אַ שכן וואָס דאַרף אַ פּאַסטוך, וועט דניאל שוין האָבן אַ היים.

דניאל געדענקט ניט צי דאָס איז געווען אויף מאָרגן נאָכן שפּרינגען פון צוג, צי נאָך שפּעטער. אָבער דערווייל איז ער ניצול געוואָרן פון קרעמאַטאָריע...

ביים גוי דעם שכן איז דניאל געווען אַ פּאַסטוך אַרום 16־17 מאָנאַטן. קיין קינדער האָבן די מענטשן ניט געהאַט, האָבן זיי אים זייער גוט געהיט. זיי זיינען געווען גוט צו אים. זיין הויפּט שוועריגקייט איז געווען, וואָס ער האָט ניט געקענט זייערע „תפילות״, האָט ער זיי דערציילט, אַז ער פלעגט אַנטלויפן פון זיין היים און האָט ניט געהאַט די מעגלעכקייט זיך אויסצולערנען די תפילות...

דניאל האָט קיין אַנונג ניט געהאַט ווען די מלחמה האָט זיך אָפּגעשטעלט, אָבער ער האָט געזוכט ווי צו אַנטלויפן פון דאַנען. ביז איין מאָל, עס קומט אַ טאָג, און דער גוי שיקט דניאל׳ן מיט אַ שליחות צו אַ ווייטן שכן. דאַן האָט דניאל באַשלאָסן פּרוּוון זיין מזל צו אַנטלויפן. ער איז געלאָפן איבער פעלדער און דערפער, ער האָט געזען אַ סך וואַנדערער. דאָ דערוויסט ער זיך, אַז עס איז אויס

מלחמה. וואַנדערט ער שוין מיט נאָך וואַנדערער. פון הונגערן רעדט מען ניט. נאָך פיל שוועריקייטן דערגרייכט מען די שטאָט לאָדזש. וואָס איז געבליבן פֿמעט אָן יידישע איינוואוינער. וואו ניט וואו קומט מען זיך צושלעפן, די שארית הפליטה, צעריסענע משפחות, צע־בראָכענע היימען. מענטשן זוכן זיך צו דערוויסן איינער פון צווייטן וועגן אַ זכר לחורבן. אַזוי אַרום טרעפט ער אָן באַקאַנטע פון וואַרשע. דאַן דערוויסט ער זיך אַז זיין טאַטע איז אומגעקומען...

מיט זיין מאַמע'ן טרעפט ער זיך ערשט אייניקע מאָנאַטן שפעטער.

ווען רחל דערוויסט זיך אַז דניאל איז אין לאָדזש, אַרבעט זי אויס אַ דערלויבעניש אַרויסצופאָרן פון רוסלאנד. צום גליק איז דאַמאָלט געווען אַ קורצע צייט וואָס רוסלאַנד האָט אַרויסגעלאָזט פוילישע בירגער. נאַטירלעך איז עס אָנגעקומען שווערער ווי עס שרייבן זיך די שורות... און עס איז געלונגען דער מאַמע'ן זיך טרעפן מיט איר קינד. דאָ הויבט זיך אָן אַ באַוועגונג קיין ארץ ישראל, לאָזן זיי זיך אויך אַוועק מיט די וואַנדערער קיין ארץ ישראל. די לאַנגע וועג לאָזט זיך מער ניט שילדערן, דער עיקר — די מענטשן זיינען ניצול געוואָרן און קענען איצט אַליין איבערגעבן וואָס מיט זיי האָט פּאַסירט...

קאַפּיטל 8

אין מיינע ווייטערדיקע דערפאַרונגען דורך די איבערגעלעבטע יסורים׳דיקע צייטן, האָב איך אָפט געפילט, אַז איך לעב איבער די ליידן פון די פּליטים צוזאַמען מיט זיי. עס איז געווען אַ ריינצוקוקן אין „מיינער" אַ מיידלס אויגן — זעט מען אַ נשמה וואָס זוכט אַ תיקון, וואָס בעט זיך: שוין גענוג זיך אָנגעליטן. איך וויל שוין אַ מקום מקלט. שוין צייט זיך אָפּרוען פון מיינע שווערע איבערלעבונגען — עד מתי?

זיי, די געליטענע, דערציילן אָפּגעריסענע שטיקער פון יאָמער־טאָל. מען דאַרף זיין אַ גוטער מייסטער צו קענען צוזאַמענשטעלן פון די פראַגמענטן אַ גאַנצע זאַך. אָט איז איינע פון זיי:

זיסעלע איז אַ שוואַרץ־חנעוודיק, קליין־געוואוקסיק קינד. שיינע שוואַרצע, נאַטירלעך־געלאָקטע האָר זי איז 17־18 יאָר אַלט. שווער אַרונטערצונעמען אירע געזיכטציגע מחמת זי טראָגט גרויסע, טונקעלע אויגנגלעזער. אָבער די קנייטשעלעך אויף דעם יונגן פּנים דערציילן אַ סך פון איר לעבן ביז איצט. זי זיצט און וואַרט מען זאָל זי אַריינ־נעמען דאָ אין בית־החלוצות. זי איז געשיקט געוואָרן אַהער פון „מחנה עולים".

אַלס אַ „מאַמע", פאַרפיר איך מיט זיסעלען אַ שמועס, און אָט וואָס איך געפין אויס:

ווען זי איז אַלט געווען 9 יאָר איז זי אַנטלאָפן פון בריסק (ברעסט ליטאָווסק) צוזאַמען מיט אַ סך משפחות, ווען היטלערס נאַציס האָבן פאַרנומען די שטאָט און אָנגעהויבן אָנטאָן די יידן דאָרט ענויים קשים. ווער עס האָט געהאַט די מעגלעכקייט און דרייסטקייט איז געלאָפן ווי פון אַ פייער... זי געדענקט ניט צי אירע עלטערן זאָלן האָבן געלאָפן מיט איר. זי געדענקט בלויז אַז מיט איר האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אַ סך קינדער. זיי האָבן געוואַנדערט דורך וועלדער זייער לאַנג, זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט פּאַרטיזאַנער, מען האָט גע־לעבט אין היילן, טראַנשעיעס. וואָס האָט מען געגעסן? זי געדענקט ניט. זי זאָגט אַז עס מישט זיך איר אין קאָפּ. זי געדענקט אַז מען האָט געמוזט אַרומוואַנדערן צו זוכן שפּייז. אַמאָל האָט מען זיך דערשלאָגן צו אַ דאָרף, אָדער צו אַ שטעטל, אָבער זי געדענקט ניט קיין נעמען, ניט פון די דערפער און ניט פון די שטעטלעך. אַז מען איז שוין

יע צוגעקומען ערגעץ, האָט זיך באַלד גענומען טראָגן קלאַנגען, אַז די נאַציס קומען, לויפט מען שוין ווידער אַמאָל, ניט וויסנדיק וואו מען געפינט זיך אין דער וועלט. זי געדענקט אויך דאָס אין פילע ערטער האָט מען פאַרנומען אַ סך יידן. מען האָט געהאַלטן אין איין לויפן, און מיט דער צייט איז איר קאָמפּאַניע געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער. אָפט, דערציילט זי, אַז מען האָט זיי געכאַפּט, האָט מען זיי געטריבן צו אַ באַן־ליניע און זיי אַריינגעשפּאַרט אין אַ וואַגאָן צוזאַמענשטיקנדיק זיי אַזוי, אַז זיי זיינען געלעגן איינע אויף די אַנדערע.

די קולות, די האַרצרייסנדיקע יללות קלינגען נאָך אָפט אין אירע אויערן. זי געדענקט ווי ד מערדער מיט בייטשן אין די הענט האָבן זיי געשלאָגן אָן רחמנות און זייער ציגיישער געלעכטער איז געווען געגוג מען זאָל אַרונטער פון זינען.

אין פינצטערע, פאַרמאַכטע קאַסטנס האָט מען זיי געפיירט אַ לאַנגע צייט אָן עסן און אָן וואַסער. ווי לאַנג די רייזע האָט געדויערט געדענקט זי ניט. זי געדענקט נאָר אַז פּלוצלונג האָט זיך אָפּגעשטעלט דער וואַגאָן. עס האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקע שיסעריי, מיטאַמאָל האָט זיך דער קאַסטן אַ עפן געטאָן און מענטשן האָבן אָנגעהויבן שפּרינגען איינער איבער די אַנדערע. מען שפּרינגט און מען לויפט אין איין ריכטונג. איז זי אויך אַרויסגעשפּרונגען און געלאָפן מיט אַלעמען גלייך... דאָס האָבן פּאַרטיזאַנער פון די וועלדער באַפאַלן די מערדער, זיי אויסגעשאָסן און די געפאַנגענע באַפרייט...

„מיר זיינען געקומען אין אַ וואַלד,״ דערציילט וויטער זיסעלע, „דאָ, זאָגט מען אונדז, דאַרף מען קיין מורא ניט האָבן. מען האָט אונדז געבראַכט עסן און טרינקען. דאָ לעבט מען אונטער דער ערד, אָבער מען איז אַביסל באַשיצט פון די רוצחים. גויאים געפינען זיך אויך מיט אונדז. אַ סך, גאָר אַ סך מענטשן זיינען דאָ. אַזוי האָבן מיר, דאכט זיך, געלעבט ביז די מלחמה האָט זיך אָפּגעשטעלט. אָפט האָט מען צוגעבראַכט נאָך מענטשן וועלכע די פּאַרטיזאַנער האָבן באַפרייט. וואו מען האָט גענומען שפּייז געדענק איך ניט...

„איך גלויב,״ זאָגט די מיידל מיט די טונקעלע אויגן־גלעזער, „אַז מיר האָבן דאָ פאַרבראַכט אפשר אַרום דריי יאָר. דאָ האָט זיך געפונען איינע אַן עלטערע פרוי, וואָס האָט מיך צוגעלאַשטשעט צו זיך. זי האָט מיר געזאָגט אַז זי איז מיינע אַ מומע, וואָס איך האָב ניט געקענט ביז איצט. איך האָב זיך געפילט זייער גוט אונטער דער מומעס שוץ. אויך זיינען דאָ געווען לערער מיט שרייבער. מען האָט אונדז, קינדער, געלערנט לייענען און שרייבן און מען האָט אונדז

צוגעזאָגט, אַז פון דאַנען וועלן מיר גיין קיין ארץ ישראל. אַזוי אַרום וועלן מיר אויסמיידן צו לעבן צווישן נאַציס..."

אַזוי דערציילט אַ קינד. אגב, איז זי מיט אונדז, האָב איך די גע־לעגנהייט זי אויסצוהערן פון צייט צו צייט.

זיסעלע גלויבט נאָך אַלץ ניט אַז זי איז אין ארץ. טראָץ דעם, וואָס זי געפינט זיך שוין אין בית החלוצות איניקע וואָכן. עס דוכט זיך איר אַלץ, אַז זי וואַנדערט אויפן וועג קיין ארץ ישראל. אָט דער־ציילט זי ווי מען וואַנדערט צו קומען צו אַ גרענעץ, טרעפט מען זיך אָן מיט נאָך וואַנדערער, אפשר אין די הונדערטער. עס ציען זיך מיילן־לאַנגע שערענגעס מיט יידן מיט פעקלעך און שטעקנס אויף די פלייצעס. ווייבער, עלטערע און יינגערע, מיידלעך, בחורים, קינדער פון פאַרשידענעם עלטער. מען גייט איבער פעלדער, מען זוכט עסן. מען זוכט וואו זיך אָנטרינקען מיט וואַסער. מען הונגערט גענוג, און ניט איין מענטש איז אויפן וועג געפאַלן פון שוואַכקייט פון הונגער.

שטאַרבט אַ מענטש אויפן וועג — שטעלט מען זיך אָפּ אויף אַ וויילע. די יידן מיט די שטעקנס, מיט וואָס מען געפינט נאָר, אַ פלאַקן איז אויך גוט, גראָבן אויס אַ קבר. מען באַערדיקט דעם „קדוש". מען זאָגט אָפּ אַ קדיש, מען שטעלט אַריין אַ ברעטל מיט אַן אויפ־שריפט: „דאָ ליגט אַ קרבן פון חורבן היטלער, א. אז וו.". מען רוט זיך אָפּ אונטערן פרייען הימל, אָדער, ווען עס רעגנט, ווייקט מען זיך אויס און מען גייט ווייטער. קומט מען אין אַ שטעטל, געפינט מען דאָרט אויך אַ זכר לחורבן... קומט מען און מען גייט.

„ווי אַזוי מיר האָבן ענדלעך זיך דערשלעפּט צו אַ גרענעץ — דאָס איז אַ נס," דערציילט ווייטער זיסעלע. „מען גייט אויף סכנה, באָרוועס אויף די זאַמד און שטיינער. ס'איז ניט צו פאַרשטיין ווי מיר זיינען ניצול געוואָרן. און אָט קומט די צייט צו „שוואַרצן" אַ גרענעץ. עס איז ביינאַכט. בלויז פינקלענדיקע שטערן באַלייכטן דעם שטיינערדיקן וועג. צום גליק האָט מען קיין גרענעץ־וועכטער ניט אָנגעטראָפן. גאַנץ פאַרטאָג זאָגט מען אונדז אַז מיר זיינען שוין אַריבער דעם גרענעץ. וואו דאָס איז, ווייס איך ניט. מיין מומע האַלט מיר פאַרן האַנט. אַרום זיינען נאָך קינדער. עפּעס איינער אַ ייד, וואָס דאַרף אונדז צייגן דעם וועג, שטעלט אונדז אָפּ ניט ווייט פון אַ ים־ברעג. אַלע צוזעצן זיך. עס קומען אָן יידן מיט קאָשיקעס שפּייז. פון וואַנען זיי קומען ווייס איך ניט, איך געדענק אַז מען האָט געגעסן. איך זיץ אַ צוטומלטע און ווייס ניט צי דאַרף איך זיך פרייען, צי שרעקן. מיינע אויגן טוען מיר ווי. איך וויל ניט וויינען אָבער עס וויינט זיך...

„אָפּט הער איך ווי איינער זאָגט צום אַנדערן: 'היטלערן האָט זיך ניט

איינגעגעבן׳. אַ צווייטער זאָגט: ׳נעבעך, ניט פויגלדיק אויסגעפירט׳... קיינער לאַכט ניט פון דער באַמערקונג. אַן אַנדערער זאָגט: ׳אָבער וויפל פון אונדזערע ברידער זיינען איינגעשלונגען געוואָרן פון זיינע קרעמאַטאָריעס? !׳ ״...

„נאָך אַ לאַנגער צייט וואַרטן, פירט מען אונדז ווידער אַמאָל. דאָס מאָל צום סאַמע ים־ברעג. מיר גייען אַרויף אויף אַ קליינער שיפל. מען פירט אונדז קיין איטאַליע... מיר שלעפן זיך איבערן ים אַ פּאָר וואָכן. עסן גיט מען נאָר אויפצוהאַלטן די נשמה...

„אין איטאַליע, אַרונטערקומענדיק פון שיף, טיילט מען אָפּ די קינדער פון די דערוואַקסענע. אַזוי האָב איך פאַרלאָרן מיין טאַנטע. ווידער זעצט מען אונדז אַריין אין קליינע שיפלעך... פאַרנאַכט־צו זעען זיך אַ סך ליכטעלעך פון דערווייטן — מאָדנע פרעמדע וועלטן... מען טיילט אונדז יעדן אַ בולקעלע מיט אַן עפּל. אַן עפּל! — ווען האָבן מיר געזען אַן עפּל? ווען האָבן מיר פאַרזוכט אַן עפּל? אָ, יע, דאָרט אין וואַלד פלעגן די פּאַרטיזאַנער אַמאָל אַנרייסן עפּל פון די ווילדע ביימער און אונדז געבן. יענע עפּל זיינען געווען ביטער ווי סם המות; אָבער, דאָ איצט, — אַ רויט, זיס עפּל, אַזוי ווי פון הימל אַרונטערגעפאַלן, און נאָך מיט אַ פריש בולקעלע... אָבער ווער זיינען דאָ אָט די צוויי פרעמדע מענטשן? איך קוק און שווייג, מיין מומע איז דאָך דאָ ניטאָ, אַז איך זאָל זי קענען פרעגן...

„אָט און מען קומט צום ברעג. מען פירט אונדז אַרונטער. מיר זיינען דאָ אַ סך קינדער. מיר שטייען אין אַ רייע. אַ מאַן ציילט אונדז און הייסט מיר זאָלן אים נאָכגיין. אַ צווייטער מאַן גייט נאָך נאָך אונדז...״

זיסעלע בלייבט שטיין און טוט אַ זיפץ.

— וואָס זיפצסטו, — פרעג איך. ענטפערט זי, אַז עס פאַר־דריסט איר, וואָס זי קען ניט אַלץ דערציילן... אין אַ ווײלע שפּעטער דערציילט זי ווייטער:

„מיר זיינען אין איטאַליע. מען האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַ גרויסער פּוסטער שטוב. די קינדער, פאַרמאַטערטע, האָבן זיך צע־וויינט. מיר זיינען געווען שרעקלעך פאַרמאַטערט. מען האָט זיך צע־זעצט אויף דער ערד, יעדער מיט זיין קלומיקל ביים זייט. אַנדערע האָבן גאָרניט געטראָגן מיט זיך. קינדער — אַלע כמעט אין מיין על־טער. קיין גרעסערע זעען זיך ניט. מיידלעך, יינגלעך. מען זיצט און מען רעדט צווישן זיך. אַלע זיינען דערשראָקן, מחמת ביז איצט האָבן מיר זיך געפונען צווישן דערוואַקסענע, איך האָב געהאַט מיין מומע, און צווישן גרויסע האָבן מיר זיך געפילט פיל זיכערער.

עס ווערט נאַכט, און מען פירט אונדז שוין ווידער אַמאָל. איצט, ניט ווייט, אין אַן אַנדער שטוב. דאָ ווערט בעסער. צוויי פרויען מיט אַ מאַן צעטיילן די ייִנגלעך באַזונדער און די מיידלעך באַזונדער. מען פירט אונדז אַריין אין אַ וואַשצימער. מיר טוען זיך אויס און מיר וואַשן זיך אַרום. מען ברענגט אונדז האַנטעכער זיך אַרומצוווישן. נאָכדעם פירט מען אונדז אַריין אין אַ שלאָפצימער... צען בעטן אין צימער — אַ באַזונדער בעט פאַר יעדן איינעם...״

„איך געדענק ניט,״ זאָגט זיסעלע גוטמוטיק, „ווען עס האָט זיך מיר אַזוי גוט געשלאָפן. ווען איך בין אַרויף אויפן שיף, דאָרט ביים ברעג ים, האָב איך ניט געקענט איינשלאָפן. דאָס וואַסער האָט מיך געשראָקן. איך האָב ניט געוואָלט אַז מען זאָל באַמערקן אַז איך שרעק זיך, איז יעדעס מאָל וואָס מיינע צײן האָבן אָנגעהויבן קלאַפן איינע אין די אַנדערע פון שרעק, האָט מיין מומע, נאָך ווועלכער איך בענק אַזוי, מיך געטרייסט און באַרואיקט. דאָ בין איך אַ פּאָל געטאָן אויפן בעט און האָב זיך אויפגעכאַפּט, ווען מען האָט אין פרימאָרגן גע־וועקט די קינדער אויפצושטיין, זיך וואַשן און זיך זעצן ביים טיש. איך עס מיין פרישטיק און דערמאָן זיך ווי גוט איך האָב זיך געפילט מיט מיין מוטען, ביז צו די קליינע שיפלעך. איך דערמאָן זיך ווי מיין מומע פלעגט שטענדיק זאָגן — באַלד, באַלד זיסעלע, קומען מיר קיין ארץ ישראל.

איך ווער איבערגעשלאָגן אין מיינע זכרונות. מען רופט אונדז ווידער אין אַן אַנדער שטוב. דאָ זעצט מען זיך אַרום טישן, מען גיט אונדז ביכלעך מיט בליישטיפטן און פּאַפּיר. צוויי מיידלעךריידן צו אונדז. זיי זיינען לערערינס. מיר ווילן לערנען עברית. מיר דאַרפן זיך גרייטן באַלד פאָרן קיין ארץ־ישראל.

„אָט ווי איר זעט, בין איך געווען אין איטאַליע אין אַ קינדער־היים. נאָך דעם געפאָרן קיין ארץ. האָט מען אונדז פאַרפירט קיין קפריסין. דאָרט זיך אָפּגעוואַלגערט מאָנאַטן, און אָט בין איך דאָ. אַ דאַנק גאָט. זאָלן נאָר מיינע אויגן זיך אויסהיילן...״

— זאָרג ניט, זיסעלע, — זאָג איך אי״ר. — דאָ היילט מען אַלעמען אי״ה וועלן דיינע אויגן אויך געזונט ווערן. דו וועסט קענען אַרבעטן און דו וועסט קריגן אַ גוטן חתן, חתונה האָבן, און מיט דער צייט אָן אַלע ליידן פאַרגעסן.

— תודה רבה, — ענטפערט זיסעלע, — יע, איך האָף אויף אַלץ וואָס „מאַמע״ צפורה האָט אויסגערעכנט. אפשר ?!

איין מאָל טרעף איך זיסעלען קומען פון קפת חולים. — וואָס מאַכ־סטו, זיסל, — פרעג איך ? — תודה, — ענטפערט זיס, — מען גיט

מיר האָפענונג אַז מיינע אויגן וועלן געזונט ווערן. איך פיל שוין בעסער. — זי זאָגט עס מיט פרייד. און ווי דער שטייגער, צעשמועסט מען זיך ווידעראַמאָל. דערציילט זי:

„אין איטאַליע, אין קינדערהיים, נעמט מען אויף זייער גוט, זייער פריינטלעך. דאָס עסן איז גוט, גוטע געלעגערס, ליבלעכע מענטשן. אַז איך האָב זיך צוגעוואוינט, האָט זיך מיר ניט געוואָלט אַוועק פון דאָרטן. דאָרט האָב איך זיך אויסגעלערנט טראָגן ריינע אונטערוועש — וואָס עס איז אוממעגלעך געווען אין דער צייט פון וואָגלעניש. יע, טייערע, אָבער דער געשלעג אויפן שיף ביים ים־ברעג אין חיפה, וואו די ענגלענדער האָבן געשלעפּט די מענטשן אַהין אויף זייער שיף — דאָס וועט זיך אַזוי גיך ניט פאַרגעסן. אָט, דאַכט מיר, זע איך ווי מען שפּרינגט אין ים אַריין. ווער ווייס וויפיל מענטשן עס זיינען דערטרונקען געוואָרן דעמאָלסט? און דאָס לעבן אין קפריסין — דאָס איז אַ קאַפּיטל זעלבסט פאַר זיך. איך קען ניט העלפן וואָס איך גלויב זיך אַלץ ניט אַז איך בין אין ארץ. אָבער וואָס עס זאָל ניט זיין מיט מיר, וואָס עס זאָל ניט פּאַסירן, אַבי אויס מיט וואָנדערן. אויס מיט וואַלד־לעבן, אויס מיט מורא פאַר נאַציס — איך בין אין ארץ, אין ארץ פאַרבלייב איך אויף מיין גאַנצן לעבן!"

אַזוי קומט אָן אַן עלנט אויסגעוואָגלט קינד קיין ארץ ישראל. מען נעמט איר אויף אין מחנה עולים, נאָכדעם נעמט איר אריין אין בית החלוצות. דאָ, אויסער אַלץ, באַגעגנט זיך פריינטשאַפט, וואַרעמקייט און דערפילט אַז זי האָט זיך וואו צוצוטוליען.

מיט דער צייט הויבט מיין זיסל אָן אַרבעטן און זי פרייט זיך וואָס ענדלעך קען זי שטיין אויף אירע אייגענע פיס. זי קויפט זיך אַ ניי קליידעל, נייע שיך, אַ מאָדערנעם האַנדטאַש, און זי פילט זיך גליקלעך אין איר היים. עס הויבט זיך אָן פאַר איר אַ ניי לעבן, זי איז אַ מענטש מיט מענטשן גלייך...

איין מאָל איז דער שרייבערין אויסגעקומען זיך צוהערן ווי זיסל דערציילט פאַר אַ חברה אין בית החלוצות, ווי גליקלעך זי פילט זיך, וואָס נאָך דעם ווי זי האָט זיך אין אַלץ מייאש געווען, איז זי אָנגעקומען דאָ אין בית החלוצות, וואו מען האָט איר אַזוי האַרציק אויפגענומען. זי קען פשוט ניט פאַרגעסן, אַז ווען מען האָט איר אַרויסגעגעבן ליילעכער, ציכלעך, אַ צודעק פאַר איר בעט, מיט וואָס פאַר אַ פריינטלעכקייט מען האָט עס איר אַלץ דערלאַנגט, ווי מען האָט איר געטרייסט, אַז זי זאָל מער ניט זאָרגן, נאָר לעבן און האָפן אויף אַ ליכטיקן טאָג... עס איז גוט צו לעבן און האָפן אין ארץ!

קאַפּיטל 9

אַ פּאָר פערזן אָן אַ נאָמען

און עס טוט דיך אַ טראָג,
מחשבה צעשטורעמט זיך,
ווען שטן האַלט אין יאָגן
ווילט זיך עפּעס זאָגן.

שוין ווידער זיצונגען בייע,
מען פאַרהאַנדלט „דיינע" ענינים,
האַלט מען אין איין ריידן, ריידן,
רעיונות, חלומות, ניט צו באַשיידן.

עפן אַ צייטונג? — ווערטער, ווערטער
און דו ווייסט נאָך אַלץ ניט
וואו די וועלט האַלט,
מחמת עס בייט דעם געשטאַלט.

דער עיקר: — וואו איז די אָיל?
ווער וועט עס מער געניסן?
קומען קאָמיסיעס אָבער און ווידער, —
ווער קימערט זיך וועגן מיין קרבן, מיין ברודער?

שפּאַצירט זיך די זון אין מאָרגן,
ביז עס קומט אָן נאַכט;
עס שמייכלט לבנה, עס פינקלען די שטערן,
און שלום קען נאָך אַלץ ניט ווערן!

הגנה וועט זיגן

אין ירושלים, דאַכט זיך, שטיל,
נאָר עפּעס צוביסלעך שיסט מען צו.
עס לויערט דער שונא, עס שרעקט
און די וועלט, נאָך אַלץ ניט דערוועקט....

דאָך, אמת מוז און וועט זיגן —
ישראל איז מיין היים;
ווי שטאַרק דער שונא זאָל ניט זיין,
ישראל סבא וועט מנצח זיין!...

נייס אין בית החלוצות:

איינע פון אונדזערע מיידלעך קלייבט זיך חתונה האָבן גאָר אין גיכן. די נייס איז באַלד צעטראָגן געוואָרן ווי אַ בליץ. מען זאָגט, זי נעמט אַ פיינעם בחור. ווען עס ווערט דערוואוסט וועגן אַ חתונה, גייט בית החלוצות ווי אויף רעדלעך ממש. אַלע ווייסן שוין פון דערפאַרונג אַז אונדזער באַרמטע לילי, די הויפּט קעכין, וועט שוין זיכער דערלאַנגען צום טיש אין חדר האכל די באַרימטע טאָרטן אירע. די מיידלעך וועלן אויספּוצן טישן טאַקע ווי צו אַ חתונה. עס ווערט שוין באַצייטנס גפּעלאַנעוועט ווי עס דאַרף אַלץ אויסזען. די טישן — מיט שיינע בלומען־טעפּ פול מיט בלומען. עס מוז גאָר ניט אויספעלן צו אַ התונה, למרות הכל און אַלע שונאים להכעיס. זאָלן יידן הנאה האָבן פון אַ שמחה אין ישראל! אַזוי פייערט מען שמחות אין ישראל בכלל און אין בית החלוצות אין פּתח תקוה, בפרט.

אין גאַנג פון טעג־טעגלעכן לעבן, דערקענט מען די מיידלעך אַ סך גיכער. נעמט, למשל, מיין פּעפּי. זי געפינט זיך שוין אַ לענגערע צייט אין בית החלוצות. זי איז אַן אַנדער טיפּ.. אַ מענטש וואָס קען זיין צופרידן, נאָר זי דערלאָזט זיך עס ניט. זי מאַכט ניט שלום מיטן געדאַנק, אַז נעכטן האָט טאַקע גערעגנט, אָבער היינט — היינט שיינט אַ וואַרעמע זון, ס׳איז אַ ליכטיקער טאָג, גאָלד צעגיסט זיך אויף אַלע וועגן... ניין, דאָס איז ניט פאַר פּעפּי׳ן, זי קען אייך לאָזן ווסן ביי דער קלענסטער געלעגנהייט, אַז איר דאַכט זיך אַז מען באַהאַנדלט זי ניט פיין, ניט מענטשלעך, ווי זי רופט. און באַלד קומט זי אַרויף „אויפן טיש" מיט אירע דריי און אַ האַלב יאָר אין לאַגער, און דאָס מער קיין לאַגער וויל זי ניט. מען האָט איר שוין געגנוג באַליידיקט. אָבער דאָס באַרואיקט איר נאָך ניט, זי גייט דורך די זעלבע צערע־מאַניע נאָך אַמאָל און דווקא אויפן זעלביקן שטייגער. דערביי צינדט זיך אָן איר שיינער פּנים און אירע לאַנגע הענט רוען ניט. זי באַוועגט זיי צוזאַמען מיט אירע פייערדיקע ווערטער...

אָרעמע פּעפּי, עס האָט אויף איר נעבעך אַזוי שלעכט געווירקט דער לאַגער אַז טראָץ דעם וואָס זי איז אַ גאַנץ שיין מיידל, אַ הויכע, אַ סטאַטנע, איז זי מאַנכעס מאָל אָפּשטייסנדיק. זי טראָגט איר מינדער־ווירדיקייט מיט זיך צו זיך אַליין. אויף יעדן טראָט איז זי באַליידיקט,

זי פילט נאָר אַז מען באַרויבט אירע געפילן, איר מענטשלעכקייט. אויב מען זאָגט איר אַ וואָרט וואָס עס געפעלט איר ניט, איז גלייך דער ענטפער:
— דו דאַרפסט צו מיר אַזוי ניט ריידן, איך בין אַ מענטש אַזוי ווי דו...

אומגליקלעכע פּעפּי, נעבעך. עס איז אויך זייער שווער פאַר מענטשן וואָס אַרבעטן מיט איר. ווי מען זאָל זיך ניט אויסהיטן מיט איר, איז נאָר מען זוכט איר אַלץ צו באַליידיקן און נאָר מען לאַכט אָפּ פון איר, און קיינער האָט ניט איבערגעלעבט דאָס, וואָס זי... זי ווייס עס זיכער... און קיינער האָט ניט קיין באַגריף וועגן איר און ניט ווי זי פילט...

אויב פּעפּי׳ס וועג איז געווען אַ שווערער ביז איצט, ווער ווייס צי די אָרעמע מיידל וועט נאָך אַמאָל געפינען גליק אין איר לעבן. פּעפּי איז אַוועק אין צבא און קומט אָפּט אונדז באַזוכן. זי וויל גאָר ניט דער־ציילן פון איר אַרמיי־לעבן, מחמת — אַלע זיינען איר שונאים... גייט זי שטענדיק אַרום מיט אַ פאַרטרויערטן פּנים, מיט פאַרגלאָזטע אויגן וואָס זיינען זעלטן טרוקן און האַלט אין איין שעפּן פון טרערן־קוואַל.
אָרעמע פּעפּי!

מיני לעבט נאָך אַלץ מיטן געטאָ־לעבן. ביי דער מינדסטער גע־לעגנהייט ברענגט זי גלייך אַרויף די געטאָ. גלייך מאָלט זי אַ בילד פון דאָרטן. כאַפּט אָפּ מיני אין איין אָטעם וועגן דער ענגשאַפט פון געטאָ, דאָס שטוב מיט די שמוציקע פענצטערלעך, די ליידן, די יסורים פון באַקומען שפּייז, די שרעק פאַר דער געשטאַפּאָ, פאַר יעדן וואָס עס דוכט זיך אַז ער איז אַ שפּיאָן... זי רעדט גיך, גיך, אָפּט איז שווער צו פאַרשטיין וואָס זי דערציילט. אָט איז זי ווידער אין דער געטאָ. ווידער רעדט זי ווי שווער עס איז געווען פאַר די לערער אויפצוהאַלטן די שולן, ווי מען האָט געלעבט אונטער די שווערסטע באַדינגונגען, און וועגן דעם, וואָס יעדער טאָג אין געטאָ איז געווען פאַקטיש אַ גע־ציילטער, מחמת יעדן טאָג זיינען אַוועקגענומען געוואָרן אַלץ מער און מער מיטגלידער פון משפּחות, מיינענדיק אַז דאָס נעמט מען זיי אויף אַרבעט. נאָר שפּעטער האָבן אַנדערע געוואוסט אַז מען האָט זיי געפירט צו די גאַז־קאַמערן...

אָט רעדט מיני ווידער אַמאָל: דו הערסט? מען קומט, מען נעמט צו מענטשן און קיינער ווייס ניט וואו זיי ווערן אַוועקגעפירט..."
און כמעט יעדן טאָג, ווי זי האָט נאָר געפונען אַ געלעגנהייט, האָט זי דערציילט פון געטאָ־לעבן.

אַ מאָדנער טיפּ מיני, אַ קליין־געוואַקסיק, לעבעדיק מיידל. ווען זי דערציילט איר מעשה פון געטאָ־לעבן, דוכט זיך, אַז זי דעקלאַ־מירט. — באַלד, באַלד גייט זי אַרויף אויף אַ בימה און שפּילט טעאַטער

און זי וואַרט דער עולם זאָל אַפּלאָדירן.. זי געדענקט ניט וואָס זי דערציילט און חזר׳ט עס איבער ווידער אַמאָל ביי דער ערשטער גע־לעגנהייט. זי רעדט פּונקט ווי זי וואָלט עפּעס אַרויסגענומען פון אַ בוך און אויסגעלערנט אויף אויסווייניק. ווען איר מאַן און קינד, וואָס זיינען ביי היטלערן פאַרבליבן, רעדט זי ניט צו אָפּט. ווען ניט ווען פאַרטראַכט זיך מיני און קומט אַרויס מיט אַ טיפן זיפץ. נאָך אַזאַ פאַרטראַכטן זיך, אויב זי האָט נאָר פאַר וועמען, הויבט זי אָן דער־ציילן ווי מען האָט איר קינד פון אירע הענט אַרויסגעריסן, זי הערט ווי איר שיין מיידעלע שרייט: „מאַמע! מאַמע!״...

איר מאַן איז שוין פון לאַנג ניט געווען אין געטאָ. ווען די אַמע־ריקאַנער זיינען אַריין אין דייטשלאַנד און באַפרייט די געפאַנגענע אין די לאַגערן, האָט מען זיך דערוואוסט אַז אַלע מענער פון יענעם געגנט, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען, האָט די קרעמאַטאָריע פאַרשלונגען.

„אָבער איצט,״ זאָגט מיני, דאַרף איך לעבן. איך בין אין ישראל.״

מיני איז גרייט אויף אַלץ. זאָל מען איר נעמען אין צבא, זי האָט דאָ ניט קיין מורא. זי זעט אַז מען דאַרף לעבן בלייבן, לעבט מען. עס האָט קיין הונגער אויך ניט געבראַכט צו אונטערגאַנג פון די וואָס דאַרפן לעבן בלייבן. מען קען זיצן מיט מיני׳ן שעה׳ען לאַנג — עס וועט ניט לאַנגווײלן. זי גייט איבער פון איין עקסטאַז צום צווייטן. אָט קען זי זיך וויצלען און לאַכן, אַרויסווייזן אַ מויל שיינע ציינער, וואָס גיט צו חן צו איר קליינעם פּנים מיט די שוואַרצע לעבעדיק אויגן. און אַז מען וויל, צעזינגט זיך מיני אויף אַ דינער שטימעלע, און זינגט אויס לי־דער פון געטאָ און פאַרבייסט מיט אַ פּאָר עברית־לידער וואָס מען האָט געלערנט אין קפריסין.

און חנה דערציילט:

„ווען מען האָט מיך צעשיידט מיט מיין מאַן, אונדז געפירט אין באַזונדערע ריכטונגען האָב איך ניט צוגעלאָזן דעם געדאַנק אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל וואָס איך זע אים. ווען איך האָב אין אַ שטעטל אין דייטשלאַנד די שווערסטע אַרבעט געטאָן, ווי אויך געהונגערט, האָב איך זיך געהאַלטן שטאַרק. אַלע שוועריקייטן דורכגעטראָגן, אַלץ געהאָפט, אַז אויב איך קען דאָ אַזעלכע אַרבעט טאָן, מסתמא איז מיין מאַן אויך ערגעץ אויף שווערע אַרבעט.

„פּלוצלונג קומט אַ באַפעל, אַז אַלע זאָלן זיך פאַרזאַמלען אויף איין פּלאַץ; ס׳הייסט מען וועט שיקן אויף אַרבעט אין אַנ׳אַנדער פּלאַץ. מען האָט געציילט די רייען וואָס זיינען געווען אויסגעשטעלט. מיר און נאָך אייניקע פרויען איז געלונגען זיך אַרויסרוקן פון דער

רייע. מיר זיינען אַנטלאָפן. ווי דורך אַ נס זיך געראַטעוועט. מיר האָבן זיך געשאַרט ביי די ווענט פון דעם לאַגער און זיך אויסבאַהאַלטן ביז עס איז צוגעפאַלן די נאַכט. דאַן זיינען מיר געלאָפן, געוואַנדערט, זיך געוויקעט אין בלאָטעס אין שמוץ געהונגערט ביז מיר האָבן זיך דער־שלעפּט צו אַ שטעטל.. דאָס איז שוין געווען גאַנץ קורץ פאַר דער באַפרייאונג דאָ האָבן מיר זיך צופעליק געטראָפן מיט מענטשן פון אונדזער שטאָט און מיר האָבן זיך דערוואוסט אַז אַלע מענער פון אונדזער געגנט וואָס מען האָט דאַמאָלסט פאַרנומען זיינען אומגעבראַכט געוואָרן.

„אַזעלכע „מעשהלעך" קען איך דערציילן", זאָגט חנה, „אָן אַ צאָל. פון זיך, און פו די, מיט וועלכע איך האָב געאַרבעט, מיט זיי אין רייע געשטאַנען און יענע לעבן שוין ניט מער. איך האָף נאָר, אַז מיין שוועסטער, וואָס איז פאַרבליבן אין דייטשלאַנד, זאָל קומען אַהער. שוין נאָך דער באַפרייאונג האָב איך געהאַט אַ גרוס פון איר, אַז זי האָט אַ וויזע און האָפט צו קומען קיין ארץ ישראל."

חנה איז אַ הויכע, שלאַנקע, שוואַרצ'חנ'עוודיקע פרוי, מיט שוואַרצע יידישע קלוגע אויגן. אַז זי רעדט איז ווי פּערל קייקלען זיך אויף אַ גלאָז. זי רעדט לאַנגזאַם, באַשיידן. אָפט בלייבט זי פאַרטראַכט אין מיטן ריידן. אָבער, ניין, חנה כאַפּט זיך אויף פון איר פאַרטראַכט־קייט, זי ווייס וואו זי האַלט, זי גייט ווייטער אָן. עס פילט זיך, אַז זי פּרואווט זיך דערמאָנען... אָבער זי, חנה אַליין, זאָגט דיר ווארום זי איז שטיל געבליבן אין מיטן רייד.ן „דאָס", זאָגט זי שטיל, „איז דער־פאַר, ווייל איך וויל אויסמיידן דערציילן דאָס אומגלויבלעכע."

„עס איז ניט מעגלעך," זאָגט זי ווידער אַמאָל, אַז מענטשן וואָס האָבן אַזעלכעס ניט דורכגעמאַכט, זאָלן גלויבן אַז דאָס איז גאָר מעגלעך אין אַ ציוויליזירטער וועלט".

און דו קענסט ניט פרעגן, וואָס איז דאָס אַזוינס, וואָס זי וויל ניט דערציילן, מחמת עס איז צו פיינלעך צו אָנרירן אַ צעוויטיקט האַרץ. פאַנטאַזיע איז אָפט צו שוואַך פאַרצושטעלן דיווירקלעכקייט!

רבקה'לע איז אַ קליין־געוויקסיק שיין מיידל, מיט אַ ליבן שמייכל. ווען זי באַגעגנט דיר און זאָגט „שלום", נעמט זי אַוועק דעם גאַנצן אומעט, וואָס, ווי עס פאַסירט, אַ מענטש טראָגט מיט זיך. זי קומט פון רומעניע. זי איז אָפּגעזעסן אַ יאָר אין קפריסין. פון איר רייזע ביז קפריסין רעדט ניט רבקה, נאָר יעדעס מאָל דערציילט זי פון לעבן אין קפריסין. איבערהויפּט האָט זי ליב צו שילדערן דאָס דאָרטיקע לעבן פון די בחורים און מיידלעך. ווי אַזוי עס ווערן געשלאָסן שידוכים, ווי עס ווערן געפייערט חתונות, ווי שנעל עס מערן זיך קינדערלעך, כן ירבו...

פרעגט מען: „וואָרום, וואָרום האָסטו טאַקע ניט חתונה געהאַט דאָרטן? דו האָסט דאָך זיכער געהאַט פון וואָס אויסצוקלייבן אַ חתן.“

„יע,“ זאָגט רבקה, „איך האָב אַ בחור אין קפריסין, אָבער איך האָב זיך ניט געקענט דערוואַרטן אויף אים, מחמת יונגע לייט, וואָס זיינען מיליטער־פּעאיק, לאָזט מען ניט אַרויס פון קפריסין, בין איך אַליין געקומען. איך בענק טאַקע נאָך מיין בחור,“ זאָגט רבקה מיט אַ פּייערל אין די תמיד לאַכנדיקע אויגן, „אָבער צי ער בענקט נאָך מיר? דאָס וועל איך זיך שוין איבערצייגן שפּעטער, אַז ער, מיין בחור, וועט אַהער קומען מיט אַ ווייב... ווער ווייס? נאָך אפשר מיט אַ קינד אויך.“ זי בלייבט שטיל אויף אַ רגע און זעצט פאָר ווייטער: „פאַרשטייט איר, אין קפריסין, ווי נאָר מען האָט חתונה, ווייס מען עס דאַרף צו־קומען אַ מיטגליד אין דער משפּחה. אַי עס ווערט שווערער דאָס לעבן, וואָס עס איז אַזוי אויך געגוג שווער, צוליב די ענגשאַפט און די אומסאַניטאַרע באַדינגונגען? נו, ליידט מען צו אַ ביסל מער. גאַנץ אָפּט, אַלס צוגאָב, ליידט מען פון די באַליידיקונגען פון די „איידעלע“ ענגלענדער, ווי אויך עס איז שווער זיך צוזאַמענלעבן מיט די אַלע פאַרשידענע מענטשן וואָס מען קען זיך מיט זיי אָפט ניט צוזאַמענריידן. עס איז דאָך אַ שמעלצטאָפּ וואו אַלע האָבן זיך נאָך ניט צוזאַמענ־געשמאָלצן. איז צוליב וואָס נאָך חתונה האָבן? דאָרט ברענגען נאָך אַ נפש אין אַזאַ לוקסוס־לעבן? לאָך איך מיר אויס פון אַזאַ פאַר־שקלאַפונג. אָט און איך האָב מיר געפונען אַ ווינקעלע דאָ אין ארץ. אויב מיין מזל וועט אויסהעלפן, וועל איך נאָך באַווייזן די קונץ אויך, פון אַ משפּחה־לעבן...“

אַלע מיידלעך האָבן גאַנץ גערן דער רבקה׳ן מיטן ליבן שמייכל.

— זי איז אַ גוטע חברה, — זאָגן די מיידלעך.

און ווען אין אַן אָוונט קומען בחורים פון „הגנה“ זיך אַביסל פאַרווײַלן דאָ אויפן מרפּסת באַלקאָן, איז רבקה אָפּט דער צענטער פון דער פאַרזאַמלונג. אירע גוטע, לאַכנדיקע אויגן, אירע פיינע וויצן, ציען צו די אויפמערקזאַמקייט. מסתמא איז רבקה גערעכט ווען זי זאָגט, אַז ווען די צייט וועט קומען, וועט זי פירן אַ משפּחה־לעבן אויך.

„און אַז איך וויל!

„און אַז איך וויל, קען איך מאָרגן חתונה האָבן,“ זאָגט פרידע צו דער גרופּע מיידלעך וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אַ שבת נאָך מיטאָג אויפן גראָזביים בית החלוצות. די מיידלעך רופן איר: „די לאַכעדיקע“. תמיד לאַכט זי. זי איז פון מיטעלער וואוקס, אַביסעלע דיקלעך. דאָס פּנים יונג, אַביסעלע צוגעפאַלדעוועט. שיינע בלויע

אויגן, בלאָנדע לאָקן, אשפר שוין אַביסעלע דורכגעזילבערט. זי גע־פינט זיך דאָ שוין אַ לענגערע צייט. זי דווקא האָט שוין אויך פאַרזוכט דעם טעם פון זיין אַ מאַמע. איר מאַן איז געבליבן אין קאָנצענטראַ־ציע־לאַגער, פון וואַנען ער איז שוין ניט אַרויס, און ווי אַ סך אַנדערע האָט מען אויך איר דריי־יאָריקע טאָכטערל אַוועקגעריסן פון איר. אָט דערציילט זי וועגן דאַמאָלסט, ווען מען האָט צוזאַמענגעקליבן אַלע קינדער ביי זיי אין שטעטל און די פרויען פאַרנומען אויף שווע־רע אַרבעט. פרידע זאָגט, אַז וואָס די וועלט טוט איז איין זאַך, און וואָס אַ מענטש לעבט איבער — איז אַ צווייטע זאַך. ווי עס זאָל ניט זיין, הענגט תמיד די פאַרגאַנגענהייט אַנטקעגן; איז איצט דער עיקר, אַבי זי איז אין ארץ און דאָ דאַרף מען ווייטער אָנגיין מיטן לעבן.

אַזוי לעבט זיך פרידע דאָ צווישן די מיידלעך. זי אַרבעט, זי פאַרברענגט ווי אַ יונגער מענטש דאַרף פאַרברענגען; מיט יונגע לייט, ווען עס איז דאָ אַ געלעגנהייט, אין פיינער געזעלשאַפט. די אַנ־דערע דריי מיידלעך וואָס וואוינען מיט איר אין איין צימער, זיינען אויך זייער פיינע. לעבט מען זיך ווי שוועסטער. „און דאָס איז דאָך דער עיקר," זאָגט זי ווידער אַמאָל, ווען מען זיצט אַזוי צוזאַמען. „איך, אַז איך וויל, האָב איך מאָרגן חתונה. וואָס הייסט? עס פעלן בחורים? אָבער צו וואָס פעלט עס מיר? איך דאַרף עס זאָל מיר פאַרדרייט ווערן מיין קאָפּ, עס זאָלן נאָך מיר אַלע ווילע נאָכגיין נייע מזל־טוב׳ס? און אפשר זאָל זיך נאָך דער דלות אויך נאָכשלעפּן נאָך מיר ווי אַ קאַפּעליע אויף אַן אָרעמער חתונה? וואָס פעלט מיר אַזוי? איך אַרבעט, איך לעב פון מיין אַרבעט. אַז איך קום פון דער אַרבעט טו איך זיך איבער, כ׳קוק זיך אַרום אַרום זיך, גיי מיר וואו איך וויל, מיט וועמען איך וויל... איך האָב נאָך צייט זיך איינצו־שפּאַנען אין אַ משפחה־יאָך!"

— און אויב איר ווילט, הערט זיך צו. שאַ, מיידלעך, איר ווייסט ווער עס האָט חתונה אינגיכן? אַנו, טרעפט ווער? — כאַפּן זיך אויף די מיידלעך, די אויסגעשפּרייטע אויפן גראָז. אַלע ווילן וויסן ווער עס איז דאָס די גליקלעכע, וואָס גייט אינגיכן חתונה האָבן, און מיט וועמען. — נו, אויב איר טרעפט ניט, זאָג איך איך אויס: רייזל. די וואָס האָט ניט לאַנג צוריק זיך אַרויסגעצויגן פון דאַנען. איר ווייסט דאָך אַז איר מאַמע איז געקומען פון איראָפּע, צוזאַמען מיט אַ ברודער, און זיי האָבן אַ דירה אין תל אביב, לעבן זיי צוזאַמען; און זי, רייזל, האָט חתונה מיט דעם הויכן בחור, ווי הייסט ער? חיים,

אַט דער וואָס קומט אַהער אין חדר־אוכל עסן. — אַ! איך ווייס ווער דאָס איז, — זאָגט ראַזע די שוואַרצע. — יע, דאָס איז ער...

אַזוי ריידן מיידלעך וועגן התונות. אָבער פרידע, זי שטייגט זיי אַלעמען איבער. — מיידלעך, אַז איך וויל, קען איך מאָרגן חתונה האָבן און זיך מאַכן אַן אייגענע היים...

אַזוי פאַרברענגען אָפט „מיינע" מיידלעך דאָ אויפן גראָז, אין אַ פאַרנאַכט נאָך דער אַרבעט, אָדער שבת נאָך מיטאָג, דאָ, וואו די בוימער די הויכע פאַרשטעלן פון דער זון. דאָ שמועסט מען פון חתונות און דאָ אונטערן בוים בויט מען אויף גאַנצע וועלטן.

— הערסט, — זאָגט פייגע צו שרה'ן, — איך וויל לערנען עברית. איך געפין אַפּ דאָ אין ארץ אַז אַ מיידל קען ניט קיין עברית, איז ניט גוט, דו הערסט? דו שלאָפסט דאָך, אַבי איך רייד. — ניין איך שלאָף גראָדע ניט. איך האָב געהערט דו ווילסט זיך לערנען עברית, — ענטפערט שרה מיט צוגעמאַכטע אויגן. און אַזוי, פון עברית, גייט אַריבער דער שמועס אַפריער וועגן אַרבעט. איינע דערציילט דער צווייטער וועגן איר אַרבעט, ווי שווער עס איז פייגע'ן אָנגעקומען זיך אויסלערנען וועבן, און ווי עס איז שווער צו פאַרליידן דעם שטויב וואָס קריכט אַריין אין נאָז, אין די אויגן און אין האַלדז, אַז עס דוכט זיך פשוט, אַז מאָרגן וועט זי שוין ניט קענען אָטעמען פון אַזאַ אַרבעט. — אָבער אַז איך גיב אַ דריי דעם קאָפּ, — זאָגט זי, — און זע אַז אַלע אַרום מיר אַרבעטן דאָך, מסתמא דאַרף אַזוי זיין... ווי מיינסטו, ניט אַזוי?...

— געוויס איז אַזוי, אַלע אַרבעטן זיינען שווער. ערשטנס מוז מען זיך צוגעוואוינען צו דער אַרבעט, דערצו מוז מען אַלע מאָל געדענקען אַז מען איז אין ארץ, און גוט וואָס עס איז דאָ אַרבעט אין דער אייגענער היים, ניטאָ קיין מורא פאַר נאַציס. האַ? וואָס דענקסטו?

— יע, יע, דו ביזט גערעכט, דו ביזט אַ קלוגע!

קאַפּיטל 10

„הערט קינדער, ווען איך וואָלט האָבן טאַלאַנט צו שרייבן, וואָלט איך געקענט אָנשרייבן אַ בוך. ווען איך זאָל נאָר אָנהויבן פון 39טן יאָר, ווען אונדזער פאַמיליע האָט אָנגעהויבן פּלאָנעווען צו אַנטלויפן פון דער היים...״ אַזוי הויבט אָן „מייבל פון וואַרשע״, ריידן ביי אַ צוזאַמענקלייבן זיך אין אָן אָוונט. אַלע שווייגן, הערן זיך צו צו אַ בוך וואָס וואָלט געדאַרפט געשריבן ווערן.. „הלואי וואָלטן מיר דאַמאָלסט אַנטלאָפן, וואָלט איך איצט דאָ ניט געווען קיין עלנטע יתומה״, פאַרטראַכט זיך מייבל, און איר פּנים ווערט ערנסט. די אויגן פאַרקוקן זיך ערגעץ, אפשר דערזעט זי זיך ערגעץ אין וועג, און זי רעדט ווידער אַמאָל: „די דייטשן זיינען אָנגעפאַלן אויף וואַרשע. אַ סך מענטשן זיינען זיך צעלאָפן איידער די דייטשן זיינען געקומען, אָבער אַ סך יידן האָבן זיך ניט געוואָלט שיידן פון זייערע גוטע גע־שעפטן, האָבן זיי געטראַכט: מאַלע וואָס מען רעדט — דייטשן, נאַ־ציס!... אָבער ביי דער לעצטער מינוט איז מען אַנטלאָפן. ניט גע־וואוסט וואוהין מען לויפט, ווער עס יאָגט נאָך, ווער עס שפּיאָנירט... האָב איך דאַמאָלסט, מיט מיין יינגערער שוועסטער, מאַשקע, מיטגעלאָפן מיט די אַנטלויפנדיקע. ווי אַזוי עס איז אונדז געלונגען צו קומען קיין לאָדזש ווייס איך אויף היינטיקן טאָג ניט. אָבער פון לאָדזש האָט מען ווידער אַמאָל געדאַרפט אַנטלויפן. מען האָט זיך דערוואוסט, אַז דער שונא קומט אָן, פליט מען איבער וועלדער אין שוואַרצע נעכט, מען שלעפּט זיך, מען הונגערט, איין גאָט ווייס מיט וואָס מען דערנערט זיך? עס איז געווען עפּעס אַזאַ קאָשמאַר... בלויז די וואָס האָבן דאָס דורכגעלעבט קענען באַגרייפן דעם דאָזיקן גיהנום: מען שוואַרצט דעם גרענעץ אין שרעק און הונגער, און נאָך טעג און וואָכן פון אַרומשלע־פּעניש געפינט מען זיך אויף אַ קליינער שיפל וואָס פירט איך קיין איטאַליע... ניין, איך מוז זיך דאָך אַמאָל דערמאָנען. גאַנצע צוויי יאָר האָט דאָך גענומען ביז איטאַליע, אפשר וועט מיר פּאַרט אַמאָל געלינגען אָנצושרייבן פון יענע צוויי יאָר, פאַר זיך אַליין, צו קוקן ווי אין אַ שפּיגל און זען וואָס איך אַליין האָב איבערגעלעבט.״

עס קומען צו נאָך מיידלעך, זעצן צו צו די פריערדיקע און ווילן הערן ווי מייבל וואָלט געשריבי אַ בוך...

„איין זאַך,״ זאָגט מייבל, „טוט מיר פיינלעך לייד, וואָס איך האָב אין וועג פאַרלאָרן מיין ליבע שוועסטער פּעשקעלע׳ן. ווער ווייס צי זי

לעבט, צי איך וועל זי נאָך אַמאָל געפינען, צי זי איז ניט אומגעקומען ווי אַ סך אַנדערע וואָס זיינען מיט מיר צוזאַמען אַנטלאָפן... איר ווייסט, קינדער, ווי איך וואָלט אַ נאָמען געגעבן מיין בוך? — „אַ בוך פון וואָגלען". הערט, קינדער, איר ווייסט דאָך וואָס עס מיינט וואָג־לען?" אַלע שווייגן. עס גייען פון מייבל'ס מויל ווערטער, זאַצן גאַנצע, פונקט ווי זי וואָלט עס פון אַ בוך אַרויסגעלייענט:

„אָנגעקומען קיין איטאַליע. דאָ אַ נייע וועלט. דאָ געפינט מען אויך יידן. איך האָב אין איטאַליע אָפּגעלעבט 4 יאָר. אַביסל געאַר־בעט, מערער צוגעהונגערט, די גאַנצע צייט געטראַכט, וואו בין איך? וואו זיינען פאַרבליבן אַלע מיינע טייערע? נאָכדעם בין איך געפאָרן קיין פראַנקרייך...

„אַך, וויפיל פאַרשיידענע מענטשן איך האָב געזען! אויף וויפיל געלעגערס זיך אויסגעוואָלגערט... ריידן ווידער אַמאָל פון הונגער?" זאָגט זי מיט אַ שמייכל, „קענען מיר דאָך באַלד אָט דאָ הונגעריק ווערן, טראַץ דעם וואָס עס איז שבת נאָך מיטאָג. ווייסט איר, קינדער, נאָך דעם ווי מען ווערט צוגעוואוינט צו איין אָרט, איז שווער צו אַ צווייטן זיך צוגעוואוינען. דאָ אין פראַנקרייך, עפּעס אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל, קען איך זיך עפּעס ניט איינלעבן. מיט איין מאָל לאָזט מען וויסן, אַז מיר פאָרן קיין ארץ ישראל. צו דערציילן ווי אַלע האָבן זיך דער־פרייט, איז דאָך איבעריק, — ווער פון אייך, מיינע ליבע, האָבן עס דעם טעם ניט פאַרזוכט? הכלל, אין אַ געוויסן טאָג זעצן מיר זיך אויפן באַן, וואָס דאַרף אונדז פירן צום שיף. ווער עס פירט אָן מיט דער טראַנספּאָרטאַציע־אַרבעט, ווייס איך ניט עד היום.

זייער שיינע לאַנדשאַפט זעט מען דורכפאָרנדיק מיטן באַן אין פראַנקרייך. אָפט מאַכט עס פאַרגעסן אָן זיך אַליין. זיך פאַרטראַכטן אין נאַטורשיינקייט איז אַ גוטער באַרואיקונגס־מיטל פאַרן געמיט... קומען מיר צו צום שיף הייסט דאָס, דאַרף מען וואַרטן. מען שטופּט זיך איינער צווישן די אַנדערע; אַ סך פאַרשידענע מענטשן, פאַרשידענע טיפּן, ניט ח"ו צו־גוט געקליידט. כמעט יעדער האַלט עפּעס, אַ קלומקל אָדער אַ פּעקעלע, אַ רענצל. אָט גייט מען אַרויף אויף אַ קליינער שיפל, זאָל זיין מיט מזל. מען וואַרט ביז די אַלע מענטשן קומען אַרויף. די שיף רירט זיך פון אָרט. עס פאַרשווינדט פון דיר אַ וועלט וואָס אָט נאָר־וואָס ביזטו געווען מיט איר אין באַרירונג און אָט איז אויס. דאָ איז בלויז הימל און וואַסער. עס וויגט און עס טרייסלט. מען לאָזט דיך אַריין אין אַ קאַיוטע מיט נאָך אַ צענדליק יונגע ווי דו, אויך עלטערע פרויען, — אָט דאָ איז דיין מקום מנוחה ביז דו וועסט קומען צו אַ ברעג. עסן גיט מען בלויז

אויף די נשמה אויפצוהאַלטן. נאָך אַ נס, וואָס די לופט איז ריין, פריש, ווען דו קומסט אַרויף אויפן דעק אָפּכאַפּן דעם אָטעם. עס איז וואַרעם און אנגענעם — דרייט מען זיך אַרום אויפן דעק.

„די נעכט קומט מען אַריבער ווי עס איז. נאָך עטלעכע טעג זיך וויגן אויפן וואַסער לאָזט מען וויסן, אַז מיר קומען צו צו ארץ ישראל, און באַלד דערזעט מען טאַקע לאַנד. אַלע פרייען זיך... אָבער, ליידער, ניט צו לאַנג. ווען די שיף האָט זיך ענדלעך אָפּגעשטעלט ניט ווייט פון חיפה׳ער פּאָרט, לאָזט מען אונדז ניט אַרונטער. איך ווייס ניט וויפל מענטשן מיר זיינען דאָ אויפן שיף. אַזוי ווי עס איז שוין פאַר־נאַכט, נעכטיקט מען אויפן שיף. די פּאַנאָראַמע וואָס מען זעט דאָ פון שיף, די שיינקייט פון פאַרנאַכטיקן האָריזאָנט, וואַרעמט די נשמה. אָבער, מען קען זיך נאָך ניט פרייען... צום מאָרגן קומען אַרויף די „ליבע" ענגלענדער און נעמען אונדז אַרונטער און פירן אונדז אַוועק קיין אתלית. — מיר זיינען אומלעגאַלע, ארץ ישראל׳ס טויערן זיינען פאַר אונדז פאַרשלאָסן, מחמת די ענגלענדער זיינען די בעלי־בתים אין ארץ ישראל...

אַזוי, קינדערלעך, איז עס. מיר זיינען אין ארץ ישראל, אָבער, ווי פאַרברעכער, אונטער אייזערנע טירן... מילא בכן, בין איך מיט די אַנדערע אונדזעריקע געזעסן אין אתלית 18 מאָנאַטן... — און אָט בין איך שוין דאָ אין בית החלוצות כמעט אַ יאָר צייט."

מייבל פאַרזשמורעט אירע אויגן, זי וויל זיך עפּעס דערמאָנען, אפשר זיך אומקערן צוריק צו איר לעבן דאָרט אין איטאַליע. דאָ כאַפּט איר אונטער איינע פון די מיידלעך, אַ צוהערערין, און זאָגט: „מייבל, שרייב אַ בוך"...

„דזשינדזשי", — אַזוי רופט מען מיין רויט־לאָקיקע, שיינע אסתרל — איז אַ יאָר 18 אַלט. אַ ליבע מיידל, אַלע זיינען גערן זיך חבר׳ן מיט איר.

די אסתר׳ל, אַז זי זיצט און הערט זיך צו צו די דערציילונגען פון די אַלע איבערלעבענישן, קוקט זי אָן די דערציילערינס מיט אירע ליכטיקע בלויע אויגן, און שווייגט.

נאָר איין מאָל האָט פּאַסירט, אַז אויך אָט די שווייגנדיקע האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן און האָט אַרויסגעזאָגט איריגעס. דאָס איז געווען, ווען איין מיידל איז געזעסן און דערציילט ווי זי איז עלנט, ווי אַלע איריקע זיינען אומגעקומען דורך די נאַציס, און דער־ציילנדיק דאָס אַלץ, האָט זי זיך דערביי שטאַרק צעוויינט. דאַן האָט זיך אויפגהויבן די ליבע שיינע אסתרל מיינע און האָט מיט האַרץ

אַ זאָג געטאָן: „זע נאַר, וואָס האָסטו זיך אָפּריער צע׳דרשנ׳ט, אַז אַלע האָבן געזיפּצט פאַר דיר, און צום סוף האָסטו זיך אַזוי צעוויינט? אָט בין איך אויך בלויז איינע פון אַ גאַנצער משפחה פאַרבליבן, אָבער איך ווייס, אַז אַלע מיינע דערציילונגען וועלן מיר ניט העלפן. אָפּט, דוכט זיך, איז בעסער אַז מען שווייגט... דוכט זיך אז אין חדר־אוכל עסט מען שוין מיטאָג — קומט אַלע עסן...״

חברה הויבט זיך אויף און מאַרשירט צום חדר־אוכל עסן מיטאָג.

נאָר אָפּט באַמערקט מען ווי איבער אסתר׳לס שיינע באַקן קייק־לען זיך פּערל טרערן. ווען עס קומט די געלעגנהייט צו זען אסתר׳לס טרערן, דערציילט יעדעס טרער אַ באַזונדער טרויעריק עפּיזאָד פון איר יונג לעבן. אסתרל קען זיך אַ זאָג טאָן: — בין איך ענדלעך אין ארץ ישראל, אַפילו אַז עס איז טומלדיק, אומרואיק, איז אַלץ בעסער ווי אין געטאָ.

און מיין אסתר קען זיך אָפּט פיין צעזינגען, ווען מען קלייבט זיך צוזאַמען אויפן מכפסת. די זילבערנע לבנה צעשפּרייט פעדים ליכט צווישן די הויכע בוימער, באַשפּריצט מיט דימענט־שטערן פון בלויען הימל גיסט עס זיך צוזאַמען מיט מיין אסתר׳לס זיסע שטימע, וואָס צעגייט זיך איבער אַלע גלידער. כאַפּן אונטער נאָך שטימעס דעם געזאַנג, צעזילבערט זיך אַ כאָר פון מיין ליבער חבריה...

מחשבה צעטאַנצט זיך, ווי פון טייוואַלים געיאָגט, געטריבן אין דער ווייטער וועלט אַריין... — אָט דאָ — שארית הפליטה, קפריסין, מלחמה אומרוען אין לאַנד, געזאַנג... אפילו די כוואַליעס פון ים קענען מחשבה ניט באַכיאָגן...

אין אַזאַ נאַכט זוכט די קאָפּ אַ גוטן אָרט אויפן קישן, זיך „איינ־מאָשטשען״ אַז עס זאָל רואיק ווערן אין מחשבה, זכרון זאָל ניט ברענגען אַנטקעגן אָט דאָס וואָס עס דרשנ׳ט זיך, ווי מיין אסתר רופט עס. דער־זעסט דעם נאַכט־בלויען הימל, הערסטו זאָגן: „שוין שפּעט, זייער שפּעט.״

אָבער האָב הנאה, דו ביזט אין ארץ ישראל. וואו נאָך איז דאָ אַ יידישע הגנה? וואו נאָך זילבערט אַזאַ לבנה? וואו נאָך קענסטו זען אַזעלכע פּערל־טרערן, ווי „מיין״ אסתר׳לס? און מיט אַלעם דעם — אַזעלכע האַרציקע, זיסע געזאַנגען פון באַפרייאונגס־לידער?! ואחרון אחרון חביב, וואו נאָך געפינסטו אַ לאַנד, וואָס זאָל זיך בויען אונטער פייער, באַגלייט מיט געזאַנג? אויף די אַלע פראַגעס בלויז איין ענט־פער — נאָר אין ארץ ישראל. אָט דאָס איז דער קיום פון פאָלק ישראל.

מיין ווייניגקייט באַטראַכט עס אַלץ. איך קום צום שלוס, אַז ניט אומזיסט האָב איך אַלע מיינע יאָרן, אפשר פון מיין פריסטער יוגנט, געווען איינגעוויקלט אין אָט דעם פאַנטאַסטישן בענקען; טראַץ דעם וואָס אָט דאָס וואָס איז דאָ אין די שורות, האָט עס פאַנטאַזיע פאַר מיר ניט פאַרגעשטעלט. אמת, מיינע ליבע לייענער, אַז פון צייט צו צייט וועבן זיך אַריין אין די שורות מיינע געפילן, דער פאַרגעניגן, און אפשר אויך דער טרויער וואָס טעגלעכער לעבן ברענגט מיט, זיך איינלעבנדיק דאָ אין דער סביבה. איך וויל איר זאָלט אָבער וויסן, אַז איך טו עס, ניט צוליב מיין פערזענלעכקייט, נאָר מחמת איך שטרעב דאָס דורך מיין וואָרט זאָלט איר, אויף וויפיל מעגלעך, דערפילן דאָס וואָס מיינע אויגן האָבן געזען און וואָס ס'האַרץ האָט געפילט...

„ביבי חביבי״ אין חדר אוכל.

זי לויפט אַריין מיט פלאַמענדיקע בעקעלעך, וואָס פאַסטן זיך צו איר גאַנצער פיזיאָנאָמיע. זי כאַפּט אָן אַ חבר'טע ביים האַנט: — קום, זעץ זיך דאָ מיט מיר. איך קום פון משרד הגיוס (דאָס איז דער אָפיס, וואו מען פאַרשרייבט די הגנה צבא לישראל). איך בין שוין פאַרשריבן, — זאָגט ביבי. זי רעכנט גלייך אויס די מיידלעך פון דאַנען. — איצט, — זאָגט זי, — איז עס ניט מער „הגנה״, עס איז חיילים וחיילות. זיי, די בחורים, שטייען ביים פראָנט קעגן שונא, און מיר, חיילות, וועלן העלפן אויף אַנדערע געביטן. דו ווייסט, — זאָגט זי ווידעראַמאָל, — צפיה איז שוין אויך פאַרשריבן...

לאָמיר פאָרשטעלן פאַר אייך ווער איז צפיה.

צפיה איז אַ מיידל וואָס איז מיט צוויי יאָר צוריק געקומען פון איראַק, פון אַן אַראַבישער סביבה. זי איז שוואַרץ ווי די אַראַבער, מיט בליציקע שוואַרצע אויגן, שוואַרצע האָר ווי פעך, און ווען זי איז דאָ אָנגעקומען, אין בית החלוצות, האָט זי קיין אַנדער לשון ניט פאַרשטאַנען אויסער אַראַביש. עס איז שווער געווען צו דערקענען דער מיידלס כאַראַקטער. אָבער כ'וועל מאַכן קורץ אַ לאַנגע מעשה... מען האָט די מיידל אַריינגענומען, איר אָנגעשטעלט דאָ אַרבעטן ביי הויז־אַרבעט און ביסלעכווייז האָט צפיה אָנגעהויבן אויפכאַפּן די שפּראַך. איצט רעדט זי אַ פיינעם עברית. זי האָט זיך אָביסל אויס־געמענטשלט פון איר פרימיטיווקייט און זי לעבט זייער בשלום מיט די מיידלעך. וואָס איז שייך צו מיר? איז זי מיינע אַ „חסידיסטע״. די מיידלעך דערציילן מיר, אַז צפיה איז זייער גערן צו אַרבעטן מיט מיר.

אָט די צפיה גייט אויך אַוועק אין „גיוס״, אין דער אַרמיי. איצט פילט זי זיך דאָ דווקא ווי אַ פיש אין וואַסער, צווישן די מיידלעך. דער־

די מיידלעך אין בית החלוצות אין פתח תקוה.

פאַר טאַקע וויל זי אויך זיין אַ חילת — העלפן די בחורים, ווי אַנדערע מיידלעך טוען עס, מחמת אַלע גייען דאָך קעמפן און אויסקעמפן דאָס לאַנד. און ווען ביבי דערציילט ווי מיידלעך פאַרשרייבן זיך אין גיוס, כאַפּן זיך אַלע אָן דעם...

— אַז מיר וועלן אַלע גיין אין צבא, ווער וועט דאָ בלייבן, אין בית החלוצות? — גיט איין מיידל אַ פרעג.

— זאָרגט ניט, קינדער, אַזוי שנעל ווי אייערע בעטן ווערן ליי־דיק ,אַזוי קומען באַלד אָן נייע מיידלעך און וועלן זיי פאַרנעמען, — איז דער ענטפער.

און באַלד רעכנט מען אויס, וויפיל שארית הפליטה עס איז די וואָך אַריינגעקומען... כן ירבו, זאָלן זיי נאָר אַריינקומען...

אַלע זיינען איינשטימיק.

פויגעלע קומט פון לאָדזש. איר זעקס־יאָריק זונעלע און איר מאַן האָבן די נאַציס פון איר אַוועקגערויבט. אויך זי, ווי אַ סך פון די מיידלעך, קענען ניט געדענקען אַלץ און קענען ניט פאַרשטיין ווי אַזוי זיי זיינען געבליבן לעבן....

מיט דער פויגעלען דאַרף מען זיך נאָענטער באַקאַנען. זי דער־ציילט ניט קיין סך, נאָר ווען איין מאָל איז זי געווען ניט געזונט, און מיין ווייניגקייט, ווי אַ „מאַמע", האָב ביי איר אין קעסטל, וואו זי האַלט אירע וועש, געזוכט עפּעס פאַר איר, איז מיר געקומען אין האַנט אַריין אָנגעשריבענע בלעטלעך. — אַ־האַ, — זאָגט איך צו זיך, — איך האָב דיר געפּאַקט, — און איך בעט דערלויבעניש דאָס צו לייענען.

— גוט, — זאָגט זי, — לייענט אַז איר ווילט...

דווקא האַרציק באַשריבענע בלעטלעך, וואָס נאָר אַ פּאָעט וואָלט אַזוי געשריבן.

„היטלער האָט פאַרברענט מיין ליבן מאַן מיט מיין טייער ליב קינד," זאָגט זי דאָרט אין איין בלעטל, „און ביי מיר איז געבליבן מיין צעווייטיקט האַרץ. אָבער מיין גייסטרייכע נשמה האָט אַפילו היטלער ניט געקענט רויבן פון מיר. קערפּערלעך קען מען אַ דריטל פון אַ פאָלק פאַרניכטן, אָבער ישראל'ס גייסט — ניין. דאָס האָט נאָך קיין המן ניט געקענט אַוועקרויבן ביין אייביקן ייד."

אַזוי שרייבט אַ מענטש אין אַ בוך, זייענדיק זיכער אַז קיינער וועט עס ניט לייענען. אַ סך זכרונות פון גיהנום הילער זיינען אַריין אין אַ קאַפּיטל פון פויגעלע'ס בלעטער. און פויגעלע זאָגט: „גאָט זאָל היטן אַז דער גרויזאַמער נעכטן זאָל אימער שטיין פאַר די אויגן — דאָס וואָלט געמאַכט אַ סוף פון דער וועלט." און זי, פויגעלע, נאָך

גאָר אַ קורצער צייט פאַרווײלנדיק ביי אונדז, דערציילט מיר אַ סוד: אַזוי ווי דאָ אין קבוץ גלילי ים, ניט ווייט פון הרצליה, האָט זי אַ באַקאַנטן, און ער וויל זי זאָל נאָר חתונה האָבן מיט אים און גיין אין קבוץ לעבן, איז זי אין אַ פאַרלעגנהייט...

אויך פויגעלע האָט, נאָך אַ ביסל נאָכטראַכטן, חתונה געהאַט. אויך ביי דער חתונה האָט מיין ווייניקייט געהאַט דעם כבוד צו זיין אָנוועזנד.

דאָס קומט פאָר אין ישראל. זי איז איינע פון די גאָר אינטערעסאַנטע כאַראַקטערן. אַלע רופן איר „זי פון צימער נומער 7". אייגנטלעך געפינען זיך דאָך אין צימער 4 מיידלעך, אָבער „זי" איז די, וואָס אַלע ווייסן וועמען מען מיינט. איך, דווקא, רוף איר ביים נאָמען „אליזה" — אין עברית מיינט עס „אַ פריילעכע", און דאָס איז זי טאַקע.

אליזה איז אַ הויכע, אַ מאָגערע, מיט אַ דין פיגור, אַ פּנים שוואַרץ און געפּאַלדעוועט. אין אירע אויגן, מסתמא אַמאָל געווען זייער שיינע, ברענט נאָך אַ קליין פייערל. אפשר, מחמת די אויגן זיינען אַריינגעזעצט טיף אין פּנים, און די שאָטנס אין די טיפע אויגן־לעכער דערלאָזן ניט די אויגן אַרויסצושיינען. איר מויל צייין איז באַדעקט מיט זילבער. זיי צייגן זיך אַרויס בלויז ווען זי רעדט; נאָך מער — ווען זי לאַכט. אין אַלגעמיין — אַ קלוגער, בחנ'טער פּנים, אַ שטענדיק לאַכנדיקער...

אליזה האָט דעם בינטל זכרונות פון איר „איינגעפּאַקטן באַגאַזש" פאַר מיר אויפגעעפנט איין מאָל אין אוונט, דווקא ביי מיר אין צימער, אונטער פיר אויגן. זי חבר'ט זיך מיט אַלעמען, אָבער אירע איבערלעבענישן האַלט זי בלויז פאַר די וואָס געפעלן איר.

זי דערציילט פון די עטלעכע יאָר היטלער־עפּאָכע:

„עס איז ניט גרינג זיך אומקערן אויף צוריק. איך בין," זאָגט זי, „שוין ווייט ניט קיין קינד. מיין זונעלע וואָלט שוין איצט געווען אַ בר־מצוה־בחור, איז ער צוזאַמען מיט זיין טאַטן אַוועק מיטן רויך, דאָרטן אין די קרעמאַטאָריעס. ווי דאָס איז געשען? איך וויל זיך ניט דערמאָנען... נאָכדעם געפין איך זיך פלוצלונג אין סאָוועט רוסלאַנד. איך מיט מיין שוועסטער. אָבער ניט אַזוי גיך האָט עס פּאַסירט... זאָל איך אָנהויבן פון לאַגער? — גיט אליזה אַ פרעג, און וואַרט ניט אויף קיין ענטפער. „אין לאַגער באַקען איך זיך מיט אַ מאַן. ער רעדט מיר איין, אַז מיין מאַן קומט שוין ניט צוריק, — לאָמיר זיך אָנהאַלטן און לעבן ווי ווייט מעגלעך, — זאָגט ער. שטים איך איין, מחמת דער מענטש איז מיר זייער געפעלן, אויסער וואָס איך האָב זיך געפילט זייער עלנט. דאַמאָלסט האָב איך ניט געוואוסט אַז איך קען

זיך נאָך צוזאַמענטרעפן מיט מיין שוועסטער. וועלכן יאָר דאָס איז געווען, איז דאָך ניט וויכטיק. מילא בכן, איך פאַראייניק זיך מיט דעם מאַן. מיר האָפן אַז אייביק וועט דאָך אַזוי ניט זיין, אייביק וועלן מיר דאָ אין לאַגער ניט זיצן. אָבער פּלענער אין אַזאַ צייט האַלטן ניט אויס. איך דערפיל אַז איך טראָג אַ ניי נפשל אונטער מיין האַרצן. דווקא דאַמאָלסט מאַכט מען רעוויזיע אין די לאַגערן, מען נעמט אַוועק מיין צווייטן מאַן מיט הונדערטער אַנדערע כלומרשט אויף אַרבעט...

„אפשר דאַרף איך דאַנקען דעם שיקזאַל, וואָס איך האָב זיך גלייך דערוואוסט, אַז אויך מיין צווייטער מאַן איז אַוועק וואו מיין ערשטער מאַן איז פאַרבליבן, און איך באַשליס גלייך, אַז קיין ניי נפש׳ל זאָל פון מיר אויף דער גרויזאַמער ברוטאַלער וועלט מער ניט קומען. נאָך אַזוי פיל אַנטוישונגען גיב איך זיך איבער צום שיקזאַל, אַז איך זאָל בלייבן אַליין אויף דער וועלט. צו־וואָס נאָך לעבנס? מילא, עס איז ניט וויכטיק וואָס איך האָב אַדורכגעמאַכט, דורכגעלעבט, ביז איך האָב זיך געפילט „באַפרייט״. שוואַך און עלנט, באַשליס איך, אויף לעבן אָדער טויט, אַנטלויפן פון לאַגער. אָבער פון די נאַצישע הענט רייסט מען זיך אַזוי גיך ניט אַרויס. הכלל, עס איז שוין געווען נאָענט פון ענדע מלחמה און די רוסן האָבן אָנגעהויבן זיך דערנענטערן, איז אונדז, אַ גרופּע פרויען, דאַן געלונגען אַריינ־קומען קיין רוסלאַנד און דאָ טרעף איך זיך צופעליק מיט מיין שוועסטער.

„ווי אַ סך אַנדערע, באַקומען מיר אויך אַרבעט. איך און מיין שוועסטער זיינען ביידע גימנאַזיע־געשולטע. דאָ איז אונדז געגאַנגען ניט שלעכט, אָבער מיר באַשליסן אַז פאַרבלייבן אין רוסלאַנד איז פאַר אונדז אוממעגלעך. דאָך האָבן מיר צוויי יאָר געלעבט און געאַר־בעט אין רוסלאַנד, ביז עס איז אונדז געלונגען באַוויזן אַז מיר קומען פון פּוילן, דאַמאָלסט האָט מען אונדז, ווי פּוילישע בירגער, אומגעקערט צוריק קיין פּוילן. אַזוי זיינען מיר געקומען קיין לאָדזש. דאָ האָבן מיר געפונען אַ חרוב־געוואָרענע שטאָט מיט אַ קליינער צאָל צוזאַמענגעלאָפענע יידן, כמעט אַלע צעריסענע משפחות. פון אונדזער משפחה איז אויך קיינער ניט געבליבן, חוץ מיך מיט מיין שוועסטער און אַ ברודער אין אַמעריקע, וואָס געפינט זיך שוין דאָרטן אַ לאַנגע צייט.

דאָ אין לאָדזש ריידן יידן פון פאָרן קיין ארץ ישראל, ווערט ביי מיר מיט מיין שוועסטער באַשלאָסן זיך אָנצושליסן אָן די וואָס קלייבן זיך פאָרן אין ארץ... וואָס איז דאָ ווייטער צו דערציילן?

אויסער, וואָס מען שוואַרט גרענעצן, מען שלעפּט זיך צו איטאַליע, אין אַ שיפל וואָס קען פירן עטלעכע הונדערט, פאַרן מיר איבער צוויי טויזנט מענטשן. וועגן שפּייז אָדער באַקוועמלעכקייט — דאָס איז אַ זאַך וואָס מען קען זיך פאַרשטעלן אין פאַנטאַזיע. אָבער דערפאַר, קומענדיק קיין איטאַליע, איז אונדז ניט אויסגעקומען לאַנג וואַרטן. מיר זעצן זיך אויף אַ צווייטע שיף, אין נעאַפּאָל, מיר שיפן זיך צו ארץ ישראל. אנשטאָט 5־6 טעג, וואָס די רייזע פון נעאַפּאָל ביז ארץ ישראל דאַרף נעמען, האָבן מיר זיך געשלעפּט גאַנצע דריי וואָכן ביז חיפה־פאַרט, און דאָ, און דאָ הויבט זיך ערשט אָן אונדזער ביידנס בינטל צרות. מיר זיינען אומלעגאַלע, אָן וויזעס, קומען אָן די ענג־לענדער, די „שומרי ישראל" און מען זעצט אונדז איבער אויף אַ צווייטע שיף און מאַרש קיין קפּריסין."

אליזה פאַרטראַכט זיך. זי בלייבט זיצן. דוכט זיך, אַז אָט פאַרט זי ערגעץ אויף צוריק... אירע טיף־איינגעגראָבענע, איצט פאַרחלומ'טע אויגן, האָבן עליזה'ן ערגעץ פאַרפירט — זי שפּאַצירט אויף אַנדערע וועגן. ווען זי רעדט, וואָלט זי, מעגלעך, דערציילט פון איר יונג־מיידליש לעבן, ווי זי האָט זיך באַקאַנט מיט איר ערשטן מאַן, איר חתונה, אָדער, — אפשר גיט זי גאָר אַ שפּרונג אין געדאַנק, און אָט באַ־ווייזט זיך אַ הענטעלע פון איר קינד, ערגעץ דאָרט אין רויך... אָדער, זי זעט ווי איר מאַן רייסט זיך פון די רוצחים'ס הענט, ער וויל גיין צו איר אָדער — אָט האָט זי אין איר עלנטקייט אַ צווייטן חבר פאַר זיך אָנגעטראָפן, זי מיינט אַז איר לעבן ווערט באַנייט, זי וועט דאָך מער ניט בלייבן עלנט, און, אפשר, נאָך אַ מאָל אַ מאַמע ווערן...

„הא, איך האָב זיך פאַרטראַכט," זאָגט זי פּלוצלונג, ווי זי וואָלט פון אַ שווערן חלום זיך אויפגעכאַפּט. „הא, הייסט עס מיר פאָרן צו קפּריסין. מילא, דערציילן פון די יאָמערן פון די מענטשן, דעם טומל, וואָס אַפילו די ענגלענדער געלינגט ניט איינצושטילן, פאַר דעם זיינען קיין ווערטער ניטאָ. מען דאַרף דאָס אַלץ אַליין איבערלעבן אום צו האָבן אַ באַגריף וועגן דעם. אַזוי, מיט פאַרשטיינערטע הער־צער, האָבן מיר זיך דערשלעפּט קיין קפּריסין. אָט דאָ האָבן מיר איבערגעלעבט דעם אמת'ן גיהנום — סיי אין באַצוג צו שפּייז און סיי צו באַקוועמלעכקייט.

„ווען איינער, וואָס האָט געלעבט אין קפּריסין עטלעכע מאָנאַטן, וואו איך האָב זיך געפונען, וואָלט געווען געבענטשט מיט אַ שרייבערישן טאַלאַנט, וואָלט ער געקענט אָנשרייבן אַ גרויס בוך פון מענטשלעכעליידן. אַמאָל טראַכט זיך, אַז אין פאַרגלייך מיט די לאַגערן וואָס מיר האָבן דורכגעלעבט, איז דאָ, אין קפּריסין ניט אין צוגלייך ערגער,—ס'איז

פשוט ניט צו דערליידן. אָבער אַ מענטש איז שטאַרק און לעבט אַ סך איבער, און אַט בין איך אין בית החלוצות.״

אליזה׳ס שוועסטער, אַ אינגערע פון איר, לעבט אין תל אביב. אַ פיינע פערזאָן. זי קומט אָפט אַהער, אָבער אליזה בלייבט צייטווייליק דאָ ביי אונדז. באַגעגן איך אליזה׳ן, האָט זיך אימער אַ שמייכל אויף איר פּנים. „שלום״, זאָגט זי מיט פריינטשאַפט. — וואָס מאַכסטו, אליזה? — גוט, — ענטפערט זי — אַט מען אַרבעט און לעבט.

אַמאָל קען זיך אליזה אַזאַ טאָן: — איר ווייסט? היינט, קומענדיק פון דער אַרבעט, זיך אַרומגעטאָן אַביסל אַרום זיך, אַ מענטש מוז דאָך טאָן די טעגלעכע אַרבעט. האָב איך אַ טראַכט געטאָן אַז מיין „חבר״— מיין איינזאַמקייט — איז גאָר ניט אַזוי שלעכט. ניט אַזוי שרעקלעך. איידער וואָס־ווען ווערסטו איינגעוואוינט צו עפּעס, און דאָס ווערט שוין דיינער אַ שכן, איז ווער וויל זיך קריגן מיט אַ שכן? מאַך איך שלום מיט זיך אַליין, לעבן מיר במילא בשלום.״

אָבער זעלטן, דוכט זיך, באַמערקט ווער אויף דער הויכער, סטרוינער פיגור, מיט אירע שוואַרצע געלאָקטע האָר, מיטן שמייכל אויף איר טרוקן אויסגעדאַרט פּנים, אַז דער מענטש לעבט אינער־לעך אַ באַדויערנד־פיינלעך, איינזאַם לעבן. זי האָט דאָך פאַר יעדן אַלע מאָל אַזאַ פיינעם שמייכל... וואָס נאָך, קיינער איז אליזה׳ן גאָר ניט שולדיק. „...דאָס איז מיין אייגן פּעקל,״ זאָגט זי, „איז ווער־מען זאָל איך עס געבן טראָגן פאַר מיר?!״

קייקלט זיך אַרויס די זון אין פרימאָרגן פון איר נאַכט־באַהעל־טעניש, זי באַגילדעט באַרג און טאָל, פויגלען זינגען דעם תמיד׳דיקן פויגל־געזאַנג, די בוימער דאָ אַרום באַשיינען מיין שטוב מיט בליטן און יעדע בלעטעלע, ווען עס קען ריידן, וואָלט עפּעס צוגעטראָגן צו די מענטשלעכע דערציילונגען. אַזוי קומט אָן אַ טאָג, עס פאַרגייט אַ טאָג אין אייביקייט, פּונקט ווי עס זיינען פאַרגאַנגען די פייער־צונגען מיט די רויכן פון די קרעמאַטאָריעס, וואָס האָבן פאַרשלונגען אַ דריטל פון מיין פאָלק, פּונקט ווי עס וואָלט גאָר ניט געווען, גאָר ניט פּאַסירט...

די נעכט זיינען אומרואיק אין ישראל. ווען עס שלאָפט זיך ניט און דו פרעגסט, עד מתי? אָבער און ווידער. איז דער ענטפער — ביז נצחון, ליבער ברודער. דער טרייסט איז, וואָס עס בויט זיך אַפילו אונטער די שטורעמס. — זאָל שטורעמען, — זאָגט ישראל סבא אָבער און ווידער, — עס איז מיין נצחון, ליבער ברודער...

און אַז יונגוואַרג צעזינגט זיך, ווילט זיך גאָרניט זיך פאָרשטעלן פון וואָס פאַר אַ ביטערע הערצער דאָס געזאַנג קומט אַרויס!

קאַפּיטל 11

עס איז פינצטער אין ישראל. די פענצטער פון די הייזער זייַנען שוואַרץ פאַרהאַנגען. עס טאָר זיך קיין ליכט ניט אָנזען, בכדי דער שונא זאָל ניט זען וואו אַ ישוב געפינט זיך. אויסער די לבנה, וואָס זילבערט און שפּאַצירט מאַיעסטעטיש אויפן שוואַרץ־בלויען הימל, איז אַלץ אַרום איינגעוויקלט אין שוואַרצע שאָטנס.

עס איז נאָך פאַרלויפיק ניט אַנטדעקט געוואָרן אַ וועג צו קענען פאַרטונקלען די לבנה און די שטערן...

אַלע וואַרטן אויפן נצחון איבער די שונאים. עס איז אַ פּאָר טעג פּאַר אַ וואָפנשטילשטאַנד. די מלחמה איז פיל מאָל אָפּגעשטעלט און ווי־דער באַנייט געוואָרן. אַזאַ נאַכט, זעען מר פיר שוועסטער, וואָס זייַנען זיך צוזאַמענגעקומען דאָ אין בית החלוצות. איין שוועסטער — פרומה — לעבט ביי אונדז, איינע איז פון תל אביב, און צוויי קליינע שוועסטער־לעך, 14־15 יאָר אַלט — אַ צווילינג, לעבן אין אַ קבוצה פּאַר קינדער פון דער עליה וואָס נעמט אַריבער קינדער פון אייראָפּע. די צוויי יונגע שוועסטערלעך, טראַץ דעם וואָס זיי געפינען זיך אין לאַנד אַ קורצע צייט, באַזיצן זיי, אָט דער צווילינג, דעם לשון עברית כמעט אַזוי גוט ווי די היגע־געבאָרענע קינדער. אַ פיינע בילד שטעלן מיט זיך פּאַר די פיר שוועסטערלעך. איינע האָט אַ לאַנגע צייט ניט געוואוסט פון דער צווייטער. דעם צווילינג האָט מען כמעט אַרויס־געריסן פון די צייַן פון טויט. מלכה מיט פרומען ווייסן גאָר ניט ווי זיי זייַנען פאַרלאָרן געגאַנגען. ערשט דאָ אין ישראל קומען זיי זיך צוזאַמען. צופעליק געפינט מען זיך אויס און מען דערוויסט זיך אויך פון צווילינג.

אָט זייַנען זיי דאָ צוזאַמען, אָט די פיר שוועסטער. מלכה — אַ הויכע, שיינע מיידל, מיט שוואַרצע לאָקן, שוואַרצע אויגן אַ געשנעצ־טער פּנים אַ שטימע פון אַ זינגערין; פרומע — אַ נידעריקע אַ דיקלע־כע, שאַטינע האָר, לייכט־גרויע אויגן, ניט קיין גאַנץ שיינע אָבער אַן אנגענעמע מיידל. אפשר זייַנען די קינדער דאָרפישע... אָבער דער צווילינג — דאָס איז אַ פּראָדוקט וואָס עס איז זעלטן; צוויי קינדער ווי איינס.ביידע זייַנען ריידעוודיקע. זיי דערציילן אַזוי שיין און אינטערעסאַנט פון זייער לעבן אין קבוצה, אַז דו ווערסט ניט זאַט זיי אויסצוהערן.

זיצן זיך אַלע אויסגעזעצט אויף די בעטן. 7 זיינען זיי: 4 מיידלעך פון צימער און די דריי צוגעקומענע שוועסטערלעך. וועלכע איז חביבי און וועלכע פון צווילינג איז רייזעלע, איז שווער צו געדענקען. פאַנגט מען אָן ריידן פון שלאָפן. צעלאַכן זיך אַלע: „שלאָפן?! אין קפריסין האָט מען דאָך געשלאָפן צו 4 איז אַזאַ בעט!"

אין מיטן צימער, אויפן קליין טישל, ליגט נאָך די איבערבליי־בעכץ פון אָוונטברויט אָבער אַז דאָ איז אַן אויפגעפּאַסטע ריינקייט דערקענט מען אין יעדן ענגן ווינקעלע. מען רעדט שטיל. אַזוי דאַרף מען איצט. מען עפנט ניט די טיר, כדי עס זאָל ניט אַ שיין־טאָן די ליכט אין דרויסן אַרויס. עס גייען אַרום שומרים אין דרויסן און היטן מען זאָל קיין ליכט ניט זען. פּלוצלונג האָט זיך געלאָזט הערן אַ סירענע, און גלייך אַ באָמבע־קנאַל, אָבער קיינער רירט זיך ניט אַפילו צו לויפן אין מקלט אַריין... מען שיסט! אונדזערע שומרים שיסן דאָס צו פאַרטרייבן ערגעץ אַנפּאַלער אויפן ישוב.

עס ווערט שטיל — — — און רייזעלע דערציילט שטיל פון דאָס לעבן אין קבוץ, ווי די אַרבעט ווערט איינגעטיילט, ווי מען לערנט זיך עברית, ווי די קינדער לעבן בשלום, טראָץ דעם וואָס 90 קינ־דער געפינען זיך דאָרט. און, ניט געקוקט וואָס זיי קומען פון אַ סך פאַרשיידענע לענדער, ווערן זיי אַלע ווי איינס, מחמת די שפּראַך איז איינע פאַר אַלעמען.

די שוועסטערלעך קומען פון רומעניע. זיי האָבן נאָך ניט פאַרלאָרן די האָפענונג צו זען דאָ זייערע עלטערן. שיין איז צו צוזען די לאָ־בעדיקע מלכה; ווען איינע דערציילט עפּעס, קומט גלייך מלכה אַרויס מיט אַ שפּאַסיקער פראַגע, און אַלע לאַכן...

אָבער זי פאַרמאָגט אויך אַ סך ערנסטקייט אין זיך. אָט זאָגט מלכה גאָר ערנסט: „איר ווייסט, קינדער? איך האָב אויסגעפונען, אַז אָנקל לייב איז אין תל אביב. איך האָב שוין זיין אַדרעס. אַזוי גיך ווי איך קען, גיי איך אים זען. אַבי מיר האָבן אַלע געמיינט, אַז ער איז שוין ניטאָ..."

דאָ לאַכט זיך ניט, דאָ פאַרטראַכטן זיך די מיידלעך, יעדע פאַר זיך. קוק זיך צו — רינט אַרויס אַ טרער פון אַן אויג ווען לעבן און טויט ווערן דערמאָנט...

עס ווערט שפּעט. זיי גרייטן זיך „מאַכן־נאַכט". זיי שלאָפן צו צוויי אין אַ בעט.

אין דרויסן איז הימל אויסגעצירט אין ווייסינקע וואָלקנס, ווי בערגלעך שניי. פון ערגעץ צעבילן זיך הינט, שאַקאַלן צעטרויערן

זיך, מישן זיך אויס מיט דעם געוויש פון אַן עראָפּלאַן וואָס לאָזט זיך הערן פון ווייט, — אפשר ווידער אַמאָל אַ באָמבע־וואַרפער !...

אין דערפרי ווערט פאַרגעסן אַז נעכטן איז מען געזעסן פאַר־שפּאַרט, ווייל עס מוז זיין פינצטער. דער טאָג ברענגט מיט זיך פאַר יעדן זיין לעבנס־יאָך ; אַלץ גייט אָן ווי דאָס לעבן פאָדערט. קומט צו צום פאַרנאַכט — וואַרט מען שוין ווידער אויף אַן איינגעשפּאַרטן אָוונט, וואו מען וועט ווידער אַמאָל זיצן צוזאַמען, זיך דערציילן פון אַ סך נעכטנס...

היות מאָרגן איז ערב סוכות, מאַכט מען אַ חשבון פאַר דעם שיינעם יום טוב, וואָס דער לולב מיטן אתרוג באַשיינען אים ביי יידן איבעראַל און אין ישראל בפרט. אָט שנייט מען אויס פון אַ פאַלמען־בוים אַ לולב, אָט פון מיין גאָרטן. די סוכה אין ישראל פאַרנעמט אַ בכבודיקן פלאַץ. גיבן זיך דאָ די קינדער אַ דערמאָן אָן די יום־טובים דאָרט, אין דער אַלטער היים, און בדרך אגב, אָן די, וואָס זיינען אַזוי אַכזריש ברוטאַל אומגעקומען. יענע יידן האָבן דאָך געפייערט די יידישע ימים־טובים מיט התלהבות, און די שארית הפליטה גע־דענקט עס אַזוי דייטלעך. און ווען די קינדער דערציילן פון יום טוב אין דער היים, איז ניטאָ מיט וואָס זיי צו טרייסטן ; אויסער מיט דעם, וואָס זיי איז געלונגען צו קומען אַהער אין ארץ, און אַז דער ליכטיקער טאָג פון גאולת ישראל איז נאָענט. אָבער יעדעס קינד פילט איר אייגן פאַרלוסט, איר אייגן ווייטיק — און אַלע ווייטיקן צוזאַמען איז דער גרויסער חורבן.

דאָס זיינען כמעט די הויפּט שמועסן אין די פינצטערע אָוונטן. מען קען ניט גיין שפּאַצירן אי אַזעלכע נעכט. צי דו ווילסט, צי דו ווילסט ניט — ווידער אַמאָל אַ סירענע. באַלד אַ קראַך פו אַ באָמבע. דאָס מאָל שיסט זייער אַ סך. מען ווייס ניט, נאַטירלעך, וואו דאָס שיסן קומט פאָר אָבער אַז דאָס איז ערגעץ דערנעבן, איז קיין ספק ניט. און עס ווערט ווידער אַמאָל שטיל אַזוי ווי עס וואָלט גאָר ניט פּאַסירט !...

אַ סך איינצלהייטן מוזן אויסגעלאָזט ווערן אויך אין די שורות. נאָר אָט איז אַ זעלטענע געשיכטע. דאָס דערציילט אַ יונגערמאַן פון רומעניע, וואָס מיט אים אַליין האָט פּאַסירט :

מיין נאָמען איז הער מערדער !

„אין אַ געוויסער שטאָט אין רומעניע, ווען די נאַציס האָבן זיך אַהין אַריינגעקליבן, איז גאָר פּלוצלונג אַרוס אַ באַפעל, ווי אין מיטלאַלטער, אַז איינער וואָס פאַלגט ניט אויס דעם געזעץ, איז פאַר דער קלענסטער קליינקייט קומט אים שמייסן. האָט מען געשמיסן

יונגעלייט און עלטערע מענטשן, פאַרשמיסן אַ סך צום טויט. דאָס האָט געהייסן 'אַ ריין דייטשישער געזעץ' וועגן אָפּהיטן דאָס געזעץ, און דער טאַמע קאָמענדאַנט פון דער שטאָט האָט זיך גערופן, מיין נאָמען איז הער מערדער!

אַלע האָבן געציטערט פאַר זיין קוק. 25 שמיץ, אויב איינער האָט עס געקענט אויסהאַלטן, האָט מען אים געלאָזט לעבן.

„מאַכט זיך אַזוי," דערציילט דער יונגערמאַן, „איך בין נאָך געווען יונג דאַמאָלסט, באַגיי איך עפּעס, וואָס 'זיי' האָבן עס אָנגערופן אַ פאַרברעך פון געזעץ — דאַרף איך אויך געשמיסן ווערן. איך דאַרף באַקומען 25 שמיץ. אַ ווײַלע פריער האָט מען אַזוי איינעם פאַרשמיסן אויף טויט... אָבער, געזעץ איז געזעץ. זיי בינדן מיך, לייגן מיך אַוועק און הער מערדער הייסט שמייסן, ווי אַ אויף צום טויט פאַראורטיילטן...

אָבער מיט מיר איז געשען אַ נס. ממש אַ נס. איך האָב מיט צייַן־קריצעניש איבערגעטראָגן די 25 שמיץ און זיך געשטעלט אויף מיינע פיס גלייך נאָך דער ברוטאַלער שטראָף... דאָ איז 'הער מערדער' אַליין איבעראַשט געוואָרן און ער קומט צו צו מיר און פרעגט מיך: — יונגע, ווי איז דאָס מעגלעך אַז דו זאָלסט קענען שטיין אויף דיינע פיס? ווי קענסטו זיך האַלטן אויף זיי? — האָב איך אַ ווײַלע אַ טראַכט־געטאָן און געזאָגט: — אויב דו וועסט מיך ניט באַשטראָפן, וועל איך ענטפערן. — ענטפער, יונגע, איך וועל דיך אַכטן... ענטפער איך: — צוויי זאַכן האָבן מיר געהאָלפן ביישטיין די ליידן פון ווייטיק און שאַנדע: איינס, איז דער ווילן צום לעבן און איבערלעבן די מערדער וואָס פייניקן אונדז אָן אַ פאַרוואָס; דאָס צווייטע, זאָל הער מערדער זען אַז מיין גאָט איז שטאַרקער, אַז ער העלפט דעם געפּאַלענעם זיך אויפהויבן...

„הער מערדער האָט מיט פאַרביסענע ליפּן מיר געגעבן זיין האַנט און דערביי געזאָגט, אַז אַ פאָלק וואָס איז אַזוי אויסגעהאַלטן קען קיין פיינט אים ניט באַזיגן."

„אַט, זאָגט ווייטער דער 'יונגע', בין איך אין ישראל. איך בין אָן הגנה לישראל, און מיר וועלן אויסקעמפן אונדזער לאַנד ביז נצחון."

אַזוי, זעט אויס, איז דער גורל פון פאָלק ישראל, אַז קיין שונא קען אַזאַ בטחון־פאָלק ניט בייקומען. יע, קינדער, עס איז אַ קאַמף ביז נצחון.

ביינאַכט, ביים קליין לעמפּל, נעמען דיך דיינע רעיונות אויף אַ שפּאַציר. דאָ, צווישן די איבערבלייבעכץ פון גיהנום־היטלער. די

וועלט האָט זיך געמאַכט ני־טוויסנדיק און ניט־זעענדיק אויף אַלץ וואָס טייוול־שפּיל האָט מיט אונדז געטאָן. נאָך איצט צו טאָג ווערן די שארית הפליטה געפּייניקט מיט שלעפּן זיי קיין קפריסין, און די וואָס זיצן נאָך ערגעץ אין קעמפּס, לײַדן אומבאַשרײַבלעכע יסורים... דאָ, דאָ באַקומט אַ שטיקל „מושג" וואָס עס איז פאָרגעקומען די לעצטע עטלעכע יאָר, וואָס פאַר אַ ווייטיקדיקע דראַמע עס שפּילט די וועלט מיט ישראל סבא, דעם גרעסטן העלד...

און, בלומען בליען אויך אין ווינטער, ווען שטורעם־רעגן קומט אַרונטער, ווען וואָלקן דעקט הימלען צו און מצב רוח גט קיין רו. זאָל שטורעמען, בײַזערן דער אַרום, דאָך פאַר דײַן אויג בליט די בלום; זאָל קלאַפּן און שטורעמען אַרום אַלע טירן — דער בלום, איר בליאונג עס וועט ניט שטערן. עס האָט זיך פון דערנער אַרויסגעהויבן, אין אייגן כוח עס טוט גלויבן. עס מוז זיך שטאַרק צעבליען. שורש זאָל זיך ציען, — אַזוי באַצירט עס דאָ און דאָרטן, אַזוי בליט און בלומט מײַן גאָרטן. עס שײַנט אַרײַן אין מײַן פענצטער דער מאָרגן־שטערן, איך קען נאָך ניט שלעפּערדיק ווערן, מחמת מײַן פען וויל נאָך שורות וועבן, וואָס יעדער טאָג ברענגט מיט דערפאַרונג אין לעבן — אָט, ווי די, דאָ!

נאָך איינע פון גלות געטריבן:

זי קומט אַהער מיט אַ הינטעלע. זי איז אַ נידעריקע, כמעט אַ פאַרעלטערטע, מיט בלאָנד־ווײַסע צעשויבערטע האָר. דאָס פּנים ווײַס, אַביסל „צעאַקערט", די אויגן טאַנצן בײַ איר, שווער צו אונטערשיידן דעם קאָליר. איר קליידונג אָרעם, אָפּגעריסן, שיך אויף באָרוועסע פיס. זי טראָגט אָן אַלטן שוואַרצן מאַנטל און האַלט צו מיט בײדע הענט דאָס העלפט הינטעלע וואָס שטעקט זיך אַרויס פון איר בוזעם. זי גלעט דאָס הינטעלעס קעפּעלע און שעפּטשעט ליבע־ווערטער ווי צו אַ ליב קינד. דאָס האָט מען זי געשיקט פון בית עולים אַהער, צו אונדז. זי וויל אַרײַנקומען אַהער אין בית החלוצות.

אָבער, אַז מען פרעגט איר וואָס וועט זי טאָן מיטן הינטעלע? דאָ נעמט מען אויף בלויז מענטשן, פאַר הינט האָבן די היימען קיין פּלאַץ ניט!... ענטפערט זי, אַז מיטן הינטעלע וועט זי זיך ניט שיידן. זי איז איינע אַליין, עלנט אין דער גאַנצער וועלט, און דאָס איז איר בעסטער פרײַנט אין לעבן. זי רעדט דײַטש, און העלפט פון די ווער־טער שלינגט זיך. עס איז כמעט שווער צו פאַרשטיין איר לאַנגע געשיכטע. אָבער, אָט איז עס:

זי איז געבליבן פֿאַרשפּאַרט אין לאַגער, נאָך דעם ווי זי איז באַרויבט געוואָרן פֿון אַלץ און אַלעמען. זי איז געוועזן זייער קראַנק. זי קען ניט געדענקען וואָס מיט איר האָט פּאַסירט דורך דער צייט פֿון איר קראַנקהייט. זי ווייס אַפילו ניט ווי זי קומט אַהער. נאָר איין זאַך ווייס זי, אַז זי האָט איר הינטעלע געקאָרמעט מיט אַ פלעשעלע, אַזוי ווי אַ קינד, זי האָט דאָס הינטעלע מיטגענומען וואו מען האָט איר געפירט, און איצט עסט זי אַליין וואָס עס מאַכט זיך, אַבי זי קריגט גוטע שפּייז פֿאַר איר הינטעלע. און וואָס עס זאָל מיט איר ניט פּאַסירן — מיטן הינטעלע וועט זי זיך באַין אופן ניט שיידן!

ווען זי רעדט, קוקט איר דאָס הינטעלע, וואָס, אגב, גייט עס אָנגעטאָן אין אַ סוועדערל, גלייך אין די אויגן אַריין, פּונקט ווי דאָס הינטיש פֿאַרשטאַנד שטעלט צוזאַמען וואָס זיין „מאַמע" דערציילט דאָ. אין מיטן זאָגט זי, אַז זי קומט פֿון ריגע, בוקאַרעסט; שטיינהאַלץ איז איר נאָמען, און זינט עס האָט זיך אָפּגעשטעלט די מלחמה, פֿאָרט זי אַרום. זי קריגט גוטע שפּייז פֿאַר איר הינטעלע. און וואָס עס זאָל מיט איר ניט פּאַסירן איז איר הינטעלע איר איינציקער פריינט אין דער וועלט. דערביי האַלט זי דאָס הינטעלע ווי אַ מאַמע אַ ציטערדיק קינד און טוליעט עס צו איר האַרץ. דערנעבן שטייט אַ קליין רענצעלע, איר פֿאַרמעגן, וואָס זי טראָגט אַרום וואו זי גייט. זי זאָגט אַז קיין זאַכן האָט זי ניט. אין רענצעלע איז מערסטנס זאַכן וואָס זי דאַרף פֿאַר דעם הינטעלע... דער עיקר — זי האָט ניט מער קיינעם אויף דער וועלט אויסער דעם „פריינט"...

גייט זיך אַזוי די וועלט איר געוויינטלעכן גאַנג. עס בייטן זיך די ווינטערס, די זומערס, טעג, נעכט — אַלץ פֿאַרשווינדט אין אייביקן טאָל. עס פֿאַרשווינדט אויך אין אייביקייט אכזרישע, ברוטאַלישע ליידן וואָס מענטש שטייט זיך אויס — אַלץ ווערט אין אייביקייט אַריינגעשלונגען.

עלנדקייט פֿאַר די וואָס זיינען נאָך דאָ, איז, ווי עס זעט זיך אָן, אַן אייביקער באַגלייטער. עס וואָגלט זיך אַ מענטש, ווערט געשליידערט פֿון אָרט צו אָרט און געפינט זעלטן אַ מקום מנוחה. ווער קען האָבן אַנונג פֿון דעם אויסער דער וואָס קומט אין באַרירונג מיט די וואָס שיקזאַל האָט זיי אַזוי באַהאַנדלט. צום ווינציקסטן, אַז איינעם איז געלונגען דורך אַ נס נצול צו ווערן פֿון פריצייטיקן אונטערגאַנג, דאַרף אין זיין עלנדקייט האָט ער עפּעס אין זיך וואָס העלפט אים ווי עס איז אָבער ווען דו קומסט אין באַרירונג מיט אַזאַ עפּיזאָד, ווי אויבן געשילדערט, — וואו נעמט מען אַן ענטפער? ווי קען מען באַהאַנדלען אַזעלכע טראַגעדיעס? און דו באַגעגנסט זיי אויף שריט און טריט...

עס זיינען אָבער אויך דאָ געגנוג פאַלן פון געראַטעוועטע פון אומקום וואָס דאָס לעבן מיינט נאָך עפּעס פאַר זיי...

דערציילט אַ געוועזענער פּאַרטיזאַן פון היטלערס עפּאָכע, אַ מענטש וואָס האָט געפונען אַ קינד, אַ בערעלע ניומאַן, אַ ייִנגעלע פינף יאָר אַלט, וואָס איז געלעגן צווישן זאַנגען קאָרן, באַהאַלטן מיטן פּנים׳ל אַראָפּ, הונגעריק און פאַרפרוירן. דאָס האָט פּאַסירט ערגעץ אַרום מינסק אין יאָר 1944, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די אַריינדרינגונגען פון די נאַציס אין יענעם געגנט. ס׳איז דאָך באַקאַנט ווי זיי, די רוצחים באַנדעס, האָבן געמאָרדעוועט און צעשאָסן פרידלעכע מענטשן; געברענט, געבראָטן, און וואָס ניט. אין אַ שטעטל דאָרטן האָט מען אויסגעשטעלט אַלע יידן צום אויסשיסן. דאָ האָט אויך דער מלאך המות באַוויזן אַז פאַר אים איז ניטאָ קיין אַלט, יונג, מאַמעס, טאַטעס, שוועסטער, ברידער — אַלץ גייט אונטערן רוט פון טויט. און בערעלע ניומאַן פאַלט אויך מיט די צעשאָסענע, נאָר ער, בערעלע, איז ניט טויט. ער אָטעמט אין שרעק, ער ליגט. אַלע ליגן, ליגט ער אויך. אָבער אַ לעבעדיקע „זאַך" מוז זיך רירן. עס איז געוואָרן נאַכט, פינצטער, רירט זיך בערעלע הער און הין, מסתמא דורכגעווייקט אין בלוט. אָבער ער הויבט זיך אויף און לויפט. ער קריכט אויף אַלע פיר פאַר מורא... אַזוי פאַרקריכט ער אין זאַנגען קאָרן. עס ציטערן זיינע קינדערשע גלידער. ער פאַלט אַ מידער און ווערט איינגעשלאָפן. עס איז אָבער בערעלע׳ס גורל צו לעבן בלייבן, האָט ער זיך, אויפֿ־כאַפּנדיק צעוויינט. אַ קינד׳ס הערצעלע, זיכער געווען הונגעריק דער־צו, — הויב זיך דאָס קינד אָן אַרומקוקן, דערהערט טריט. וויינט ער העכער, און נאָך דעם געוויין גייען נאָך די טריט פון דעם וואָס האָט בערעלע׳ן געפונען אין די קאָרן־זאַנגען מיטן פּנים׳ל אַראָפּ.

אַזוי דערציילט דער פּאַרטיזאַן, ווי ער איז צו בערעלע׳ן דער־גאַנגען: הערנדיק אַ קינד אַזוי כליפּן, זוכט ער און זוכט, ביז ער האָט בערעלע׳ן געפונען און אים גלייך אויף זיינע הענט גענומען, אים איינגעוויקלט אין זיין אויסגעטאָגענעם ראָק, און ער פרעגט: „ווער ביזטו, קינד, ווי קומסטו דאָ אַהער?" קאָרטשעט זיך בערעלע פון שרעק און ער ענטפערט: „מען רופט מיך בערל ניומאַן..." מער האָט דאָס קינד ניט גערעדט.

„נעם איך דאָס קינד," דערציילט ווייטער דער ייִד, „טוליע אים צו צו מיין האַרצן. איך פריי זיך וואָס איך האָב אַזאַ זכיה צו ראַטעווען אַ נפש פון טויט. איך שפּאַן און שפּאַן, זיך פרייענדיק, ביז איך קום אין „אונדזער" וואַלד. — ברידער, איך ברענג אַ מתנה, דער מלאך המות האָט פאַרזען און איבערגעלאָזט אַ קינד לעבן. אפשר

אַן איינציק פון אַ גאַנצער שטאָט, ווער ווייס? אפשר אַן איינציקן זון פון אַ משפּחה, אַ זכר פון אַ דור וואָס איז אַזוי גרויזאַם אומגעקומען.״

און דער פּאַרטיזאַן האָט דאָס קינד פּאַר זיך אַלס זון גענומען. זיך געמאַטערט מיט אים, אַרומגעוואָגלט, ביז ס׳איז געקומען די ענדע פון דער מלחמה, דאַן האָט ער זיך דערוואוסט אַז פון יענער שטעטל פון וואַנען בערעלע ניומאַן שטאַמט, איז קיין איינער ניט לעבן גע־בליבן...

„איך און מיין בערעלע,״ דערציילט ווייטער דער פּאַרטיזאַן, „הויבן זיך אַן ציען מיט דער שארית הפליטה קיין ארץ ישראל. בין איך מיט מיין בערעלען אויך אַהער געפאָרן. געהאַט דעם מזל צו זיצן עטלע־כע מאָנאַטן אין קפּריסין... דאָ אין ארץ ישראל זיינען מיר שוין איבער אַ יאָר צייט. מיין בערעלע לעבט אין אַ קבוץ. ער איז 11 יאָר אַלט. לערנט זיך פיין, וועט זיין אַ גוטער זון פאַרן לאַנד — אַ זכר פון אַ דור!״

די דערציילונג האָט די שרייבערין פון די שורות אויסגעהערט מוצאי חג הסוכות תש״ט, אין פּתח תקוה. איך גיב עס איבער ווי עס איז דערציילט געוואָרן. עס דאַרף ניט פאַרלאָרן גיין אַזאַ זכר לחורבן...

עס דערלאָזט ניט דאָס האַרץ ניט אויסצוועבן אייניקע לידער־פערזן. מיינע מיידלעך זינגען זיי:

די מאַראַנצן פון די בוימער אָפּגעשניטן,
הויבט עס אָן אויף ס׳ניי צו בליען.
שמעקט די לופט מיטן נייעם פרילינג,
וואַרפט די זון איר גאָלד אַרום,
גרינט דער וואַלד, עס בליט די בלום.

דער גערטנער אין זיין גאָרטן
אַקערט די ערד, זייט, פלאַנצט —
עס וואַקסן קינדערלעך, געמישט מיט הינדעלעך,
עס דרייט זיך אַלץ אין געדראַנג,
עס בליט, עס וואַקסט, עס גייט אַ גאַנג. —

די אַרבעט שווער און פיל,
זומער־טעג — הייס און לאַנג;
עס רינט דער שווייס אַרונטער —
מאַכסטו זיך ניט וויסן —
מען דאַרף דעם גאָרטן נאָך באַגיסן.

אַך, די ערד, מאַמע ערד —
דאָס איז דאָס טייערסטע אין לעבן;
פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין נאַכט
זאָל דער שווייס זיך גיסן, גיסן,
דו, אָבער, מאַך זיך ניט וויסן!

פּתח תקוה, תש״ט

קאַפּיטל 12

מעשה שהיה כך היה. היינט איז דערליידיקט געוואָרן אַן ענין פון גרויס וויכטיקייט.

איינע פון די נייע אָנגעקומענע מיידלעך, פּאַליאַ, וואָס קומט פון פּוילן, איז געוואָרן ניט געזונט. געלעגן אין בעט אונטערן דאָקטאָר׳ס אויפזיכט, ביז דער דאָקטאָר געפינט אויס אַז זי ליידט אויף לונגען־אָנ־צינדונג. מען מוז איר נעמען אין האָספּיטאַל, און אַזוי ווי „בית חולים ביילנסאָן״ איז ניט ווייט פון פּתח תקוה, ווערט דורכגעפירט די גאַנצע פּראָצעדורע מיטן דאָקטאָרס צושטימונג און אונדזער פּאַליאַ ליגט שוין אין שפּיטאָל ביילנסאָן. ווי דער שטייגער, האָפט מען אַז באַלד וועט זי געזונט ווערן און קומען צוריק אַהער אין בית החלוצות אין איר צייטוויליקער היים. אָבער ניט אימער פירט זיך אויס ווי מען וויל.

הכלל, פּאַליאַ ליגט אָפּ אַ פּאָר וואָכן מיט נאָך אַ וואָך, און עס גייט אָן לאַנגזאַם איר געזונט־ווערן. ביז די דאָקטוירים אונטערזוכן איר נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל. פּאַליאַ האָט ווידער אַמאָל אַביסל טעמפּעראַטורע און נאָך סימנים אַז עפּעס איז ניט זייער „פויגלדיק״ מיט אונדזער מיידל. נעמען זיך די דאָקטוירים ווידער אַמאָל צו דער אַרבעט. באַטראַכטן די אורזאַכע פון דער מיידלס פּאַרציאונג פון איר קראַנקהייט, ביז מען דערזעט אַז פּאַליאַ איז קראַנק אויף די לונגען און שוין פון אַ צייט פריער, איידער זי איז דאָס מאָל קראַנק געוואָרן. מען מוז דער מיידל שיקן אין אַ סאַנאַטאָריום. דאָס איז איצט ניט קיין נייע דערשיינונג אין ארץ ישראל. נאָר דער אומגליק איז, וואָס עס איז נאָך ניטאָ גענוג פּלאַץ פאַר אַלע וואָס קומען אָן אין לאַנד אין אַזאַ פיזישן מצב.

אָבער דאָ איז אַביסל אַנדערש, ווייל דער האָספּיטאַל וואו דאָס מיידל געפינט זיך, קען אַזעלכע קראַנקע ניט האַלטן.

רופט אָפּ דער דאָקטער דעם בית החלוצות אַז היינט, דווקא היינט מוז מען דער מיידל נעמען צו אַ סאַנאַטאָריום. די מיידל — אַ נייע אין לאַנד איז נאָך ערגעץ ניט צוגעשריבן. די „מנהלת״, די פירערין הייסט עס, פון בית החלוצות, איז היינט זייער פאַרנומען, און נעם שריי „גוואַלד, וואו נעמט מען אַן עצה?״ קומט מיין וויניקייט גראָד אָן אין „משרד״ (אָפיס) און זעט וואָס עס קומט פאָר. זאָג איך אַז אפשר קען

איך דורכפירן די אַרבעט. בלייבט, אַז איך נעם זיך אונטער, אַז עס זאָל מעגלעך זיין היינט אַרויסנעמען דער מיידל פון „בית חולים״. דאָ איז שוין באַלד מיטאָג צייט. הכלל, מען רופט אַ טעקסי און איך באַקום אַלע אינפאָרמאַציעס, מיין טעקסי־מאַן ,וואָס איז שוין פון לאַנג באַקאַנט מיט מיין ווייניקייט, מחמת עס איז שוין מסתמא מיר אויסגעקומען צו פאָרן מיט אים אַ סך מאָל. — בן ציון, — זאָג איך, — צום בת חולים ביילנסאָן. — איך דערצייל אים וואָס איך דאַרף דאָ דורכפירן. זאָגט ער: „צפורה, דאָס איז אַ שווערער ענין אין ישראל. איצט איז ניטאָ וואו אויפצונעמען אַזעלכע קראַנקע.״ — ווערט מיר אַביסל קאַלעמוטנע אויף דער נשמה. אָבער, מילא, מען וועט פּרובירן מזל... קומט מען צו צום בית חולים. „בן ציון,״ זאָגט איך צו מיין טעקסי־מאַן, „וואַרט דאָ אויף מיר.״

איך וואָלט געדאַרפט אָנשרייבן עטלעכע לאַנגע בלעטלעך צו שיל־דערן די גאַנצע פּראָצעדורע צו פאַרווירקלעכן מיין אויפגאַבע. איך האָב געדאַרפט פריער זען פאַליאַ׳ס דאָקטאָר און באַקומען פון אים אַ בריוו צו דעם דאָקטאָר וואָס דאַרף געבן די דערלויבעניש אַריינ־צונעמען דער קראַנקער אין נייעם סאַנאַטאָריום וואָס בויט זיך אין בני בריק א. אז. וו., א. אז. וו. אָבער ניט צו באַלעסטיקן מיין שוואַכן טאַלאַנט, וועל איך בלויז צוגעבן אַז איך האָב עטלעכע מאָל געדאַרפט אַרויפגיין דריי פלאָר בלויז צו פאַליאַ׳ס צימער. איך האָב איר גע־דאַרפט צוגרייטן צו דעם פאַקט, אַז זי גייט ניט צוריק אין בית החלוצות נאָר זי גייט אין אַ סאַנאַטאָריום. קורץ, איך שטיי שוין ווידער אַמאָלביים טעקסי, מיט אַלע פּאַפּירן, בריוו און בריוולעך שוין אַ שעה שפּעטער. „איצט קיין תל אביב,״ זאָג איך צו בן ציון, „רחוב עליה, צו דר. ישראל, און מאַך עס שנעל, מחמת די־און־די שעה טרעפט מען שוין ניט דעם דאָקטאָר. ער האָט זיינע שעה׳ען וואָס ער נעמט צו באַזוכער, און מער ניט.״

יאָגט זיך מיין טעקסי צווישן אויטאָבאָסעס, אויטאָס און משאַ־אויטאָמאָבילן, וואָס יאָגן זיך ווי טייוואָלים וואָלטן זיי געטריבן... און גראָד איצט פירט מען צו ביילינאָסן האָספּיטאַל אַ טויטן, וואָס אַ דזשיפּ האָט אים איבערגעפאָרן ווען ער איז געפאָרן אויף אַ בייסיקל. דער 47־יאָריקער מאַן איז אַ פאַל געטאָן און מער ניט אויפגעשטאַנען.

און אָט דעם יונגנמאַן מיט די צעקאַליעטשעטע הענט און קאָפּ, וואָס מען האָט געפונען ליגן באַוואוסטלאָז אויפן וועג, וואָס איז נאָר וואָס געבראַכט געוואָרן צו ביילינסאָן — דו, דו אַליין האָסט דאָס נאָר וואָס געזען, — לויפט דורך אין דער מחשבה איינס איבערן צווייטן.

אויסטרומצקי שמואל. ער איז ניצל געוואָרן פון די נאַציס.

עס מאַכט אַפילו פאַרגעסן צו באַוואונדערן דעם בלויען פראַכטפולן הימל איבער דיר...

אָט איז תל אביב, די רוישיקע שטאָט מיט אירע אָנגעפילטע גאַסן. מענטשן, אויטאָס, דזשיפּס, בייסיקלעך, שטופּ־וועגענער — אַלץ שטופּט זיך איינס אין צווייטן. פאַרטשעפּעט זיך ווער און פאַלט? — גלייך שטעלט זיך אַרום אַ רעדמל מענטשן. איינער פרעגט ביים צווייטן, — וואָס האָט פּאַסירט ? וואָס איז געשען ? — שטופּט זיך מיין טעקסי אויך דורך אין די ענגע גאַסן. אָט שטעלט זיך מיין טעקסי אָפּ. מען קען ווייטער ניט פאָרן. מען מוז גיין צופוס. גייט מען אַהער, גייט מען אַהין, ביז מען געפינט אויס, אַז אָט דאָ דאַרף מען קלינגען. גיי איך אַריין. אַ משרד, אַ פּאָר מיידלעך קלאַפּן אויף שרייב־מאַשינקעס. — שלום, — שלום. פרעגט אַ מיידל וואָס דאַרף איך? איך: — אַזוי און אַזוי... — ענטפערט די מיידל, גלייכגילטיק קאַלט. הפּנים, לויט ווי זי איז געוואוינט צו ענטפערן, אַז היינט קען איך דעם דאָקטאר מער ניט זען ביז מאָרגן פרי ניין אַזייגער, איך בין צו שפּעט געקומען. — ניט מעגלעך, — ענטפער איך, — איך מוז זען דעם דאקטאר גלייך. עס האַנדלט זיך וועגן אַרויסנעמען אַ חולה פון בית חולים. — זעט אויס פון אויפרעגונג האָב איך גערעדט אַביסל העכער. איז פונקט ווען איך טענה אַזוי עפנט זיך אַ טיר און דר. ישראלי דערשיינט מיט אָנגעשטעלטע אויגן, קענטיק אַביסל אין כעס, און פרעגט וואָס דאָ טוט זיך. — הער דאקטאר, — ווענד איך זיך גלייך צו אים, — כן. — איך דערלאַנג אים אַלע פּאַפּירן מיט די בריוו און גיב בלויז צו אַז לויטן פאַרלאַנג פון ביילנסאָן „בית חולים” מוז די מיידל היינט אַרויסגענומען ווערן פון דאָרטן.

דער דאקטאר איז אין כעס. איך רייד מיר מיינס: „ניין, איך בין ניט דער קראַנקערס מאַמע, איך בין די „מאַמע” פון בית החלוצות, און קום פון פּתח תקוה, און מיין טעקסי וואַרט אויף מיר, עס מוז זאָפאָרט דערליידיקט ווערן די זאַך...

מילא, אַ וואָרט אַהער, אַ וואָרט אַהין, אַ מענטש איז דאָך קיין גזלן ניט בפרט אַ דאקטאר... נאָך אַביסל דינגעניש הייסט ער מיר וואַרטן און ער גייט אַריין צוריק אין זיין צימער מיט איינע פון די מיידלעך. אין אַ ווײַלע אַרום רופט מען מיר אַריין. איך דאַרף געבן נאָך אינפאָרמאַציע, און איך באַקום אַ בריוו צום סאַנאַטאָריום. איך דאַרף בלויז נאָך וואַרטן ביז איינע פון די מיידלעך קלאַפּט אויס אַ בריוו אויף דער שרייב־מאַשינקע. דאָס האָט געדויערט לענגער ווי דידאָזיקע שורות שרייבן זיך. און אָט גייט שוין די מיידל אַריין צוריק אין דאָקטאָר׳ס צימער, און קומט אַרויס מיט אַ בריוו אין האַנט, ווי

אויך דער דאקטאר אַליין שטייט אין טיר. ער דערלאנגט מיר די האַנט מיט אַ שלום און גיט צו „עשית טוב מאוד” — ס׳הייסט — דו האָסט זייער גוט געהאַנדלט!

איך קען נאָך צוגעבן נאָך אַ שורה, אָבער ניט דאָס בין איך אויסן. איך האַלט דעם געוואונשטן בריוו אין מיינע הענט.

מיין טעקסי וואַרט, אַ ברירה האָט ער? מיין טעקסי־מאַן, בן ציון, זאָגט צו מיר(: — נו? וואו האַלט עס? — אָט, — זאָג איך מיט טריאומף, — מיר פאָרן נעמען די מיידל אין סאנאטאָריום, גלייך צו ביילנסאָן!

קומט מען צוריק צום בית חולים ביילנסאָן. — וואַרט, — זאָג איך צו מיין טעקסי־מאַן, — אויב מען דאַרף איר נעמען אין אַן אַמבולאַנס, וועל איך דיר באַלד לאָזן וויסן; נאָר אויב מען קען איר נעמען אין טעקסי, זאָלסטו וואַרטן.

בן ציון וואַרט. און אָט בין איך צוריק אויפן דריטן פלאָר ביי מיין מיידל אין צימער. איך גיב איר אירע זאַכן, העלף איר זיך אָנ־טאָן. פּאָליאַ איז זייער צופרידן. אַ שיין מיידל איז זי. די בעקעלעך פלאַמען מחמת איר צושטאַנד אין געזונט, נאָר ווען איך לאָז איר וויסן אַז איך נעם איר ניט אַהיים נאָר אין אַ „בית הבראה”, — וואו דו, מיין ליבע, וועסט זיך ערהאָלן און דאַן קומסטו צו אונדז צוריק געזונט.

איך גיי שוין ווידער אַמאָל אין די משרדים, דערליידיקן אַז איך נעם אַרויס די מיידל פון דאַנען. נאָך אַ פּאָר מאָל לויפן הין־און־הער, איז אָט זעגנט זיך פּאָליאַ מיט אירע נייע באַקאַנטע און דאָס מאָל גיי איך ניט קיין שטיגן, מחמת מען נעמט אונדז אַרונטער מיטן „ציער”— עלעוויטאָר — הייסט עס.

אין דרויסן, צום טעקסי, פירט דער מיידל צו אַ נוירס. רעדט צו איר זייער פריינטלעך און ווען מיר זיצן אין טעקסי, איז די מיידל פריילעך. זי זאָגט: וואָס וואָלט איך געטאָן, ווען איך געפין זיך ניט צווישן אַזעלכע גוטע מענטשן?

צוואַנציק מינוט שפּעטער קומען מיר צו אין נייעם בית החולים המרכזי בני ברק. אַזאַ בנין קען זיך ניט שעמען שטיין אין דער שענסטער שטאָט אין אַמעריקע.

דאָס בילדינג איז נאָך ניט אויסגעענדיקט, איז שווער צו פאָרן, אָבער איך גיי שוין אַרויף צום משרד איבערגעבן מיינע פּאָרמאַציע.

איידער איך זע זיך אַרום, מען פירט שוין מיין מיידל אין אַ זיץ־שטול. מען פירט איר אַריין אין אַ צימער, וואו עס ליגן אַ פּאָר קראַנקע. דאָס ווייסקייט אין צימער פאַרבלענדט די אויגן. די גוטע קראַנקן־

שוועסטער נעמט אויף מיט העפלעכקייט. דער הויז־דאָקטאָר גיט צו מוט מיט זיין שמייכלען און ליבע ווערטער און מיין בן ציון וואַרט שוין נאָך אַמאָל אויף מיר. דאָס מאָל איז ער דאָ אין משרד. אויך ער איז דאָ גוט באַקאַנט. איבערגעגעבן מיין מיידל אין גוטע הענט — פאָרן מיר שוין צוריק צום בית החלוצות אין פתח תקוה. מיר קומען אָן שוין גאָר פאַרנאַכט. אויסגעמאַטערט — אָבער צופרידן מיטן דער־פאָלג. אין עטלעכע שעה דערליידיקט אַן ענין פון גרויס ווערט, פון גרויס וויכטיקייט.

ווידער רוקט זיך די זון אַרונטער אין מעריב־זייט. דער האָרי־זאָנט צינדט זיך שוין ווידער אַמאָל אין פאַרבן וואָס דער גרעסטער מאָלער אין דער וועלט וועט עס ניט קענען נאָכמאָלן. דער טאָג האָט מיט זיך פאַרנומען שטיקער פון לעבן. אויב אין פאַסירונג איז פאַר־צייכנט, מיינט עס נאָך ניט אַז אַלץ איז באַוואוסט, — זיכער זיינען מערערע פאַסירונגען אויסגעלאָזט געוואָרן. דער טאָג פאַרשווינדט, גלייך ווי עס וואָלט גאָרניט פאַסירט!

נאָך אַזאַ טאָג ווי אויבן געשילדערט:

קומט אָן נאַכט. נאָך אַזאַ טאָג
פלעכט זיך מחשבות איינס אין צווייטן:
אָט דערמאָנט זיך אַז
דו האָסט אַליין געזען יענעם טויטן.

אַ מענטש... דו האָסט אים ניט געקענט.
באַקאַנט אָבער איז ער אין זיין סביבה,
אַרויס פון שטוב, איז ער, ווי תמיד,
זיך באַלד אומצוקערן צו זיינע ליבע.

האָט דער טויט אים נאָכגעיאָגט
ביז געכאַפּט אין מיטן וועג... —
מאַטערן איצט מחשבות, רעיונות,
אַז דו ווייסט ניט וואָס עס ברענגען טעג...

לבנה, שטערן צעפינקלען זיך,
ווינטן שטורעמען דיך אַנטקעגן,
שטורעמען פראַגעס אין מחשבה —
ביי וועמען קענסטו זיי פרעגן?

דרייסטו זיך אויף דיין געלעגער
אין אַ נאַכט שוואַרץ און לאַנג;
אַזוי קומט אָן דיין יעדער טאָג,
און דו דרייסט זיך ווידער אין געדראַנג.

און ווען דו באַגעגענסט נאָר,
אַ באַקאַנטן צי אַ פריינט —
נעם אויף קאַלט אַלע פּלענער,
ווייל עס ווערט פאַרשוואונדן מיטן היינט...

אָט, און עס דערמאָנט דיר זאַכן
אַזש דיין האַרץ ווערט אַנגעצונדן —
אַזוי זיינען מענטשנס טעג:
אָט געווען, אָט פאַרשוואונדן!...

ווי דער שטייגער אין לעבן, ריכט מען זיך ווידער אַמאָל אויף אַ חתונה אין בית החלוצות. דאָס מאָל איז עס אַ פריילעכע חתונה, מחמת אַ וואָך פאַר דער חתונה קומען אָן אומדערוואַרטעט דער כלה׳ס עלטערן פון רומעניע צוזאַמען מיט צוויי ברידער וואָס וועלן זיך זייער אַריינפּאַסן אין ישראל — יינגלעך, וואָס זיינען זייער ענער־גיש און ווייסן אַז מען וועט זיך קענען פאַרלאָזן אויף זיי אין צייט פון פאַרטיידיקונג פון דאָס לאַנד. איז איצט אַ פריילעכע אַטמאָספערע אין אונדזער ווינקל. זאָל נאָר זיין אַ לאַנגער וואָפן־שטילשטאַנד.

מיין רחל, די כלה, שיינט פון גליק. און פאַרוואָס ניט? אַ חתן נעמט זי אַ פיינעם בחור, אַ לאַנדסמאַן, נאָך אפשר אָן אַלטע ליבע אויך. און די מיידלעך מיינע גרייטן זיך ווידער אַמאָל צו אַ חבר׳טעס חתונה. ערשטנס זעט אַ מיידל אַז אירע האָר זאָל זיין פיין פריזירט, עס זאָל פּאַסן צום פּנים; נאָך דעם קומט די שיינע קלייד וואָס עס זאָל זיך צופּאַסן ווי עס פּאָדערט זיך. און וואָס וועגן פיינע שיך? און וואָס מיט קויפן אַ מתנה דער כלה? — מאַכן די מיידלעך זיצונגען און עס איז פריילעך אין שטעטל.

היינט קום גיב אַ קוק וואָס עס טוט זיך אין קיך? מיין לילינקע מאַכט שוין אירע פּלענער, אַז פאַר אַזאַ חתונה דאַרף מען זען עס זאָל זיין אַלץ אויף אַ פיינעם אופן. און ווייסט איר, אַז אַלע פּראָדוקטן פאַר אַ חתונה קומט אָן ניט גרינג צו באַקומען, מחמת אַלץ איז דאָך „גערעישאָנט״; קלייבט מען צוזאַמען אַלע „רעישאָן״־קאַרטן ביי אַלע

מיידלעך, דאָס הייסט יעדע מיידל דערלויבט אַז די פּראָדוקטן וואָס זי דאַרף קריגן, זאָל זיין אַ ביישטייערונג פאַר דער חתונה.

נאָר אין ישראל קען מען אַזעלכעס זען. עס גלויבט זיך ניט, צי מען קען געפינען נאָך אַ לאַנד אין צוגלייך, אַז אַלע זאָלן נאָר טראַכטן וועגן די וואָס קומען אַריין, און מיט צופרידנקייט אָפּגעבן, זיך טיילן מיט וואָס נאָר מען פאַרמאָגט...

„עס קלינגט מיר נאָך אין מיינע אויערן דאָס זינגען און טאַנצן און די קאַראַהאָדן אויף רחל'ס חתונה", אַזוי ריידן די מיידלעך צווישן זיך קורץ נאָך דער חתונה. „זאָג נאָר, ווי איז דיר געפעלן דער כלה'ס מאַמע? האָסטו זיך גוט צוגעקוקט צו איר ווי שיין און יונג זי זעט אויס?" „איך זאָג דיר דעם אמת," זאָגט אַ צווייט מיידל, „אַז ווען מען שטעלט זי מיר ניט פאָר, וואָלט איך זיכער דענקען אַז דאָס איז דער כלה רחל'ס אַ שוועסטער. אַזוי יונג, אַזאַ שטימע צום זינגען. ווען מיר האָבן אַלע געזונגען אַרום טיש דאָרט זיצנדיק, האָט איר שטימע זיך געהערט איבער אַלעמענס. און ווי אויסגעפּוצט זי איז געווען? און אירע הענט — אַלבאַסטער־ווייס, ווי זי וואָלט איר גאַנץ לעבן געזעסן אין אַ מלוכה־שטול... צו באַוואונדערן, כ'לעבן!"

„האָט איר קינדער, אָבער צו דער זעלבער צייט, אַ קוק געטאָן אויף דער כלה'ס פאָטער, ווי ער זעט אויס?" זאָגט אַן אַנדער מיידל פון דער געזעלשאַפט. „אַ קאָנטראַסט ווי טאָג צו נאַכט, אַ נידריק־געוויקסיק מענטש, מיט אַ פאַרקנייטשטן, פאַרזאָרגטן פּנים. דו קענסט אַראָפּלייענען פון זיין גאַנצן האַלטן זיך, אַז דער מענטש האָט שוין דורכגעשוואומען ניט איין שטורעמדיקע כוואַליע. די איבערגעלעבטע וואַנדערונגען האָבן זיך אויסגעקריצט אויף זיין צעאַקערטן פּנים. אָבער," זאָגט ווידער אַמאָל די מיידל וואָס רעדט מיט וואונדער וועגן דער מחותנות'טע, „קוק אָן דעם מענטש, וואו איז אַ סימן אויף איר פון שלעכטע איבערלעבונגען? עס איז אַ רעטעניש פּשוט." „איך ווייס," זאָגט שוין אַ דריטע מיידל, „דער סוד פון דער פרוי'ס רואיקייט זיינען אירע צוויי זין, וואָס קוקן איר נאָר אין די אויגן אַריין אַז אויף זייער מאַמע'ן זאָל קיין שפּרינקעלע ני טפאַלן. זיי, די בחורים, האָבן עס זייער מאַמע אויסגעהיט, אַז זי זאָל אויסזען ווי זי זעט אויס." „יע, עס זעט אַזוי אויס," זיינען אַלע מסכים. אגב האָט זי נחת אויך פון רחל'ען, זעט קינדער וואָס פאַר אַ טייערן בחור זי נעמט! שוין אַ וואוינונג צוגעגרייט, ניט נאָר פאַר זיך, אויך פאַר די עלטערן, און ער, ווי רופט מען אים, יוסף, ער אַרבעט ביי בנין, און נעמט גלייך צו די ברידער צו דער אַרבעט, און דער פאָטער וועט שוין מסתמא

איך ניט פאַרלאָרן גיין... דער עיקר, זיי זיינען צוזאַמען, ניט קיין צעריסענע משפחה..."

אַזוי פאַרגרעסערט זיך אין ישראל די יידישע באַפעלקערונג...

אַזוי טאַנצט זיך אין מדינת ישראל. אַזוי זינגט זיך אין מדינת ישראל, און עס איז שוין פיל מאָל באַוויזן געוואָרן, דאָס אַ פאָלק וואָס זינגט און טאַנצט גייט ניט אונטער... ישראל, זיי מונטער!

דאָ איז דיין שטוב, — זאָגט ישראל, גיי דאָ אַריין דו וועסט ביי מיר אַ גוטער גאַסט זיין...

עס דערנענטערט זיך די צייט ווען מיין וויניקייט קומט אויס, צו מיין גרויס באַדויערן, פאַרלאָזן ישראל. איך האָף ניט אויף לאַנג. אָבער אַזוי מוז דאָס וואַרשיינלעך זיין. אַ מענטש קען מאַכן פלענער און זיי ווערן צעשטערט... און מיין וויניקייט טראָגט זיך אַרום מיט אייגענע מחשבות, ניט וויסנדיק ווי אַזוי געבן צו וויסן אַז איך פאַר־לאָז מיינע מיידלעך נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך אַזוי איינגעלעבט... פשוט יעדע פון די קינדער דאָ האָט זיך אין מיין האַרץ אַריינגעקריצט, זיי וועלן אַלע ניט פאַרגעסן ווערן אין מיין בענקען נאָך זיי...

והמעשה הזה היה ככה:

אַז עס קומט אויס צו פאַרלאָזן ישראל — און דאָס איז שוין צום דריטן מאָל — איז שווער זיך שיידן מיט פריינט.

דאָס מאָל קומט עס מיר אָן נאָך שווערער ווי אַלע מאָל. ערשטנס, דאַרף איך זיך שיידן, ווי שוין באַמערקט, מיט מיינע מיידלעך, וואָס אַ סך פון זיי זיינען געשילדערט געוואָרן אין די בלעטלעך; צווייטנס, און דאָס, אגב, שטייגט איבער מיינע שוועריקייטן, זיך שיידן פון מיין שמואל'ן. ער, מיין שוועסטער'ס אייניקל, אַ זוכר פון מיין משפחה, וואָס איך האָב געהאַט אַזאַ זכיה אים אויסצוגעפינען אין ישראל אָן פאַרויס צו וויסן אַז איינער פון מיין משפחה, אַ זוכר פון חורבן, איז נצל געוואָרן דורך נסים, ווי אייניקע פון שארית הפליטה. מיין וויני־קייט ווינשט אָפט צו געפינען די פאַסיקע ווערטער צו קענען שילדערן ווי אַזוי דאָס האָט פאַסירט. איז אָט וואָס שמואל אַליין דערציילט:

„אין בוטען, אַ קליין שטעטעלע ניט ווייט פון סלאָנים, גראָדנער געגנט, וואו יידן האָבן געלעבט דורות לאַנג, זיינען אַהין אויך אַריין די נאַציס, פאַרשקלאַפט די יידן דאָרט אויף צוואַנג־אַרבעט. אָבער לאַנג האָט עס ניט געדויערט, מחמת אין איין שיינעם פרימאָרגן, האָט מען געגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע, יידן קליין און גרויס, זאָלן זיך פאַר־זאַמלען אויף איין אָרט. ניט ווייט פון שטעטל, וואו יידן האָבן שוין

געגראָבן אַ לאַנגע גרוב. האָט מען אַלעמען אויסגעשטעלט אין שורות, בערך 2000 מענטשן, און דעם מיין טאַטן מיט מיין קליין ברודערל פון 12 יאָר. איך בין געווען 14 יאָר אַלט. האַלט מיין טאַטע מיך ביי אַ האַנט, מיין קלענערן ברודער האַלט ער אין צווייטן זייט פאַר דער האַנט.״ זאָגט שמואל, „איך האָב באַין אופן ביי זיך ניט געקענט משלים זיין מיטן געדאַנק צו שטיין און וואַרטן מען זאָל מיך שיסן און זאָל מיט אַלע געשאָסענע אַהער, אין גרוב, אַריינפאַלן ווי אַ גע־שאָכטענער אָקס... ׳ניט אונטערגעבן׳, האָט צו מיר געשריען מיין „אינווייניק״. האָב איך זיך אַ ריס געטאָן פון מיין טאַטאַנ׳ס האַנט און בין געלאָפן צום וועלדל, ניט ווייט פון דאַנען. נאָך קינדער זיינען אויך געלאָפן. מען האָט נאָך אונדז געשאָסן, אָבער מיר מיט נאָך אַ פּאָר איז געלונגען פאַרלויפן ווייט, וואו די שיסעריי האָט זיך שוין ניט געקענט הערן...

„איך האָב זיך אויסגעבאַהאַלטן אין וואַלד ,געבלאָנדזשעט וויי־טער, טיפער, און צום גליק אָנגעטראָפן אַז דאָ לעבן שוין אַ לענגערע צייט פּאַרטיזאַנער.״

צו 14 יאָר ווערט מיין שמואל אַ פּאַרטיזאַן. קנאַפּע צוויי יאָר איז שמואל אַ פּאַרטיזאַן. ער שילדערט אָפּט בלויז קורצע עפּיזאָדן פון זיין פּאַרטיזאַנער לעבן:

נאָך די קאַרגע צוויי יאָר, שלעפּט מען זיך איבער וועלדער, שטעט און דערפער, וואו מען קען באַקומען שפּייז, וואָס עס איז קיינמאָל ניט צופיל געלונגען. ווען עס שטעלט זיך אָפּ די מלחמה געלינגט שמואל׳ן קומען קיין איטאַליע. דאָרט לעבט ער ווידער אַמאָל צוויי יאָר. עס ציט אים צו ישראל. ער האָט געקענט קומען קיין אַמעריקע. „אָבער צו וואָס?״ זאָגט שמואל, „בין איך דאָך ווידער אַמאָל אין דער פרעמד. אָבער דאָ, אין ישראל, בין איך דאָך אַ היימיער מענטש.״ די ענגלענדער זיינען נאָך געווען די „שומרי ישראל״, איז ווידער אַמאָל דאָס אייגענע — מען פאָרט שוין מיט אַ שיף קיין ארץ־ישראל, און אָט זעט זיך שוין לאַנד. פרייט מען זיך, אָבער די שונאים לאָזן זיך לאַנג ניט פרייען דעם געפּלאָגטן קינד, די פרייד ווערט געשטערט: ביים חיפה־פּאָרט קומען אַרויף די מחבלים, די ענגלענדער, מען טרייבט, מען שפּאַרט זיי אַריין אין אַן אַנדער שיף, וואָס פירט קיין קפּריסין.

„מומינקע,״ זאָגט שמואל, „דאָס בילד פון אַרונטערנעמען די מענטשן אויפן חיפה־ברעג פון איין שיף אין דער צווייטער, האָט זיך איינגעקריצט אין מוח אויף אייביק צו געדענקען.״

פון קפּריסין, וואו שמואל איז אָפּגעזעסן 9 מאָנאַטן, פון יענעם לעבן רעדט ניט מיין קינד. „צו וואָס?״ זאָגט שמואל, „עס וועט דען גרינגער

ווערן אַז מען וועט דערציילן דאָס אומגלויבלעכע?" קומט אָן שמואל קיין ארץ ישראל ווען דאָס לאַנד שטייט אין קאַמף מיט די שונאים; איז שמואל אויך אַ קעמפער. נאָך דעם איז ער געוואָרן „חיל", נאַטיר־לעך אַריין אין צבא ישראל.

אַ יאָר צייט האָב איך זיך אָפט געזען מיט מיין שמואל'ן. ער איז צו מיר געקומען ווען נאָר ער האָט געהאַט אַ געלעגנהייט.

ער האָט זיך זייער געפרייט מיט זיין מומע'ן, וועלכע מאַכט אים פילן אַז ער איז נאָך ניט קיין גאַנץ עלנטער. אָפט קען שמואל אַ זאָג טאָן: „מומינקע, מיר איז אַזוי גוט מיט אייך, איר ווייטס אונדזער גאַנצע משפחה־היסטאָריע... (שמואל'ס מאַמע האָב איך נאָך אין אייראָפּע אויף מיינע הענט געהאַלטן ביי מיין שוועסטער אין שטוב).

אָט מיט דעם שמואל איז מיר אַזוי שווער זיך צו געזעגענען. טראַץ דעם וואָס מיין געדאַנק איז זיך אומקערן צוריק קיין ישראל און דאָרטן פייערן יערלעך דעם חג יום העצמאות אין אַ פרייער מדינת ישראל, דאָך איז מיר לעת־עתה זייער אומעטיק אויף דער נשמה. אָבער אַזוי איז הפנים דאָס לעבן...

איצט, פאַר מיין אָפּפאָרן, זע איך זיך מיט שמואל'ן אָפטער, טראָץ דעם וואָס ער איז אַ חיל. יעדן מאָל וואָס מיר טרעפן זיך דערציילט ער מיר ווי עס פרייט אים וואָס ער איז אַ טייל פון ישראל, אַ טייל פון די, וואָס האָבן מיט בלוט אויסגעקעמפט דאָס לאַנד — אַ זיג איבער די שונאים למרות. אמת, קיין פולער שלום איז נאָך ביז איצט ניט געשלאָסן געוואָרן, אָבער עס איז דאָ האָפענונג, אַז ישראל, וואָס האָט שוין אַזוי פיל דערגרייכט נאָך צוויי טויזנט יאָר גלות, וועט אי"ה ווייטער אויך דערגרייכן אַז שלום אין לאַנד זאָל אָנגעהאַלטן ווערן.

„דאָס אַליין," זאָגט ווידער אַמאָל מיין שמואל, „וואָס עס זיינען געעפנט געוואָרן שערי ציון אַז עס זאָלן קענען אַריינקומען די שארית הפליטה פון דער גאַנצער וועלט, מאַכט מיר פילן זייער גליקלעך צו זיין אין ישראל"...

און מיין ווייניקייט געזעגנט זיך מיט שמואל'ן דאָ ביים טעקסי. וואָס פירט מיך קיין חיפה צום שיף „קדמה" וואָס וועט מיר פירן ביז מאַרסיעל, פראַנקרייך. פון מאַרסיעל מיטן באַן קיין פאַריז, דאָרט צו פאַרברענגען אַ פּאָר טעג, פון פאַריז מיטן באַן קיין שערבורג און פון דאָרט מיט דער שיף קווין־עליזאַבעט קיין ניו יאָרק. עס איז אַ קורצער מאַרשרוט. אין דער ווירקלעכקייט אָבער, זייענדיק אויפן שיף, צווישן הימל און וואַסער, ווען מחשבה קומט זיך צוזאַמען מיט זכרון, פאַרסטו דורך גאַנצע וועלטן: אָט איז מען אַ קינד. יע, נאָר

וואָס אַ קינד געווען. אַזוי דייטלעך קענסטו יענע צייט זען... עס טוט באַנג וואָס אַלץ איז אַזוי ווייט. אָפּט דוכט זיך, אַז נעכטן איז עס געווען און שוין איז פאַרפלויגן אַ לאַנגע, לאַנגע צייט. איצט, אין דער שפּעטער נאַכט, דוכט זיך דיר אַז צייט האָט דיך פאַרפירט: —

ווי אַ קול במדבר, גייסטו פאַרלאָרן, —
אָט ביזטו נאָך דאָ, אַ מענטש, און אָט ווי נאָך גאָר ניט געבאָרן! —
אויפן שיף „קדמה" פון ישראל!
זאָל עס זיך ניט פאַרגעסן, גיין פאַרלאָרן".

שוין אָפּגעשיפּט זיך די ערגסטע טייל,
נאָך איין נאַכט ביז מאַרסיעל —
עס שטייט די שיף איצט אויף איין אָרט,
און עס טומלט זיך מיטן פרעמדן וואָרט, —

האָבן זיך זכרונות דורכגעטראָגן
פון טעג, פון שווערקייט, לויפן און יאָגן,
זיך גרייטן אין וועג איז ניט גאָר גרינג,
עס קומט אָן שווערלעך דורכגיין אַלצדינג;

עס ווילט זיך ניט מיט אַלץ דאָ שיידן
טראָץ דעם וואָס באַשלאָסן, ניטאָ וואָס צו ריידן...
הויבן זיך אָן שטורעמדיקע טעג,
דו פאַרלאָזט ישראל, גרייטסט זזי אין וועג...

ווער שמועסט, אַז מען איז אַ „מאַמע פון קינדער" —
זיך שיידן פון בית החלוצות פון אַלץ באַזונדער...
עס טוליען זיך די „טעכטער" צו „מאַמע" נאָך מער,
ווערט אויפן האַרצן נאָך שווערער ווי שווער.

ביז אָפּשידס־אָוונט איז געקומען,
האָסטו שוין אַלץ אַרומגענומען,
דו דערפילסט די איבערגעבנקייט
וואָס דו האָסט איינגעפלאַנצט אין אַ קורצער צייט...

מער פון הונדערט מענטשן, ווי אויך די שול־קינדער
גיבן לויב־געזאַנג יעדער באַזונדער;
די ברכות, דער געזאַנג, די האַרציקע לידער
צענעמען דאָס האַרץ און אַלע גלידער.

מען זיצט ביי שיין־געדעקטע טישן
און דו ביזט דאָ, אויך צווישן;
האָט מען אַלץ פאַר דיר דאָס צוגעגרייט,
אַזעלכע שיינע טישן פול פאַרשפּרייט.

ציט זיך געזאַנג, פריילעכקייט, אין נאַכט שפּעט;
אַלץ וועגן דיר און צו דיר בלויז מען רעדט,
און אָט איז אויף מאָרגן אַ שווערער טאָג,
יאָך מיט זכרונות גיבן זיך אַ יאָג, —

אַ „טאָוועלע" דערלאַנגט מען דיר,
דריי־און־צוואַנציק בוימעלעך געפלאַנצט פאַר דיר.
גייט עס פון געדאַנק ניט אַרויס,
עס באַגלייט דיך יעדן טאָג דורכאויס.

מיר ווינטשן דיך צוריק זען אַלע באַנאַנד...
מיר ווינטשן שלום צו דיין אַרויס פון לאַנד,
און אין לעצטן טאָג, צום אָפּשייד,
קומען אַרויס אַלע קינדער דיר זינגען אַ ליד:

דאָס ליד וועט זיך לאַנג ניט פאַרגעסן,
צוזאַמען מיט דער צייט וואָס אין ישראל געזעסן,
צוזאַמען דורכגעלעבט די גאַנצע מלחמה,
מיט ציטעריש טיף אין נשמה.

שיף „קדמה", מאַי 6, 1949

פּאַריז —

מאָרגן וואַרט דאָרט אַ שיף. זי וועט דיך ווידער אַמאָל פירן איבערן ים. צווישן הימל און וואַסער... — וואָס טוט יך אין ים אין טיפן? — ניט פאַר דיינע באַגריפן. — וואָס קענסטו מיט מחשבה טאָן? אַז עס האַלט אין איין שטורעמען, עס וויל נאָר איבער דיר רעגירן, עס לאָזט ניט רוען, טאָג ווי נאַכט נאָר עס וויל חשבונות פירן, פון דעם נעכטן, פון דעם היינט. ווי אין טיף ים, נאָך טיפער, גריבלט זיך מחשבה אין דיר, וועקט זכרונות אָן אַ שיעור, — באַלד און דו שיפּסט זיך ווידער; ווערט מחשבה מיט דיר גוטער ברודער... — אַ פיינער צימער, אַ גוטע בעט. דו ליגסט און קוקסט אַרום, אינגאַנצן אַ פרעמדע סביבה, מאָרגן גיי אַרויס און קוק אָן פּאַריז. עפּעס גאָר אַ קלייניקייט,

פּאַריז. היינט שפּעט אָנגעקומען, ניט באַוויזן עפּעס זען. — אַזוי האָט דיך דער מלאך פון שלאָף איינגעוויגט, ווי אַ מאַמע איר קינד... אין פרימאָרגן געדענקסטו אַז דו ביזט אין פּריז. און, אָט איידער דו קוקסט זיך אַרום, וועט עס אויך ווי אַ חלום פון דיר פאַרשווינדן. אָט געדענקסטו ניט די רייזע ביז אַהער דאָ אין פּאַריז. דאַרף מען זיין אַ העלד, קוקן, באַאָבאַכטן שעה נאָך שעה, וואָס מען קען זען דאָ. אָט שטייסטו אויף אַ באַלקאָן, אויפן זעקסטן גאָרן. דו וואונדערסט ווי דו ביזט אין דער פרעמדער סביבה פאַרפאָרן. עס איז שווער צו באַ־גרייפן יעדע זאַך: אַז מען איז אַ פרעמדער, מען פאַרשטייט ניט די שפּראַך. דוכט זיך אַז קיין צו פיל נייס, — ווי אין אַנדערע וועלט־טיילן, בלומען, גערטנער, שיינע גאַסן, שיינע אַלייען, — דו שפּאַצירסט באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ, אַ שטיק וועלט. פּאַריז. מען פירט אונדז אַרום: קוק אַהין, קוק אַהער, אָבער עס דוכט זיך אַז קליגער בין איך ניט געוואָרן, אַפילו אַז מיין אויג האָט זיך מיט אַ סך אָנגעזען, און מיין וויינקייט איז ניט קיין מבין? ווער איז שולדיק אין דעם? איז וואָס? — בלייבט עס מסתמא ביים אַלטן...

שוין צייט פאָרן צום באַן, פאָרן קיין שערבורג. פאָרט מען שוין ווידער אַמאָל. עס לויפט דער באַן, רעדער קלאַפּן, עס רוישט אין קאָפּ. מען קען אַפילו ניט הערן וואָס די מענטשן אַנטקעגן דיר, אין זעלביקן קאָמפּאַרטמענט, שמועסן. עס לויפן פאַרביי שיינע, גאַר שיינע פּאַנאָראַמעס, גרין, גרין, בוימער, בלומען, דערפער, אפשר שטעט...

עטלעכע שעה איז מען אַזוי אָפּגעפאָרן דורך אַ שטיק פראַנקרייך. ביז שערבורג, אויפן וועג, זעט מען אַ סך רואינעס. האָט מען אונדז דער־קלערט, אַז דאָס איז אַ זזכר לחורבן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין שערבורג האָט מען אונדז אויך אָנגעוויזן רואינעס וואָס זיינט דער מלחמה איז נאָך ניט צו האַנט געקומען גאַנץ צו מאַכן.

די שורות שרייבן זיך אויפן שיף קווין־עליזאַבעט, און נאָכטראַכטנ־דיק און זיצנדיק ווידער אַמאָל אין אַ קליינער וועלטל, ווי דאָ אויפן שיף, צושמועסט מען זיך מיט מענטשן וואָס פאָרן אַרום אָנקוקן די וועלט. זאָגט איינער צו מיר, אַז די שיף איז אויך אַ וועלט. — נאָ, קוק אָן — פאַרשידענע מענטשן, פאַרשידענע טאַלאַנטן זעסטו דאָ אין די אָוונט אויף די קאָנצערטן וואָס מען גיט דאָ צו פאַרוויילן די צייט. צוויי מאָל אין טאָג, מיטאָק צייט און אין אָוונט, צייגט מען מאָוויס און טאָמער ווילסטו, געפינט זיך דאָ אַ קליין „מקום קדוש" אויף צו תפילה טאָן, אויך פאַר יידן און אַ כשר טיש פאַר די וואָס ווילן נאָר עסן כשר... אַ סימן אַז עס איז דאָ אַ וועלט, אַז מענטשן גייען דאָ

אַרום הין און הער, און ווערן אָפּט פאַרבלאָנדזשעט... ס׳איז זייער אינ־טערעסאַנט זיך צו געפינען עטלעכע טעג דאָ אין דער וועלט. אָ, יע, שיער פאַרגעסן דערמאָנען די קאָרטן־טישלעך. מען שפּילט אין קאָרטן גאָר אויף היפּשע סומעס געלט, און אויב דו ווילסט, — זיץ אין לייען־זאַל, וואו מען פאַרברענגט זיך גאַנץ פיין. אַלץ איז אַזוי פיין אויסגעמעבלירט, אויסגעצירט, און די סטיואַרטס שטייען גרייט צו דיין דינסט...

אַזוי איז מען נאָך פינף פאַרגעניגנדיקע טעג ,אָנגעקומען אין ניו יאָרק פּאָרט.

עס דוכט זיך אַז ס׳איז שוין אַזוי לאַנג ווי מען איז אין וועג ? ! אָבער אָט בין איך באַלד אין ניו יאָרק ; שוין דורכגעפאָרן די פריי־הייט־טאַטוע, כ׳מיין פאַרבייגעפאָרן. אפשר איז דאָ ניט וויכטיק ד׳י גאַנצע פּראָצעדורע, דאָס שטיין אין קאַסטום הויז וואו עס שטייען אין שורות טויזנטער מענטשן, מחמת דעם טאָג זיינען אָנגעקומען עטלעכע שיפן. מען דאַרף דורכקוקן דיינע פּעקלעך, טראַץ דעם וואָס דו ווייסט ניט אַריינשמוגלדען עפּעס וואָס מען טאָר ניט... לאָך ניט ברודער, צוליב די שמוגלער דאַרפן די פיינע פּאַסאַזשירן אָפּשטיין שעה׳ען לאַנג און וואַרטן, אום צו קענען ווי עס איז זיך אָפּפאַרטיקן מיט קאַסטום־הויז. אַ נס נאָך וואָס מען לאָזט ניט אַריין אַהער קיין פריינט צו באַגעגענען די אָנגעקומענע. זיי שטייען דאָרט אָפּגעצאַמט, גאַנץ ווייט פון די אָנגעקומענע. אַזוי האָט די שרייבערין דערזען אירע קינדער פון דערווייטן וואָס האָבן שעה׳ען לאַנג געוואַרט... ענדלעך קום איך אַרויס צו מיינע קינדער. זיך אַרומגעכאַפּט, ווי עס איז גאַנץ נאַטירלעך....

איז וואו בין איך ? באַלד שוין אין ניו יאָרק. מיר פאָרן דורך גאַסן, מיר זיצן אַלע אין אויטאָמאָביל. איך קוק מיר דורכן פענצטער — דאָס איז ניו יאָרק ?

דאַכט זיך מיר אַז איך בין דאָ דאָס ערשטע מאָל. אַלץ איז פרעמד פאַר מיר. איך בין ניט איבעראַשט פון די רייכע גאַסן, די שיינע אויסגעצירטע פענצטער אין די געשעפטן. — היינט געקומען פון פּאָרט, אַרומגערינגלט מיט דיינע קינדער... אָבער אַ שווערקייט צעגיסט זיך איבער דיין האַרץ און נשמה. עס בענקט זיך נאָך אַלץ וואָס דו האָסט דאָרט איבערגעלעבט. דו ביזט ניט לאַנג, בלויז מיט צוויי יאָר צוריק אָנגעקומען אַהין, אין ארץ ישראל ; האָט זיך דאָך דיר גאָר געדוכט אַז דו ביזט קיין מאָל ניט אַוועק פון דאָרטן ; דאָ, אין דער קורצער צייט פילסטו זיך שוין פרעמד... עס פעלן יענע בלויע הימלען ; שוין בענקט זיך נאָך יענע זוניקע טעג, יעע קינדערשע טענץ ישראל׳

געזאַנג. עפּעס פילט זיך אַז איבערהויפּט איצט, ביזטו דאָך נאָך ניט זאַט געוואָרן מיט הנאה פון דעם געפיל פון נצחון וואָס הערשט אויפן יעדן שריט און טריט. דער זיג איבער די שונאים, וואָס עס האָט דערגרייכט די הכרזת מדינת ישראל — ביז חג יום העצמאות!

צום ערשטן יום העצמאות אין ישראל

מענטשן, בוימער, קינדער בלומען
זינגט אין ישראל ליד נאָך ליד;
ווער עס וויל און קען נאָר קומען —
פון גרעסטן ביז דעם קלענסטן ייד...

אויס מיט פאַרמאַכטע טויערן,
אויסגעקעמפט דאָס אייגן לאַנד,
שווער איז געווען די מלחמה פירן,
זיך שטאַרקן קעגן שונא נאָכאַנאַנד.

איצט איז טיר און טויער אָפן,
אַלע ווערן מיט פרייד אויפגענומען;
פון היטלער־גיהנום זיינען זיי געלאָפן —
זאָלן זיי קומען, צו אונדז זיי קומען.

אַ מדינה אַ נייע איז ישראל געוואָרן;
זינגט זיך פריילעך ליד נאָך ליד.
דער חלום איז דורות געטראָגן געוואָרן
אין לאַנגן גלות ביים ליידנדן ייד.

זינגט די יידישע נשמה פון גליק,
פאַר נחת עס ציטערן די גלידער,
דער ייד פון גלות קומט אַהיים צוריק
זיך אויסלעבן צווישן אייגענע ברידער.

מענטשן, בוימער, קינדער, בלומען —
אַלץ זינגט דאָס באַפרייאונגס ליד;
פון לאַנג גלות אַהיים געקומען,
און די וועלט דערקענט דעם אַלטן ייד!

תל־אביב, 1949

אין קינדער־וועלט

עס איז פריילעך אין קינדער־וועלט,
זע ווי קינדערלעך טאַנצן דאָ אַרום,
און ישראל לעבט זיך פריי —
דאָס לעבן הויבט זיך אָן פון דאָסניי;

קום זע, אין ראטשילד בולוואַרד
וואו עס שפּרודלט דאָס קינדער־לעבן —
זיי שפּילן זיך צווישן די בלומען —
פון דער גאַנצער וועלט אַהער געקומען.

עס פאַרהאַלט דאָס אויג צו זען,
ליכטיקע פּנימלעך, אויגעלעך גלאַנצן,
הנאה צענעמט אַלע גלידער —
מדינת ישראל צעבליט זיך ווידער...

מיט זיכערע טריט עס טרעט זיך דאָ,
אויפן אייגן באָדן, אָן אייגן היים —
אַ פרייד איז אָנקוקן דעם יונגן דור
אין אייגן לאַנד נאָך צוויי טויזנט יאָר.

עס איז פריילעך אין קינדער־וועלט
צו זען ווי קינדערלעך טאַנצן אַרום;
אין ישראל לעבט זיך פריי —
דאָס לעבן פאַנגט זיך אָן פון דאָס ניי!

תל אביב, 1949

זכרונות פון ירושלים

דוכט מיר אַז איך בין
נאָך אַלץ אין מזרח־ווינקל,
כאַפּ איך אין מחשבה אַ שפּאַציר —
אַהין, וואו מען בויט אַ היים פאַר מיר.

איך בין אין ירושלים ,וואַנדער אויף באַרג און טאָל,
אין יעדן ווינקל, אומעטום צויבערט,
וואו דאָס אויג דרייט זיך — נאָר מען בויט,
ווערן אין ירושלים נייע גאַסן אויסגעשפּרייט.

אַט איז הר הצופים פון דערווייט,
וואַנדער איך אַוועק אַהין...
איך ווער געפירט ווי פון אַ האַנט
אין ירושלים, און אין גאנצן לאַנד.

אַזוי ווער איך פאַרטראָגן אין צויבער־לאַנד,
וואַנדער גאַס־אויס, גאַס־איין
און ווינקלען וואָס נאָך קיינמאָל ניט געזען
באַווייזן זיך, פאַרשווינדן, ווי גאָר ניט געווען...

איך ווער פאַרלאָרן פון זיך אַליין
דאָרט, אין יענעם מזרח־ווינקל,
אַזוי דרימל איך אין מחשבה־שפּאַציר
דאָרט, וואו מען בויט אַ היים פאַר מיר!

הר הכרמל

הר הכרמל. אָט דאָ ניט ווייט
אליהו הנביא באַצירט אַלץ מיט גאָלד,
ים שפּיגלט זיך אַנטקעגן אָן אַ ריר,
שפּיגלט זיך צויבער דאָ פאַר מיר.

חיפה, גאַסן, מאָדערנע הייזער,
הדר הכרמל פול פּראַכט,
דוכט מיר, אַז איך לעב שוין דאָ יאָרן —
אפשר גאָר דאָ געבוירן געוואָרן?!

אַזוי זכרון מיט מחשבה נעמען אַרום,
רופט עס, עס גיט קיין רו,
רעיונות טוען זיך אַ צעשטיף,
אַז אָט, ביים ברעג ים, שטייט מיין שיף".

ירושלים, חיפה, תל אביב, יפו,
נאָך פילע קבוצים, מושבים
קומען אין זכרון, וואו פאַרבראַכט,
שוועבט עס אַרום ווי אַ חלום אין נאַכט.

די עטלעכע שורות ווערן צוגעגעבן צו די לידער צום סוף פון מיין בוך. די השפּעה פון ישראל, פון מדינת ישראל פאַרמאָגט אַ גוואַלדיקן

כוח צו באַאײנפלוסן יעדן אײנעם װאָס האָט נאָר באַזוכט ישראל... בפרט אַז די שרײבערין האָט געהאַט דעם זכות צו באַזוכן און פאַר־װײלן אין ישראל גאַנצע דרײ מאָל — איז גאָר קײן װאונדער ניט װאָס עס פאַרשיכורט נאָך מער װי שטאַרקער װײן... אגב זאָל דאָ צוגעגעבן װערן דאָס װאָס אין פסוק איז געשריבן: זכור את אשר עשה לך עמלק... נו? האָט דען היטלער ימח שמו וזכרו, ניט איבער־שטײגט עמלק׳ן? האָט ער אַזױ ברוטאַל ניט אומגעבראַכט אַ דריטל פון אונדזער פאָלק? איז צוליב דעם מדינת ישראל אַזױ שאצבאַר, אַזױ חשוב; אױסער װאָס דאָס לאַנד איז אַ לאַנד װאָס האָט קײן גלײכן ניט אין דער װעלט. און אױב ערגעץ געפינט זיך אַ ײד װאָס איז נאָך ניט ישראל־באַװאוסטזיניק, דאַרף ער און װעט עס װערן להכעיס אַלע אונדזערע שונאים.

איך שליס ביטן בטחון, אַז חג יום העצמאות װעט געפײערט װערן לדור דורות, אמן!